STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05437

ALE SHRIFTEN FUN DAVID FRISHMAN

David Frischmann

*Permanent preservation of this book was made possible
by Fran & Sam Alter
in honor of
grandchildren, David, Avery, Rosie*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלֶע

שריפטען

פון

דוד פרישמאן

מיט'ן בילד פונ'ם מחבר און הקדמה פון בעל-מחשבות (ד"ר עֶליאַשעֶוו).

I-טער באנד ערצעהלונגען

פערלאג פּעֶדאַגאָג לאָדז

דרוקעריי ש. בעלכאטאווסקי פיעטרקוב.

תרס"ט

1909.

דאָס קליינע מלאך׳ל.

איין אראבישע באָבע-מעשה.

אַמאָל און אַמאָל איז געווען... נור זאָגען מוז איך אייך, אַז אָט די באָבע-מעשה וואָס איך טהו אייך דאָ דערצעהלען איז שוין אַ שענע עטליכע מאָל דערצעהלט געוואָרען און שענע עטליכע פאָטען האָבען זי, ווייס גאָט, וויפיעל מאָל שוין בעשריבען, און איך — זעהט איהר — איך וויל זי אייך היינט נור איבער-דערצעהלען; איבער-דערצעהלען זי מיט מיין שוואַכער פשוטער שפראַכע.

און ווייסט איהר וואָס נאָך? — גאָר אַם שענסטען און גאָר אַם בעסטען האָב איך זי געהערט אַמאָל אויס דעם מויל פון איין אַלטע טערקישע-באָבע, אָט אין יענער גוטער גאָלדענער צייט, בעת מיין יונג בלוט האָט מיך פערטראָגען צו ווייטע פעלקער און ווייטע לענדער און איך בין אַמאָל געבליבען צווישען אַראַבער אין אַ ווייטער אַראַבישער קאָלאָניע...

און אָט דאַכט מיר גאָר, ווי עס וואָלט זיין ערשט נעכטען געווען: אין גאָרטען אויף דער גראָזבאַנק זיצט די אַלטעטשקע. די זון איז זיך פאַמעליך אונטערגעגאַנגען און די קינדערלעך זיצען ארום און ארום, יונגעלעך און מעדעלעך, איינקלעך און אוראייניקלעך, און אַלע האָרכען מיט גרויס כונה און מיט גליהעדיגע בעקלעך, אַז עס זאָל נור חס וחלילה קיין איינציג וואָרט נישט פערלוירען געהן. — זיס איז דאָס ליבט וואָס גיסט זיך אַראָב פון די לעצטע שטראַהלען פון דער זון, בלוי איז די לופט אַרום און אַרום און קלאָר ווי קריסטאַל, און אָט זשושען גאָלדענע

פֿאַרבּיגע זומער־פֿעגעלעך אָהנע צאָהל דורך יענע לופֿט, אַז די קינדער פּאַטשען אַזש מיט די הענטלעך און שרײַען אַז דאָס זענען גאָר קלײנע ליעבע מלאָכים׳לעך...

און די אַלטעטשקע דערצעהלט און דערצעהלט.

איהר ווייסט דאָך, קינדערלעך, — העבּט זי אָן — ווער אַללאַה איז, וואָס וואָהנט אויבּען אין הימעל, און מסתמא ווייסט איהר אויך, אַז חוץ אַללאַה וואָהנען דאָרט אויבּען אין הימעל אויך טויזענד און מיליאָנען מלאָכים, אַזוי אַז בּיז צום הײַנטיגען טאָג קען מען דאָס בּאין אופֿן ניט דערגעהען, וואָס איז דאָרט מעהר פֿערהאַנען, צי מלאָכים צי שטערען. און אָט יענע גוטע ליעבּע מלאָכים האָבּען דעם גאַנצען ליעבּען טאָג גאָר נישט וואָס צו טהון אַחוץ פֿרעהליך און לוסטיג צו זײַן, צו זינגען און צו לויבּען, אַללאַה׳ס וואונדער צו דערצעהלען און אַללאַה׳ן אָבּצוגעבּען זײַן שבח און זײַן כבוד, און ווען אַללאַה דערהויבּט זיך פֿון זײַן אָרט, דאָ דערהויבּען זיי זיך אויך און רופֿען אויס: היילִיג! היילִיג! היילִיג! — דאָס איז די גאַנצע גרויסע תורה וואָס זיי האָבּען צו טהון דעם גאַנצען ליעבּען טאָג, און ווען זיי ווערען אַ בּיסעל מיעד אונ אָבּגעמאַטערט פֿון אָט דער דאָזיגער שווערער אַרבּייט, דאָ ווערען זיי פֿרײַ געלאָזט, און זיי מעגען דאַן טהון וואָס זיי האָבּען נור חשק. דאָ נעמען זיי זיך צונויף און העבּען אָן צו שטיפּען און צו רעגירען, צו שפּרינגען און צו האָפּסען, צו קונדס׳ען און לצנות צו טרײַבּען, און דאָ העבּען זיי זיך אָן אַרום צו קײַקלען אויף דעם גאָלדענעם זאַמד און אויף די בּערגלעך ווייכע שטערען, אָדער חאַפּען זיך אָן אײנס דאָס אַנדערע בּײַ די פֿליגעלעך, בּכדי צו שפּיעלען אין פֿערדלעך, אָדער קלויבּען זיך אָן אַ פֿולען בּוזעם ווייכע קלײנע שטערענדלעך און וואַרפֿען זיי דאַן אײנס דאָס אַנדערע אין קאָפּ אַרײַן, אָדער חאַפּען אַ פּאָר פֿעדעם לאַנגע דיקע שטראַהלען און בּינדען דאַמיט אײנס דאָס אַנדערע אומפֿערהאָפֿט, און אַז אײנעם געראָט אַזאַ מין קונדס׳ערײַ און חברה דערזעהט עס, דאָ פּלאַצען זיי אַלע אַרויס

מיט אַ שטורמיש געלעכטער און רוישען און קלאַפּען מיט די ווײַסע קלײנע פליגעלעך און פרײען זיך און רעגירען און רוישען און שרײַען, ביז דער הימעל ווערט אַזש ניט צעפּלאַצט פאַר גרוים רעש. יאָ, יאָ, מײַנע קינדערלעך! דאָ אויף דער ערד, אַז די יינגעלעך ווערען ווילד און מאַכען אַן אַ רעש, דאָ פּלאַצט אַ מאָל די ערד פאַר גרוים רעש, אָבער אים הימעל אַז עס מאַכט זיך אַ מאָל אַזאַ מעשה, דאָ פּלאַצט פראָסט דער הימעל. זעהט איהר אָבער: אים הימעל, ווען אַ קלײן מלאָכ׳ל רעגירט אַ ביסעל צופיעל אַרום, דאָ רופט איהם אַללאַה אין אַ זײַט און העבט איהם אָן מוסר צו זאָגען און רעדט צו איהם רײד וואָס נעמען אָן בײַם האַרץ און לײגט איהם פאָר אַ גאַנצע תוכחה, אָדער עס מאַכט זיך אַמאָל אַז ער לעגט אויף איהם אַרויף דאָך עפּעס אַ קלײנע שטראָף און שטעלט איהם אין אַ ווינקעלע פונ׳ם הימעל, און דאָרט מוז נעבעך דאָס מלאָכ׳ל אַזוי לאַנג שטעהען, ביז זײַן זינד ווערט איהם פערגעבען און ביז אַללאַה רופט איהם צוריק און דערלויבט איהם ווידער פאַר זײַן הײליגען וואָלקען צו שטעהען. — און יעצט מײַנע ליעבע אײניקלעך און אוראײניקלעך, אַז איהר וועט זײַן גוטע, אָרענטליכע קינדער און וועט אײביג פאָלגען, דאָ וועל איך אײַך דערצעהלען אַ מעשה, וואָס האָט אַמאָל פּאַסירט מיט אַזוי אַ קלײן מלאָכ׳ל...

— דערצעהלט! דערצעהלט! מיר אַלע דאָ וועלען שוין זײַן גוט און אָרענטליך און וועלען אײביג פאָלגען!

אַ מאָל און אַ מאָל איז געווען אים הימעל אַ מלאכ׳ל און זײַן נאָמען איז געווען... יאָ יאָ, דעם נאָמען האָב איך שוין פערגעסען... און דאָס איז געווען, אַ קלײן שען מלאָכ׳ל, קלײן ווי אַ חדר־יונגעל און שען ווי אַ שפּיעלצײַג, מיט פולע, רונדיגע בעקעלעך און מיט בלויע אײגעלעך, וואָס האָבען געלײַכט ווי צוויי זונען, און מיט רויטע ליפּעלעך, ווי די קירשען, און מיט ווײַסע פליגעלעך, ווי דער פריש געפאַלענער שנעע; און דאָס דאָזיגע מלאָכ׳ל איז געווען אַזוי זיס און אַזוי ליעב פון קאָפּ ביז צו די

פים, אהן איין איינציגען פעהלער, און אויך זיין הערצעלע אין איהם איז געווען אזוי זיס און אזוי ליעב — דען ווען נישט דאס, דא וואלט ער דאך גאר נישט געקאנט זיין א מלאך. אבער עס מאכט זיך אמאל, אז אויך דער הימעל האט א פלעק און אויך א מלאך האט א חסרון! נאטירליך זענען דאס נור הימלישע פלעק און נור מלאכים'דיגע חסרונות — און שטעלט אייך פאר, אז אויך אונזער מלאכיל איז נישט געווען גאנץ פריי פון א חסרון. אמת איז אמת, ער האט נישט חלילה עפעס איין עולה געטהון אדער איין עבירה אדער א פערברעך, און נור א שטיקעל ליץ איז ער געווען און האט ליעב געהאט אפט קאטאוועסלעך צו טרייבען, אזוי אז די איינוואהנער פון הימעל האבען געקענט שרייען געוואלט פאר גרויס קרענקונג. און אללאה האט אלעס געזעהען און האט זיך געמאכט אוועק קוקען און האט דעם ליבען קינד גאר נישט געטהון דערפאר, דען ליעב און זיס איז דאס קליינע מלאכ'ל געווען אפילו ביי אלע זיינע קאטאוועסלעך און אלע זיינע געלעכטערלעך, און אללאה האט איהם ליעב געהאט און ער איז ביי איהם געווען דאס מוזינעק'ל, און אללאה האט געמוזט יעדעס מאל לאכען און האט איהם גערופען: קונדס! — עיקר־זאך האט אונזער מלאכ'ל נישט געקענט ליידען מוסר־ספרים, ווי למשל די ערנסטע פרקים פונ'ם קאראן, דען ער איז געווען אומגעדולדיג צו זיצען שטיל אונ אויסצוהערען דעם שטייפען מוסר, און ער פלעגט זאגען, אז אזעלכע הייליגע ספרים זענען נור געמאכט פאר מלאכים'ס וועגען אויף די עלטער, אדער פאר מענשענ'ס וועגען וואס וואהנען אויף דער ערד, און נישט פאר יונגע קליינע מלאכים'לעך, וואס האבען גאר ליעב א הוליע צו געבען און זיך צו פרייען מיט דעם לעבען. — אמאל האט זיך געקענט מאכען, אז עפעס א רוח האט אנגענומען אונזער קליין מלאכ'ל, און עס האט זיך איהם פערגלוסט א שטיף צו געבען, דא האט ער זיך צוגעחאפט שטילערהייט צו דעם אוצר פון שנעע און האט אזוי לאנג געלויערט ביז ער האט אנגעקריגען דעם שליסעל פונ'ם אוצר, און דא האט ער פאמעליך געעפענט

דעם אוצר, און אז ער האט דערשמעקט, אז עס איז נאך ווארעמלעך אויף דער ערד און די מענשען דרעהען זיך נאך ארום אין זייערע לייכטע זומערדיגע מלבושים, דא האט ער מיט איין מאל אראפ געווארפען אויף דער ערד גאנצע בערגלעך שנעע, אזוי אז עס איז פלוצלונג געווארען אונטען אויף דער ערד א פראסט פון 20 גראד און די מענשען האבען אזש געציטערט און געקלאפערט מיט די צעהן און האבען גאר נישט געקענט קלערען, ווער איז דאס דער בעל-מלאכה פון דער דאזיגער פלוצליגער קעלט. אדער עס האט זיך אמאל געמאכט, אז ער האט געזעהען ווי די פרומע מחמדאנער לויפען אין דעם הייליגען חודש ראמאזאן צו די נאכט-תפלות און ריכטען אב א מין גאטעס-דיענסט אונטער דעם פרייען הימעל, ווי די מצוה איז, דא איז איהם אנגעקומען פלוצלונג זיין קונדס'ערייא, און דא איז ער געלאפען גיך ביז צום סמבטיון העליון — דען אויך אויבען אין הימעל איז דא א סמבטיון — און האט גיך געחאפט דעם מזל „עמער", און האט איהם פול געשעפט מיט וואסער און האט דאס וואסער אראב געגאסען גלייך אויף דער ערד, און דא איז אונטען געווארען פלוצלונג א שלאקס-רעגען, און דאס פרומע פאלק אין מיטען בעסטען אבריכטען זענען נעביך משוגע'נער-הייט געלאפען ווי אין א מהומה, מיט די ספרים אין די הענט, און האבען זיך נעביך גאר נישט געקענט קיין עצה געבען, און אז דאס קליינע מלאב'ל האט דערזעהן די מהומה וואס ער האט אנגעשיקט אויף די פרומע מחמדאנער, דא האט זיין הערצעל געלאכט אין איהם פאר פרייד און דא האט עס ארויסגעלאזט א מין שטורמיש געלעכטער און האט געטאמפעט מיט די פיסעלעך אויף די בלויע פאדלאגע פונ'ם הימעל און האט געשריען אויף איין קול: הורא! — אמאל האט ער געזעהען ווי די ליכטיגע לבנה שיינט אראב אויף דער ערד, און דא איז איהם אנגעקומען פלוצלונג זיין שטיפעריי, און ער האט זיך אויפגעחאפט און האט אומגעדרעהט די גרויסע ליכטיגע שיסעל אויף די אנדערע זייט, און אויף דער ערד איז

פלוּצלִינג געוואָרען פִינסטער, פִינסטער ווִי אִין אַ זאַק, און דִי אָרעמע מענשען האָבען גאָר נִישט געוואוּסט, וואָס דאָ אִיז אַזוֹנס מִיט זֵיי געשעהען, דען דער הײלִיגער „לוּח" האָט דאָך פּוּנקט נבִיאוֹת געזאָגט, אַז עס ווערט זײַן לִיכטִיג. אָדער אַמאָל האָט זִיך געמאַכט, אַז אַללאַה האָט גענוּמען דִי לבנה און האָט זִי אײַנגעשלאָסען אִין אִיהר פוּטערפאַס, כּדי עס זאָל זײַן פִינסטער אוֹיף דער ערד און דִי מִידע מענשען זאָלען קענען זִיס שלאָפען און אוֹיסרוּהען אַ בִּיסעל פוּן זײערע גאַנצער שווערער פּראַצע, און דאָ האָט זִיך אוּנזער זִיס, קלײן, ווִילד מלאָכ'ל אוֹיפגעכאַפּט און האָט זִיך שטִילערהײַט אַרײַנגעגנב'ט דאָרט וואוּ דִי לבנה לִיגט בּעהאַלטען אִין אַללאַה'ס שאַפע, און דאָ האָט ער אַרוֹיס גענוּמען דִי לבנה אוֹיס אִיהר פוּטערפאַס און האָט אוֹיסגעבוֹיערט אַ לאָך אִין דִי פּאָדלאָגע פוּנ'ם הִימעל מִיט דעם עגבּערִיל פוּן זײַן פעדער-מעסער'ל וואָס ער האָט געקרִיגען געשענקט צוּ דעם טאָג אַז ער האָט אָנגעהוֹיבען קאָראַן, און דאָ האָט ער דִי לבנה אַרײַנגעשטוּפּט אִין אָט יענעם לאָך, און פּלוּצלִינג אִיז געוואָרען לִיכטִיג אוֹיף דער גאַנצער וועלט; און דאָס מלאָכ'ל האָט זִיך אַ נִידערגעשטעלט הִינטער דִי לבנה און האָט אַראָבּגעקוּקט אוֹיף דער ערד, צוּ זעהען וואָס עס טהוּט זִיך דאָרט, און דאָ זעהט ער וואָס פאַר אַ גערוּדער, וואָס פאָר אַגעפִּילדער, וואָס פאַר אַ פערדרעהענִיש עס טהוּט זִיך דאָרט! דען דִיא מענשען האָבען געגלוֹיבט דעם „לוּח" און האָבען זִיך פערלאָזט אַז עס ווערט זײַן פִינסטער און דאָ האָבען זֵיי געהאַלטען פּוּנקט אִין בּעסטען מִיטען פוּן אַלע זײערע שמדקײַטען און פערבּרעכען און עבירות: מענשען וואָס האָבען גאָר נִישט געזאָלט אײנס דאָס אַנדערע קוּשען, זֵיי האָבען דוקא זִיך געקוּשט און געהאַלזט מִיט גרוֹיס לִיעבשאַפט, און מענשען וואָס אײנער דעם אַנדערען האָט דוקאָ געזאָלט לִיעב האָבען, זֵיי האָבען נעבעך זִיך גאָר נִישט לִיעב געהאַט, און אַדרבּא, זֵיי האָבען זִיך גאָר געשלאָגען און געפּאַטשט, אײנער דעם אַנדערן, און דער אײגענער מאַן האָט געשלאָגען און געפּאַטשט זײַן אײגען ווײַבּ; און עטלִיכע פוּן דִי

מענשען זענען געוועןאויפגעשטאנען אין דער פינסטער אונטער־צוגראבען הייזער און אויסצוגעהן אויף גנבות און גזלות, און דא האט פלוצלינג די לבנה אנגעהויבען שיינען און די גאנצע וועלט האט געזעהן זייער שענדליך טהון; און דאס קליינע מלאכ'ל האט דאס דערזעהען און דא האט ער אנגעהויבען צו פאטשען אין די הענטלעך און צו טאמפען מיט די פיסלעך און צו שפרינגען און צו שרייען און צו לאכען אויפ'ן קול, אז דער הימעל האט אויך אנגעהויבען צו פלאצען פאר גרויס רעש.

אבער נישט בלויז מיט די איינוואהנער פון דער ערד האט אונזער קליינער מלאכ'ל אזעלכע קאטאוועסלעך געטריבען, דען טיילמאלס האט זיך איהם גאר פערגלוסט, זיינע מחזקות אויך מיט די הימעלס־לייט צו מאכען. — אמאל האט ער געזעהען אבו־בקר, דעם הייליגען, גרויסען נביא, זיצען אין א ווינקעלע און חאפען א דרעמעל, דען אבו־בקר איז איין אלטער מאן און איז מיעד און אבגעמאטערט, און אז ער זעצט זיך אוועק אויף איין מינוט, דא בעפאלט איהם באלד א שלאף; און דא איז אונזער מלאכ'ל ביי איהם גראד פארבייגעגאנגען און האט דערזעהען די טאבאק־פושקע וואס דער אלטער האלט אין האנד, און אט איז אונזער מלאכ'ל זיך אין די הימלישע קיך אריינגעפלויגען, דארט וואו עס קאכען זיך אלע גוטע זאכען פאר די פרומעס וועגען, און די גוטע זאכען קאכען זיך אין קעסעל מיט א סך זאלץ און א סך פעפער ווי עס געהערט צו זיין; און דא האט ער ארויסגענומען זאלץ און פעפער און איז גיך צוריק צו אבו־בקר'ן און האט שטילענקער־הייט איהם אריינגעלעגט דאס זאלץ און דעם פעפער אין די פושקע אריין, און אז דער אלטער איז דערוואכט און האט גענומען א שמעק טאבאק ווי דער שטייגער איז, דא איז איהם דאס זאלץ און דער פעפער געשטיגען אין די נאז אריין, און דא האט ער אנגעהויבען שטארק ניעסען, איינמאל און צוויימאל און דריימאל, אז עס האט גאר נישט געוואלט קיין סוף נעמען, און דער אלטער נביא איז געווארען צו שאנד און צו שפאט ביי אלע יונגע

מלאָכים׳לעך, און אַלע האָבען געלאַכט אויפ׳ן קול, און אונזער מלאָכ׳ל האָט געלאַכט מעהר ווי אַלע. אָבער אַ זעלכע געלעכטערלעך ווי ער האָט זיך געמאַכט מיט אַבו־בקר׳ן האָט ער געמאַכט אויך מיט מחמד און מיט זיין ווייב כּדיזשאַ אַליין.

אַמאָל איז ער זיך שפּאַציערען געפלויגען אין דעם גן עדן העליון, און דאָ האָט ער אויף אַ גראָזבאַנק אים גאָרטען דערזעהען ווי מחמד זיצט מיט זיין ווייב כּדיזשאַ, און מחמד האַלט זיין קאָפּ אין זיין ווייב׳ס שויס, און איז ענטשלאָפען געוואָרען, און כּדיזשאַ האַלט אין דער האַנד אַ קאַם און קעמט איהם זיינע האָר און רייניגט זיי, ביז זי איז אויך ענטשלאָפען געוואָרען. דאָ איז אונזער מלאָכ׳ל פּאַמעליך אויף די שפּיץ נעגעל צוגעגאַנגען, און האָט צוגעבונדען כּדיזשאַ׳ס צאָפּ צו מחמד׳ס באָרד, און האָט זיי פעסט פערקניפּט, און איז שטילערהייט אַוועק פון דאָרט. ווי אָבער די אַלטע לייט זענען דערוואַכט און האָבען געזעהען אַז זיי זענען צונויף געבונדען, האָבען זיי זיך געוואָלט גראָד אַ ביסעל צו ווערטלען, ווי דער שטייגער איז צווישען מאַן און ווייב, און האָבען געוואָלט איינס פון דאָס אַנדערע ענטלויפען, און האָבען אָבער נישט געקענט, דען זיי זענען דאָך געווען צונויף געבונדען, דאָ זענען זיי געוואָרען צום געשפּעט פאַר׳ן גאַנצען הימעל, פון איין עק הימעל ביז צום אַנדערען, און די מלאָכים און די שׂרפים און די כּרובים זענען אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ שטורמיש געלעכטער ווי זיי האָבען די דאָזיגע זעלטענע ערשיינונג דערזעהען, דען אַ זעלכעס האָבען די איינוואָהנער פון הימעל נאָך נישט געזעהען זייט דער הימעל שטעהט.

און אַללאַה האָט געזעהען און געהערט און געוואוסט אַלדינג וואָס זיין ליעב מלאָכ׳ל טהוט, און האָט איהם געשוויגען און האָט איהם קיין בייז וואָרט נישט גערעדט און האָט איהם געלאָזט ווייטער אַ זעלכע מעשׂות אָבאַרבייטען, דען ער האָט איהם זעהר ליעב געהאַט, און טיילמאָלם האָט ער ביי זיך אין האַרצען שטילערהייט זיך גאָר געפרייט איבער אַלע יענע

קונדס'ערייען און אויסגעלאַסענע מעשה'לעך וואָס זיין ליעב, ווילד, אויסגעלאַסען מלאכ'ל פערפיהרט, און פלעגט ביי זיך זאָגען: פריי דיך, קונדס'ל! — דען וויסען זאָלט איהר, מיינע ליעבע אייניקלעך און אוראייניקלעך, ס'איז אַ ליגענד וואָס מען האָט אויסגעטראַכט, אַז אַללאַה איז אַ בייזער און געהט אַ גאַנצען טאָג אַרום מיט גרימצאָרן און רק ער דונערט און בליצט — אדרבא! אויך ער וויל אַז דער הימעל זאָל אייביג זיין לוסטיג און פרעהליך און אַלעס זאָל זיין אויפגערוימט און אַלעס זאָל לאַכען און פרייען זיך.

אָבער יעדע זאַך מיט אַ מאָס! ווי אונזער מלאכ'ל האָט איבערגעחאַפּט אַ ביסעל דאָס שנירעל און זיין אויסגעלאַסענקייט האָט שוין גאָר קיין מאָס און גאָר קיין גרעניץ ניט געהאַט, דאָ האָט אויך אַללאַה נישט מעהר געקענט שווייגען און האָט איהם געמוזט אַ ביסעל בעשטראָפען.

איהר ווילט וויסען, קינדערלעך, ווי דאָס איז צוגעגאַנגען? — גאַנץ פּראָסט, זאָג איך אייך!

אין איינעם שענעם פריהמאָרגען קומט זיך אונזער מלאכ'ל אין דעם שטאַל אַריין, דאָרט וואו עס שטעהט אַללאַה'ס „וואָגען" און דאָ חאַפּט ער זיך צו די מלאכה און פיהרט אַרויס דעם וואָגען פונ'ם שטאַל, און גיך לויפט ער צו די מזלות און נעמט פון די צוועלף מזלות אַלעם וואָס ער קען אַט יעצט ברויכען, למשל דאָס מזל „לעמעל" און דאָס מזל „אָכס" און דאָס מזל „ציקעלע" און דאָס מזל „לייב" און שפּאַנט זיי אַלע איין אין דעם וואָגען, און דאַן נעמט ער דאָס מזל „בויגען" און הענגט איהם אַריבער פאָרענט פאַר דעם וואָגען, אַז עס זאָל זיין מיט אַ דוגמא פון פאָרענט, און דאָס מזל „צווילינג" זעצט ער אַוועק אין וואָגען אַריין און ער אַליין זעצט זיך אַוועק אויף די קעלניע פאָרענט, און הײַדאַ! מיט אַ גרויס געטומעל און געפילדער און גערעש פאָהרט מען אין איין אימפּעט פון איין עק הימעל ביז צום אַנדערען עק! צום סוף אַז אונזער מלאכ'ל איז אָנגעקומען אין די

שענסטע און פֿאָרנעהמסטע גאַס פֿון דעם הימעלס גאַסען, דאָרט אין די הויפּטגאַס אַריין וואָס ווערט אָנגערופֿען „מילך־גאַס״, דאָ האָבען פּלוצלינג די שטילע פֿאָרנעהמע איינוואָהנער פֿון דאָרט דערהערט דאָס גערעש פֿון אַבײַטש און פֿון רעדער און האָבען זיך אַלע אויפֿגעכאַפּט אין אײן ציטערניש, און די מהומה איז געווען גאָר אומבעשרײַבליך, דען אַלע האָבען געמיינט אַז אַ שׂונא איז פּלוצלינג בעפֿאַלען דעם הימעל, בכדי מלחמה צו האַלטען, און די געפּלאַסטערטע שטיינער פֿון דער מילך־גאַס זענען צעזעצט און צעשפּרונגען געוואָרען פֿאַר גרויס אײַלעניש פֿונ׳ם וואָגען, און אוים די שטיינער איז געוואָרען ברעקלעך און אוים די ברעקלעך איז געוואָרען שטערענדלעך – אָט ווי מיר זעהען עס טאַקי ביז צום הײַנטיגען טאָג. און אַלע איינוואָהנער פֿון אויבען, פֿון איין עק הימעל ביז צום אַנדערען עק, האָבען אָנגעהויבען געוואַלט צו שרײַען, אַז אַזאַ מעשׂה רע האָט זיך נאָך נישט פּאַסירט זײַט דער הימעל שטעהט, און די עלטסטע לײַט פֿון הימעל געדענקען נישט אַז אַזוי אַ יונג, קליין מלאָכ׳ל זאָל זיך קענען אַזוינס אונטערשטעהן, דאָס געשפּעט צו האָבען פֿון אַלטע בכבוד׳ע לײַט, און די אַלטע האָבען אָנגעהויבען זיפֿצען און קלאָגען און אויקען, אַז „אַפֿילו אין הימעל האָט מען אויך שוין מעשטײַנס געזאָגט קיין מנוחה נישט״! און דאָ האָבען זיי געהאַט בדעה אַהין צו געהן ביז צום הײַליגען וואָלקען, און צו דערצעהלען אַלדינג אַז אַללאַה אַליין זאָל וויסען וואָס זײַן מוזיניק׳ל האָט אָנגעמאַכט. נור איהר ווייסט דאָך, אַלטע לײַט רעדען נור מיט דעם מויל און טהון טהוען זיי גאָר נישט! אָבער, זעהט איהר, דאָרט אין הימעל אויפֿ׳ן עק פֿון דער מילך־גאַס אין אַ פֿערבאָרגענעם ווינקעל וואָהנט זיך די „בתולה״, אָט יענע בתולה וואָס איז אויסגערעכענט צווישען די צוועלף מזלות, און דאָס איז איין אַלטע, פֿערגרינטע, אויסגעדאַרטע בתולה, וואָס האָט קיין מאַן נישט געקריגען, און זי זיצט דאָס אַלץ נאָך פֿעריאַדעט און פֿערביטערט און וואַרט אויף

איהר דערלעזער; און זי האָט אַ געשליפען מיילכעל און אַ שפּיציג ציגנעל, אַז אַלע וואָס וואָהנען אויבען אין הימעל האַפּט אָן אַ פּחד ווען מען דערמאָנט איהר נאָמען. און דאָ איז די דאָזיגע „בתולה" געלאָפען אין איין איטפּעט אַהין ביז צום הייליגען וואָלקען, און אַז אַללאַה האָט זי דערזעהען אָנקומענדיג, דאָ האָט אויך ער כביכול אַ ציטער געגעבען, דען ער האָט גוט געקענט די געהערטע „בתולה" און האָט וואָהל געוואוסט אַז אַפילו דער שטן געהט איהר אויס'ן וועג. אָבער דאָס מאָל האָט דאָך די „בתולה" רעכט, זעהר זעהר האָט זי רעכט! איין אומרעכט איז אין הימעל געשעהען, אַ מעשה וואָס זאָל גאָר נישט געדאַכט ווערען, און עס איז גאָר נישט דאָ קיין אַנדערע עצה ווי דעם פערברעכער צו בעשטראָפען, און אַפילו האַרט, זעהר האַרט, צו בעשטראָפען! – און דאָ האָט אַללאַה גערופען צו זיך דאָס קליינע מלאָכ'ל און האָט גערעדט צו איהם אַזוי: „מאַרש! מאַרש אַרויס פון הימעל און אַראָב אויף דער ערד, און דאָרט וועסט דו צווישען די מענשען וואָהנען און וועסט נישט מעהר אין הימעל אַרומווירטשאַפטען. זעהסטו, דו ביזט דאָך גאָר נישט ווי אַ מלאך געוועזען, וואָס איז רעכטשאַפען און פרום און גוט, נור פראָסט ווי אַ מחבל ביסטו געוועזען, וואָס יעדעם הייליגע איז ביי איהם אַ געלעכטערעל און וואָס אַפילו אַ „בתולה" איז ביי איהם גאָר נישט קיין מיוחס, איהר אָבצוגעבען דעם נייטיגען כבוד. און דאַריבער, מאַרש אַראָב אויף דער ערד, און דאָרט וועסטו וואָהנען, ביז דער צאָרן פון דיינע פיינד וועט זיך אַ ביסעל האָבען געלעגט, און דאָ ערשט וועסטו קענען צוריק צו אונז. אָבער וויסען זאָלסט דו: נישט איך וועל דיך צוריק נעמען אין הימעל אַריין, נור דו אַליין מיט דיין אייגענעם כח און מיט דיין אייגענעם פערשטאַנד מוזט זעהען צוריק צוקומען, און פון הימעל וועט קיינער נישט זיין וואָס וועט דיר דאַביי עפּעס העלפען!"

און אַללאַה האָט געלאָזט אַ שווערען שלאָף פאַלען אויף אונזער מלאָכ'ל און אין שלאָף האָט ער איהם די שנעע־ווייסע פליגעלעך אָבגעשווירען.

ווי דאָס קליינע מלאָכ׳ל איז דערוואַכט געוואָרען, דאָ האָט ער זיך אויסגעריבען די אייגעלעך און האָט זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטען, און דאָ האָט ער געזעהען, אַז ער ליגט אויף דער ערד אין אַ גאָרטען אויפ׳ן פעלד, און אַ רויזען־ריח קיצעלט איהם ביי די נאָז־לעכעלעך, און זיסע ליכט־שטראַהלען צוגיסען זיך איבערן גאַנצען פלאַץ, און זומער־פייגעלעך און זשוקעס שווימען אַרום אין דער קריסטאַל־ריינער לופט, און אויבען אין דעם בלויען ים אונטער׳ן הימעל פליהען אַרום די פייגעלעך און זינגען און זינגען, אָהן אַ סוף, אָהן אַ מאָס. דאָ האָט ער זיך געדרעהט אַהין און אַהער, און פערוואונדערט האָט ער אַלעם אָנגעקוקט, און האָט גאָר נישט געוואוסט, וואו ער איז דאָ אין דער וועלט; און נור איינציגווייז, איינציגווייז האָט ער זיך אָנגעהויבען צו דערמאַנען, און דאָ האָט ער זיך דערמאַנט און געדענקט אַלדינג וואָס האָט זיך מיט איהם אָבגעטהון אין די לעצטע פּאָר שעה און דאָ איז איהם פּלוצלינג געוואָרען עפּעס אַזוי אומיטיג און טרויריג, און ער האָט אָנגעהויבען צו טראַכטען און צו טראַכטען. אָבער דאָס לאַנגע טראַכטען און די טיעפע מחשבות האָט אונזער מלאָכ׳ל פון תמיד אָן נישט ליעב געהאַט, און זיי זענען איהם געוואָרען לעסטיג אויך אַצונד, און דאָ האָט ער געלאָזט דאָס טראַכטען און דאָס קלערען, און האָט אָנגעהויבען מיט כונה בעטראַכטען און בעקוקען אַלעם אַרום און אַרום, און דאָ האָט ער געזעהען אַז דאָס אַלעם איז גאָר נישט אַזוי שלעכט, און אַלעם האָט איהם אָנגעהויבען צו געפעלען. און אויפגעחאַפּט האָט ער זיך און איז אַהין צום פרישען קוואַל, אין דעם טייך מיט די טאַנצעדיגע וועלען און מיט די קליינע און גרויסע פישעלעך, און די בלומען און די רויזען האָט ער מיט חשק בעטראַכט, און אַרומגעשפּרונגען איז ער פון בלום צו בלום און פון רויז צו רויז, און איז געווען גליקליך און צופריעדען, לוסטיג און אויפגערוימט, ווי נאָך קיינמאָל נישט. „איהר ליעבע זומער־פייגעלעך״! האָט ער גערופען — וואו איהר וועט פליעהען, וועל איך אויך פליהען און וואו איהר וועט טאַנצען, וועל איך אויך

טאנצען, אלעס גלייך מיט אייך"! און דא האט ער געפרובט אויפהויבען זיך פון דער ערד און מיטפליהען, אבער — א צרה איז איהם געשעהען! — אללאה האט ביי איהם דאך צוגענומען זיינע פליגעלעך און ער האט עס גאר נישט געוואוסט, דען אללאה האט זיך געטראכט: זאל ער נור נישט קיין פליגלען האבען און זאל ער נישט צו גיך צוריק אויפ'ן הימעל ארויף. „גם זו לטובה! זאל דאס זיין צום גוטען"! האט אונזער מלאכ'ל אויסגערופען און האט זיך צוויי טרעהרען אויסגעווישט פון זיינע צוויי אויגען, פון דעם רעכטען און פון דעם לינקען אויג, איין טרעהר פאר גרויס טרויריגקייט און איין טרעהר פאר גרויס שמחה — „ווי עס וויזט זיך אויס וועל איך שוין ניט קענען צוריק אויפ'ן הימעל ארויף, ביז מיינע פליגלען וועלען מיר ווידער וואכסען. אבער אויך די ערד געפעלט מיר גאר נישט שלעכט; זי איז גאר נישט אזוי שלעכט און אזוי מיאוס ווי מען האט מיר אייביג אנגערעדט אין הימעל! אדרבא, אלעס איז דא אזוי לוסטיג און אזוי אויפגעראמט דעם גאנצען טאג, און קיינער פערלאנגט גאר נישט פון מיר אז איך זאל געהען שטענדיג איינגעשפאנט אין דעם חאמאנט און צו זיין פרום און שטיל און געלאסען פון דער פריה ביז ביי נאכט". אזוי האט אונזער ווילד, זים מלאכ'ל צו זיך גערעדט, און דאן האט ער זיך אויפגעחאפט און איז ארומגעשפרונגען מיט די זשומעדיגע ביענען און מיט די רוישעדיגע פליעגען און מיט די קוואקעדיגע פרעש און מיט די שרייעדיגע איידעקסען; און אללאה אויבען אין הימעל האט דאס אלעס געזעהען און האט זיך בעהאלטענערהייט צו־געקוקט צו אלעס וואס זיין ליעב מוזיניק'ל טהוט, און זיין הארץ האט זיך געפרייט און ער האט איהם ליעב געקריגען טויזענד מאל מעהר ווי פריהער.

צו מארגענס אין דער פריה, אז עס איז טאג געווארען, דא איז אונזער מלאכ'ל אויפגעשטאנען גאנץ צייטליך און איז זיך א ביסעל געגאנגען אונטער מענשען און האט אנגעהויבען אונטער

מענשען צו ווײַלען זיך – עטליכע טעג און עטליכע וואָכען איז זיך אונזער מלאַכ׳ל אַזוי געווען אונטער מענשען, און זיי זענען איהם גאָר נישט קשה געפעלען געוואָרען, און ער האָט אײַנגעזעהען אַז זיי זענען טויזענדמאָל בעסער ווי זייער שם וואָס מען האָט זיי געמאַכט אויבען אין הימעל, און דאָ האָט ער זיך זעהר געפרייט מיט זיי און נור שטילערהייט האָט ער געמוזט לאַכען איבער זיי, אַז ער האָט זיך אַמאָל צוגעהערט צו זייערע חקירות און זייערע תורות און זייערע סיסטעמען און פילאָסאָפיען, וואָס איינער לערנט מיט דעם אַנדערען וועגען גאָט און וועגען הימעל, וועגען גיהנם און וועגען שטן, און יעדער מיינט אַלץ, אַז ער האָט דאָס דעם גאַנצען אמת שוין געפונען, און אַלע צוזאַמען זענען זיך דאָך טועה פון קאָפּ ביז צו די פיס און ווייסען דאָך לחלוטין גאָר נישט, וואָס זיי רעדען; יעדעס מאָל האָט געמוזט אונזער מלאַכ׳ל שמייכלען – אָבער דעם אמת האָט אויך ער זיי נישט געזאָגט.

און אַזוי זענען אַוועק געגאַנגען וואָכען און חדשים.

און זעהט איהר, מיינע קינדערלעך: אײַנציגוויז, אײַנציגוויז האָבען די מענשען אָנגעהויבען בײַ איהם זייער חן צו פערליערען און האָבען אָנגעהויבען ווערען אַ ביסעל נאַריש אין זיינע אויגען און זייער גרויסע און שטאַרקע חכמה האָט אָנגעהויבען פלוצלינג בײַ איהם אַ פּנים צו האָבען פון פּראָסט נאַרישקייט, און אויך די וועלט האָט אָנגעהויבען אויסצוקוקען בײַ איהם ווי אַ נאַרישע לעסטיגע וועלט, און אַלעס איז איהם געוואָרען לעסטיג און לאַנגווײַליג, און ער האָט דאַן געהאַט נור איין וואונש: צו ענטקומען פון דאַנען וואָס גיכער – און דאָ איז ער געוואָרען טרויריג און אומעטיג און איז אַרומגעגאַנגען פערטראַכט און ווי פערחלומ׳ט.

„קענט איהר מיך נישט אויפהייבען און מיטנעמען ביז צו אַללאַה׳ן, וואָס וואָהנט אין הימעל״? האָט ער די פויגעל געפרעגט וואָס פליעהען ביז צו די וואָלקענס. „מהיכא תיתא״! האָבען איהם די פויגעל געענטפערט - „פון אונז ביז צום אָרט, וואו אַללאַה

זיצט, איז סך־הכּל נור א ייִן טריט, און װער נאָך קען, אַזוי גוט ווי מיר, דיך הויבען ביז צום הימעל"? – אָבער די דאָזיגע באַריהמערס האָבען נור געקענט זיך באַריהמען און מקיים זײַן האָבען זיי גאָר נישט געקענט. ביז איבער'ן דאַך פֿון דעם הויכען „מינאַרעט" האָבען זיי דאָס קלײנע מלאָכ'ל געקענט הויבען, און דאָ האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט און װײַטער האָבען זיי שוין נישט געקענט, און דאָ האָט געמוזט דאָס מלאָכ'ל צוריק אַראָב מיט זיי אויף דער ערד, און איז שוין װײַטער געװען אויף דער ערד ווי פֿריהער.

„איז נישט פֿערהאַנען דאָ עפּעס אַ געלעגענהײַט וואָס פֿאָהרט גראָד אין הימעל אַרײַן"? האָט דאָס קלײנע מלאָכ'ל אויסגערופֿען צו מאָרגענס אין דער פֿריה, ווי ער איז געשטאַנען אין גאַס אויפ'ן פֿעלד – „יאָ יאָ, עס איז פֿערהאַנען, מוזט אָבער גיך מאַכען און נישט באַלעמוטשען"! האָט איהם אַ שטאַרק, מעכטיג קול געענטפֿערט, און אין דער אײגענער מינוט איז אַ גרויסער מעכטיגער שטײן־אָדלער מיט לאַנגע מעכטיגע פֿליגלען פֿאַרבײַ געפֿלויגען איבער זײַן קאָפּ אין דער הויך, און דאָ האָט אונזער מלאָכ'ל זיך אַרויפֿגעכאַפּט אויף דעם אָדלערס פֿליגלען, און אַזוי זענען זיי אַרויף אין די וואָלקענס אַרײַן און אַזוי זענען זיי צוזאַמען געפֿלויגען העכער און העכער, העכער און העכער, ביז זיי זענען געװען איבער די שפּיצען פֿון די העכסטע בערג, וואָס אײַן אײביגער שנעע ליעגט אויף זיי; אָבער העכער פֿון די דאָזיגע בערג האָט אויך דער אָדלער זיך נישט דערהויבען, דען ער האָט נישט געקענט מעהר, און פֿון דאָרט ביז צום הימעל איז דאָך פֿאָרט נאָך אַ שײן שטיקעל וועג. „אויך דו ביזט נאָר אַ באַריהמער, אַ פּלוידער־זאַק!" האָט דאָס מלאָכ'ל זיך אויסגערופֿען און איז אַראָפּ פֿון אָדלער און איז געגאַנגען צו פֿוס און האָט זיך שטאַרק פֿערטראַכט.

„דו מוזט דיך צו די מענשען װענדען – ציפּצעריפּ! ציפּצעריפּ!" האָט זיך אַ שוואַלב אָנגערופֿען, זיך װענדענדיג צום מלאָכ'ל – „זעהסטו, איך האָב מיט דעם מענש יאָהרעלאַנג געוואָהנט,

מיר בײדע האָבען אײגענטליך אײן דאַך נור געהאַט, און איך קען איהם, זאָג איך דיר, גאַנץ גוט און גאַנץ גענוי, און הער וואָס איך זאָג דיר: אַחכם איז דער מענש, קלוגער פון אַלע בעשעפעניששען אויף דער וועלט, און זײן עצה איז פראָסט געטליך, און דאַריבער ראַטה איך דיר: געה אַהין צו איהם. און ער וועט דיר שוין אַן עצה געבען — ציפצעריפ, ציפצעריפ!"

„דער מענש?!" האָט זיך דאָס מלאָכ'ל אָנגערופען און האָט זיך צולאַכט — דו טרײַבסט אַודאי קאַטאָוועס מיט מיר, ווען דו זאָגסט: דער מענש איז אַחכם; און איך, זעהסטו, איך האָב דאָך בײַ איהם גאָר דאָס געגענטהײל געזעהען!"

„דאָס איז מסתמא נור אַזאַ צופאַל געוועזען, און טאַקי נור דאַריבער, ווײַל געוועהנטליך האָבען רק נאַררען מיט מלאָכים צו טהון", האָט די שוואַלב געענטפערט — „אָבער פרוב דיך נור און זוך גוט, וועסטו זעהען, וואָס פאַרע חכמים עס געפונען זיך צווישען די מענשען, און דו וועסט אײַנזעהען, ווי גערעכט איך בין — ציפצעריפ, ציפצעריפ!"

„אָמן, הלוואַי זאָל אַזוי זײַן ווי דו זאָגסט!" האָט דאָס מלאָכ'ל געענטפערט און איז אַוועק פון דאָרט און איז געגאַנגען העט, העט, ביז ער איז אָנגעקומען אין אַגרויסע שטאָדט.

ענדליך איז ער געקומען צו אַמענש, וואָס וואָהנט אין אַפרעכטיגען הערליכען פאַלאַץ, און דער דאָזיגער מענש האָט געהאַט אַגרויסען ברײַטען שטערען, און ווי דאָס מלאָכ'ל האָט דערזעהען אָט יענעם שטערן, דאָ האָט ער בײַ זיך געטראַכט: אין אַזאַ שטערען וואָהנען נור גרויסע הויכע געדאַנקען! און דער דאָזיגער מענש איז געזעסען בײַ זײַן קאָנטאָר־טיש, און ווי דער מלאך איז שטילערהײט צו איהם צוגעגאַנגען, האָט ער גראָד געצעהלט די פעקלעך וואָס זענען געלעגען אָנגעהויפט פאַר איהם: „אײן מיליאָן — הונדערט מיליאָנען — טויזענד מיליאָנען" — האָט דער מענש גערעדט צו זיך אַלײן — „ווי עס ווײַזט זיך אוים, האָב איך שוין מעהר מיליאָנען ווי אַללאַה האָט שטערען אין הימעל; מײַנע

געדאנקען געהען אלץ העכער און העכער און זיי שטייגען אריבער איבער די גאנצע וועלט און גרייכען ביז צו די וויטעסטע אינזלען, און ווער ווייס, אויב מיט מיין געלד וואלט איך נישט זיין אים שטאנד, מיר א הויז אויפצובויען אפילו אויף דעם העכסטען שטערען אין הימעל". און אונזער מלאכ'ל האט דאס אלץ געהערט און האט ביי זיך געטראכט: „ווען אזוי, דא האב איך דאך פונקט אריינגעטראפען צו אזא מענש ווי איך זוך! ווען דער דאזיגער מענש האט באמת אזעלכע הויכע גרויסע געדאנקען, וואס שטייגען ביז צו די וואלקענס און וואס גרייכען ביז אין די וויטע הימלען אריין, דא ברויך איך דאך נור צו ווארטען ביז אזא געדאנקען וועט ארויס פון זיין שטערען, און דא וועל איך מיט איהם באלד ארויף גלייך אין הימעל אריין", — און דער מלאך האט געווארט און האט געלויערט אויף אזא געדאנקען, און ווי אזא געדאנקען איז ארויס פונ'ם מיליאנער'ס קאפ, דא האט זיך דאס מלאכ'ל ארויף געחאפט אויף איהם און האט אנגעהויבען רייטען אויף איהם און איז געפלויגען און געפלויגען און איז געשוועבט און געשוועבט — און פון די מינוטען זענען געווארען שעה'ן, און פון די שעה'ן זענען געווארען טעג, און דאס פליהען האט גאר קיין סוף נישט גענומען. אבער ווי דאס מלאכ'ל האט אנגעהויבען זיך גוט ארומקוקען, דא האט ער דערזעהן, אז נישט געשטיגען זענען זיי, נור אראב געניעדערט, נישט העכער זענען זיי געקומען, נור ניעדריגער, און עס פעהלט נור נאך א ביסעל און זיי וועלען זיך באלד ארומקייקלען אין דער בלאטע דארט אין דער טיעפעניש פון דער העל, אנשטאט וואס זיי האבען געמיינט צו קומען אין הימעל אריין, און נישט ביז צו די שטערען זענען זיי אנגעקומען נור ביז צו די געלד־זעק וואס ליעגען אויף דער ערד. דא האט זיך אונזער מלאכ'ל מיט אימפעט אויפגעחאפט און האט געראטעוועט זיין נשמה און איז ענטרינען געווארען, און ביי זיך האט ער זיך געטראכט: ניין, מיט עשירות קומט מען נישט אין הימעל אריין!

דאַן איז ער געקומען צו אַ מענש, וואָס ער געהט אָנגעטהון אין גאָלד־געשטיקטע קליידער און וואָס ער טראָגט אַ שווערט אין דער זייט, בעזעצט מיט לויטער בריליאַנטען און עדעלשטיינער, און דאָס פּנים פון דעם דאָזיגען מענש איז פלאַמען־רויט און איז פול מיט שטאָלץ און גרויסקייט און מאַכט און גבורה און זיעג. דאָ האָט אונזער מלאָכ׳ל באַלד פערשטאַנען, אַז ער איז דאָ אָנגעקומען צו איינעם עפּעס אַ גרויסען בעריהמטען העלד, וואָס האָט לענדער איינגענומען מיט זיין גבורה און פעלקער אונטערטעניג געמאַכט מיט זיין שטאַרקע האַנד; אַ מענש וואָס די ווייטעסטע אינזלען זענען נישט פאַר איהם צו ווייט און וואָס די הימעלס־זיילען קענען זיך נישט בעהאַלטען פאַר איהם, אַזוי אַז אַזאַ מענש וויל נור, דאָ שטרעקט ער אויס זיין האַנד און חאַפּט אָן די הימלען ביי זיינע זולען און שאָקעלט זיי אַ ביסעל אַהין און אַ ביסעל אַהער און שאָקעלט אַרויס פון זיי די שטערען און די מלאָכים און די אַלע געטליכע וועזען — און דאָ האָט עס אונזער מלאָכ׳ל שטאַרק אַהינגעצויגען צו דעם דאָזיגען וואונדערליכען מענש, און ער איז געשטאַנען און האָט געוואַרט און האָט געלויערט, און ווי עס איז אַרויס אַ געדאַנקען פון דעם קאָפּ פונ׳ם העלד, דאָ האָט זיך אונזער מלאָכ׳ל צוגעאַיילט און האָט זיך אַרויפגעחאַפּט אויף איהם און איז געריטען אויף איהם און איז געפלויגען און געפלויגען און איז געשוועבט און געשוועבט — אָבער באַלד האָט דאָס אָרעמע מלאָכ׳ל איינגעזעהען, אַז שוין ווידער פיהרט גאָר נישט דער וועג אין הימעל אַריין, נור אין די העל אַראָב. אַ רויטער בלוטיגער ים מיט רויטע בלוטיגע וועלען האָט זיך אויסגעגאָסען פאַר זיינע אויגען, און זיי שוועבען אַלץ אויף רויטע בלוטיגע שיפלעך איבער יענעם רויטען בלוטיגען ים, און דער וועג געהט אַלץ נידריגער און נידריגער אין די העל אַראָב. דאָ האָט זיך אונזער מלאָכ׳ל אויפגעחאַפּט מיט אימפּעט און האָט זיך געראַטעוועט זיין נשמה און איז ענטרינען געוואָרען, און ביי זיך האָט ער זיך געטראַכט: ניין, מיט גבורה קומט מען נישט אין הימעל אַריין!

אַזוֹי לױפֿעדיג און נאָך אונטערוועגס זײענדיג, איז ער פֿאַרבײַ געקומען פֿאַר אַ גרויס הויך הויז, און אין דעם דאָזיגען הויז זענען קאַטעדרעס פֿערהאַנען און אויף די קאַטעדרעס שטעהען מענשען מיט גרויסע דיקע ספרים; דאָס זענען פֿילאָזאָפֿישע ספרים, וויסענשאַפֿטליכע ספרים, חקירה־ספרים, אַלערהאַנד ספרים; און די דאָזיגע מענשען האָבען טיפֿע קנייטשען אין די שטערענס און האָבען קײן אײנציגע האָר אויף די קעפּ נישט, און זײ שטעהען פֿאַר זײערע תּלמידים און דרשנ'ען פֿאַר זײ איבער די סודות פֿון די הימלען און איבער די סודות פֿון גאָט — אַזוֹי אַז עס איז טאַקע נישט פֿערהאַנען אײן אײנציגע זאַך, וואָס די דאָזיגע חכמים און פּראָפֿעסאָרען זאָלען נישט גאַנץ דײטליך וויסען. און אונזער מלאכ'ל האָט זיך אָבגעשטעלט און האָט געוואַרט און האָט געלויערט אויף אײנעם פֿון די גרויסע און הויכע געדאַנקען, וואָס וועט אַרויס פֿון אײנעם פֿון דער חברה, און האָט געוואַרט אַ טאָג און האָט געוואַרט עטליכע טעג און האָט געוואַרט עטליכע וואָכען און עטליכע חדשים, — אָבער אומזיסט, דען בײַ דער חברה איז כּלל נישט קײן געדאַנקען און קײן רעיון און קײן מחשבה פֿערהאַנען. דאָ האָט אונזער מלאכ'ל ביטער אַרויסגערופֿען זיך: „אַך, איך האָב אַ טעות געהאַט! דאָס פֿאָלק דאָ איז אַ פֿאָלק גאַנץ אָהנע געדאַנקען, און איך האָב גאָר אומזיסט די צײַט פֿערבראַכט און געוואַרט!" אוי דאָ האָט ער זיך אויפֿגעחאַפּט מיט אימפּעט און איז ענטלאָפֿען געוואָרען ווי ווײַט די פֿיס האָבען איהם געטראָגען, און בײַ זיך האָט ער זיך געטראַכט: נײַן, מיט חכמה קען מען נישט אין הימעל אַרײַן!

„עס איז פֿאָרט אַ ביסעל שווערער, ווי איך האָב בײַם אָנפֿאַנג געמײַנט!" האָט דאָס מלאכ'ל געטראַכט בײַ זיך, און האָט געלאָזט זײַן קאָפּ אַראָב הענגען און איז געוואָרען אומיטיג און פֿער'מרה־שחור'ט. און דאָס קלײנע מלאכ'ל איז געוואַנדערט שטאָדט אײַן, שטאָדט אויס, לאַנד אײַן, לאַנד אויס, און איז געוואַנדערט וואָכען און חדשים לאַנג, און איז געוואַנדערט פֿון אײן פֿאָלק

צום אַנדערען פאָלק, פון איין מדינה צו די אַנדערע מדינה, און צום סוף איז ער אָנגעקומען ווידער צו יענעם אָרט אים גאָרטען אויפ'ן פעלד, דאָרט וואו ער איז דערוואַכט דאָס ערשטע מאָל נאָך זיין אראָבקומען פון הימעל אויף דער ערד.

און דער זומער איז געלעגען אויסגעגאָסען אויפ'ן גאַנצען לאַנד און עס האָט געגלאַנצט און געשיינט, און דער רויזען־ריח איז זיך צוגאַנגען איבער די גאַנצע ערד, און זומער־פייגעלעך און זשוקעס און בינען האָבען געטאַנצט אין דער וואַרמער קריסטאַל־ריינער לופט, און די פייגעלעך אונטער דעם בלויען הימעל האָבען געזונגען און געזונגען. אויף דעם גראָז אָבער אין דעם גאָרטען איז זיך געלעגען אויסגעשטרעקט אַ יונגער מאַן, און זיינע אויגען זענען געווען אויפגעהויבען צום הימעל, און ווי ער האָט אַזוי געקוקט אין הימעל אַריין, דאָ האָט זיין פנים גאַנץ קלאָר עדות געזאָגט אויף איהם, אַז יעצט איז ער וויט פון דער ערד און פון דער וועלט און פון אַלעם וואָס טהוט זיך דאָ אַב אַרום איהם אויף דער וועלט, דען זיין גייסט שטייגט יעצט אַלעמאָל העכער און העכער, און שטייגט ביז צו דעם אָרט וואו די וואָלקענס זענען, און פון די וואָלקענס שטייגט ער צום הימעל, און פון הימעל שטייגט ער ביז צום קדשי הקדשים פון דער זון, און פון דער זון שטייגט ער ביז צום אָרט וואו דער כסא הכבוד שטעהט און וואו עס זיצט אַללאַה גאָר אַליין. — אָט דאָ האָט אונזער מלאך'ל אַריינגעקוקט אין די אויגען פון דעם דאָזיגען יונגען מאַן, און ער האָט געזעהען, אַז די אויגען לייכטען ווי די זון און די לבנה און אַלע שטערענס צוזאַמען, און אָט אָט שטייגט אַרויס אַ בליץ פון דעם אויג פונ'ם יונגען מאַן, און ווי דער בליץ שטייגט אַרויס, דאָ שטייגט ער אַלעמאָל העכער און העכער, העכער און העכער, און דאָ האָט אונזער מלאך'ל גיך זיך אָנגעכאַפּט אין אָט יענעם בליץ און האָט זיך אויף איהם אויפגעכאַפּט און איז אויף איהם געריטען און — עס האָט נישט געדויערט קיין רגע, דאָ איז אונזער מלאך'ל שוין געווען אין

הימעל און איז שוין געשטאַנען צווישען די טויזענדער פֿון זייַנע ברידערלעך, וואָס האָבען אויף איהם אומגעדולדיג די גאַנצע צייט געוואַרט.

„מאָלאָדיעץ!" האָט אַללאַה זיך אויסגערופֿען, און האָט געקלאַפּט אונזער קליין מלאָכ'ל מיט לייַטזעליגקייט אויף די פּלייצעס: „אָבער זאָג מיר, ווייניגסטענס ווייסט דו ווער דער דאָזיגער מענש איז, וועלכער, ווען ער בליצט נור מיט דעם אויג, קען ער ברענגען אין הימעל אַרייַן וועמען ער וויל נור"?

„איך ווייס נישט", האָט דאָס קליינע מלאָכ'ל געענטפערט.

און אַללאַה האָט מיט זייַן ווייַכע האַנד געגלעט די ווייַכע זייַדענע לאָקען פֿון אונזער קליין מלאָכ'ל און האָט געשמייכעלט און האט געזאָגט: „דאָס איז דער פּאָעט"!

קידוש לבנה.

א קינדער־מעשה.

„ווער עס איז מחדש די לבנה, דער קען זיכער זיין, אז ער וועט נישט שטארבען דעם חודש מיט קיין „מיתה משונה”. — זאל איך דערצעהלען די מעשה פון יענעם טאג, אין וועלכען מיין קינדהייט און מיין תמימות און מיין גלויבען זענען מיר געשטארבען? — איך ווייס גענוי דעם טאג, ווען דאס איז געשעהען.

און אפט, ווען עס קומט דער דאזיגער טאג, איז מיר, ווי ווען איך וואלט מוזען אויפשטעהען און אנצינדען א יאהרצייט־ליכט נאך זיי, אזוי ווי מען צינדט אן נאך אמת'ע טויטע. פאר מיר איז דאך אויך דער טאג א יאהרצייט־טאג!

איך ווייס היינט נישט מעהר גענוי, ווען איך האב יענעם ווארט געהערט — יעדענפאלס מוז איך דעמאלט געוועזען זיין נאך גאר א קליין קינד, און דאס ווארט האט זיך אין מיר איינגעבאקען. אפט הערט א קינד איין אונשולדיג ווארט, וואס א דערוואקסענער רעדט אמאל ארויס אהנע כוון, און דאס דאזיגע ווארט בלייבט קלעבען אין זיין געמיט אויף יאהרען און צעהנדלינגער יאהרען און אמאל ביז אין טויט אריין. און איך, זעהט איהר, האב געגלויבט אין יענעם ווארט, נישט ווי מען גלויבט אין איין אורים־ותומים, דען איין אורים־ותומים האב איך דאך נאך קיינמאל נישט געדאט געזעהען, נור ווי מען גלויבט אין זיין אייגען איך און אין דעם, אז מען לעבט. עס גיט נישט קיין קינד, וועלכעס זאל האבען אזוי געגלויבט! מיין גאנץ וועזען האט געגלויבט, מיין גאנצער זין האט געגלויבט, מיין גייסט און מיין

נשמה האבען אין מיר געגלויבט און געוואוסט, אז „ווער עס איז מחדש די לבנה, דער קען נישט שטארבען דעם חודש”. דערפאר בין איך דאך דענצמאל נאך אזא קינד געוועזן און גלויביג פון גאנצען הארצען!

א קינדהייט, א קינדער־תמימות, א קינדער־גלויבען!

און איך געדענק—

א זיסע ליעבליכע ווינטער־נאכט, זיס פאר די נשמה און זיס פאר די אויגען. אפט איז די קעלט ליעבליך און אנגענעהם פאר די נשמה, פראכט ווי ליכט פאר'ן אויג. א זעלכע נעכט קענען נור די, וועלכע וואהנען אין די הויכע צפון־געגענדען. דער קנאקעדיגער פראסט ליעגט אויסגעברייט איבער די גאסען, אז מען פיהלט אזש ווי די ביינער קנאקען פאר תענוג און דאס הארץ וואכסט. דער הימעל איז טיעף בלוי און מערקווירדיג דורכזיכטיג, און די שטערען ווייזען אויס אזוי גרויס ווי די פויסטען. יעדער שטערען ווי א פויסט, יעדער ווי א קליינע לבנה, און אנגעזייט זענען זיי אויף דעם טיעף־בלויען דורכזיכטיגען פעלד אין די טויזענדער, און די הונדערט־טויזענדער, געדיכט, איינער ביים צווייטען. און די שטערען לייכטען, און מינוטענווייז פלאקערן זיי, און אפט דאכט זיך, אז זיי וואכסען און ווערען גרעסער. און די לבנה איז גרויס און האט א מערקווירדיגען שיין, און די לופט ארום איז לויטער און פריש און דורכזיכטיג, א זיסע ליעבליכע לופט וועלכע שטייגט צו קאפ און פערשיכור'ט, און א שטילקייט ליעגט אויף די גאסען ווי א טויט.

און מיר, אלע וועלכע זיצען דארט פאר גאט אין בית־מדרש, געהען ארויס—די לְבָנָה מְחַדֵּש זיין.

און איך, דאס קליינע אינגעלע, געה־מיט מיט אלע.

איך פיהל, ווי איך טרינק דעם טעם פון גן־עדן און ווי עס וואכסט אין מיר עפּעס צו און ווי די נשמה ווערט ברייט און הייליג. עפּעס א וואונדערליכער גייסט נעמט מיך ארום פלוצלינג, א גייסט פון טרוימערייען און פון פערחלומט־זיין, און איך ווייס

נישט, וואָס עס איז. אַרום און אַרום ליעגט דער פֿורכטערליכער פֿראָסט אויסגעגאָסען, און פּאָרט פֿיהל איך אין דער נאָז דעם ריח פֿון פֿרישע רויזען.

מיר געהען — און פֿאַר אונז געהט ר׳ קלמן חסיד. עס איז דער דאָזיגער, אויף וועלכען מיר אַלע האָבען געקוקט פֿון תמיד אָן ווי אויף דעם אָנגעזעהענסטען צווישען אַלע: דער גרעסטער עהרליכער יוד, דער למדן, דער ריינסטער מענש.

ווי דער געפֿאַלענער שנעע איז וויס זיין באָרד, די אויגען גלאַנצען ווי די גלענצענדיגע שטערען אינם הימעל, ווי די ליכטיגע לבנה אין דער הויך איז ליכטיג זיין פּנים — און ער געהט, ווי דער דין איז: „כְּדֶרֶךְ שֶׁיּוֹצְאִין לְקַבֵּל פְּנֵי הַמֶּלֶךְ, אַזוי ווי מען געהט מקבל פנים זיין אַ מלך".

און דער דאָזיגער גייסט, פֿיהל איך, נעמט אַרום אויך מיך בּיסלעכווייז, און די נשמה וואַכסט און וואַכסט — און אויך איך געה ווי מען געהט מקבל פנים זיין אַ מלך.

אָט איז ער, דער מלך מלכי המלכים, דער קעניג איבער אַלע קעניגע, הקדוש־ברוך־הוא! „הללויה!"...

„לויבּט דעם הערן פֿון די הימלען! לויבט איהם אין די הויכען"!

און איך הער די ווערטער, ווי זיי זאָגען זיי, און איך פֿיהל זיי דאָס מאָל ביז אויפ׳ן גרונד —

און פֿון דער ברכה הער איך אַרויס נור די ווערטער: „אַז עס זאָל בעניים ווערען די קרוין פֿון דער פּרעכטיגקייט צו די אָנגעלאָדענע פֿון בויך" — און איך פֿערטראַכט מיך און פֿער׳חלום מיך, דען איך פֿערשטעה נישט רעכט די דאָזיגע וואונדערליכע און פֿרעמדע רייד. די בעהאַלטענע פֿערשטעלטע ווערטער נעהמען מיך אַרום ווי אַ כּישוף, און איך שעפּטשע שטילערהייד נאָך: „צו די אָנגעלאָדענע פֿון בויך".

דאַן ווייס און פֿערשטעה איך פּלוצלינג, אַז „אַזוי ווי איך שפּרינג ענטקעגען דיר און קען נישט אָנריהרען אָן דיר, אַזוי

זאָלען מיינע פיינד נישט קענען אָנריהרען אָן מיר". פאַר וואָס זאָל דאָס אַזוי זיין? פאַר וואָס זאָל איך נישט קענען אָנריהרען אָן דער לבנה? און מיך חאַפּט אָן אַ גרויס אונענדליך פערלאַנגען, מיך אויפצודויבען און אָנצוריהרען די לבנה.

בעזונדערס פּילט-אויס מיין גאַנצען זין יענער פערדרעדטער פּסוק, ווי מען זאָגט איהם פון הינטען צוריק: „ווי אַ שטיין זיי זאָלען שטיל ווערען דיין אָרעם אינם טהון גרויס ווערען און פאָרכט אַנגסט אויף זיי עס זאָל פאַלען" — און איך פער'חלום מיך און פערטראַכט מיך.

און אַט פלוצלינג: „דוד מלך ישראל חי וקים" — און מיר דאַכט זיך אַ מינוט לאַנג, אַז אַט זעה איך איהם, ווי ער שטעהט פאַר מיר אַ לעבעדיגער. ווי דער געפאַלענער שנעע איז וויים זיין באָרד, די אויגען גלאַנצען ווי די גלאַנצעדיגע שטערען אינ'ם הימעל, ווי די ליכטיגע לבנה אין דער הויך איז ליכטיג זיין פנים, און אויך איך הייב אָן צו שרייען אויפ'ן קול: „דוד מלך ישראל חי וקים! דוד מלך ישראל חי וקים!"

ארום און אַרום איז שטיל אַ מינוט לאַנג.

„די שטימע פון מיין ליעבסטען, אַט קומט ער, ער שפּרינגט אויף די בערג, ער היפּט אויף די היגלען" — און איך קוק מיך אום און בליק רעכטס און לינקס און איך זוך איהם.

„עס גלייכט מיין ליעבסטער צו אַ הירש אָדער צו אַ רוֹעה פון די יונגע הירשען; אַט שטעקט ער הינטער אונזער וואַנד, קוקט פון די פענסטער, בליקט פון די לעבער" — אין איך בליק הינטער מיר צו דער וואַנד און זעה ווי די שאָטענס אויף דער וואַנד בעוועגען זיך און קוקען פון די פענסטער, בליקען פון די לעבער...

און מיין האַרץ זאַפּט זיך אָן מיט עפּעס אַ שטילען הייליגען סוד, און מיין גאַנץ אינערעס חלומ'ט.

ווי שוידערליך איז דער דאָזיגער אָרט! הייליג איז די נאַכט צו אונזער הערצן...

„ווער איז עס, וועלכע שטייגט־אויף פֿון דער מדבר?"—
און איך זעה ווי מענשען שאָקלען־אָב די ציצית, און איך שאָקעל
דערסגלייכען אָב, און ווייס נישט, וואָס איך מאַך.

און אַ וואונדערליכער געדאַנקען געהט מיר דורכ'ן קאָפּ,
און איך ווייס נישט, וואָס דער געדאַנקען איז געווען.

און פּלוצלינג ווייס איך איהם: – ווער עס איז מחדש די
לבנה, דער קען זיכער זיין, אַז ער וועט נישט שטאַרבען
דעם חודש!

און מיר האָבען דאָך די לבנה מחדש געווען – ווער קען
נאָך אַזוי זיכער זיין ווי מיר?

דאַן געהען מיר צוריק. פֿאַר אונז געהט ר' קלמן הסיד.

און זיינע אויגען גלאַנצען ווי די שטערען, און זיין פּנים
איז ליכטיג ווי די לבנה – הונדערט מאָל מעהר ווי פריהער.
און ער געהט און זינגט זיך שטילענקערהייד אַ ניגונ'דעל.

שטילענקערהייד שפּרייז איך איך נאָך דער מחנה, דער
פֿראָסט ווערט וואָס אַמאָל שטאַרקער; מיינע באַקען און מיינע
אויהרען ברענען ווי פֿייער, און מיר איז אַזוי זיס און אַלעס
אַרום איז אַזוי הייליג.

און אַלעס איז אַזוי טרוימעריש און מיינע ליפּען שעפּטשען:
ווער איז עס, וועלכע שטייגט־אויף פֿון דער מדבר? – און איך
ווייס אַליין נישט, פֿאַר וואָס איך שעפּטשע די דאָזיגע ווערטער.

וואָס מדבר? וואו מדבר? ווער שטייגט־אויף פֿון
אַ מדבר?...

און מיר קומען זאַבט אַריין אין דעם פֿאָרהויז פֿון בית־
המדרש, און אין פֿאָרהויז איז שטאָק־פֿינסטער, פֿראָבט מיט דער
האַנד ניט צו דערטאַפּען.

און איך געה מיר שטילענקערהייד און זינג מיר אויך
איין ניגונ'דעל.

פּלוצלינג אָבער הערט זיך אַ הערצרייסענדער געשריי.
און נאָך דעם שרייען אַ שטילקייט ווי דער טויט.

און ווי מען האט א ליכט געבראכט, אום דאס פארהויז צו בעלייכטען, האט מען דאס שרעקליכע געזעהען.

דער קעלער אין דעם פארהויז איז נישט פערדעקט געוועזען, דען דאס ברעט פון אויבען האט זיך געהאט פעררוקט, און ר׳ קלמן איז ביים געהען אריינגעפאלען אינ׳ם קעלער.

ווי זיי האבען איהם ארויסגענומען, איז ער שטיל געלעגען און האט נור שווער געקרעכצט; פלוצלינג אבער האט ער אנגעהויבען צו ווארפען מיט האנד און מיט פיס, דא האבען זיי גיך געבראכט צו איהם איין דאקטאר, א צווייטען, א דריטען.

און צו מארגענס אין דער פריה האב איך געהערט, אז ער האט דאס גענוק געבראכען, און דאן, נאכמיטאג, האב איך געהערט, אז ער איז געשטארבען.

איך אבער האב געשמייכעלט, איך ווייס דאך, אז עס איז נישט אמת! איך ווייס דאך, אז עס איז גאר נישט מעגליך! איך ווייס דאך, אז ווער עס איז מחדש די לבנה, דער איז זיכער, אז ער וועט נישט שטארבען דעם חודש מיט א מיתה משונה!

און געגלויבט האב איך דערין, ווי נור א קינד קען גלויבען, אלעס אין מיר האט געגלויבט, מיין גאנץ וועזען האט געגלויבט...

און דעם גאנצען נאכמיטאג האב איך מיך ארומגעקריגט מיט מיינע חברים, ווען זיי האבען מיר געזאגט, אז ער איז געשטארבען, און איך האב זיי אנגעשריגען, אז זיי זענען ליגנערס. איך האב עס דאך בעסער געוואוסט פון זיי; עס שטעהט דאך געשריבען אין די ספרים; עס שטעהט דאך געשריבען אין מיר זעלבער, אין דער טיפעניש פון מיין אייגען הארץ!

קעגען אבענד ערשט האט זיך די סצענע א ביסעל געענדערט. קעגען אבענד האב איך מיט מיינע אייגענע אויגען דעם טויטען געזעהען, און אויך ביים קבר בין איך געשטאנען, ווי זיי האבען איהם אריינגעלעגט.

און אַ שמערץ , גרויס און אונענדליך , האָט מיך אַרומגענומען .

איך האָב פּלוצלינג געוואוסט, אַז נישט דער מאַן איז דאָ געשטאָרבען, נור געשטאָרבען איז מיין קינדהייט און מיין תמימות און מיין גלויבען! נישט ר׳ קלמן׳ען האָבען זיי דאָ אַריינגעלעגט אין דער ערד אַריין, נור מיין קינדהייט, מיין תמימות, מיין גלויבען !

און איך שטעה ביים קבר און וויין .

נָאר אֵיין שַׁבָּת.

מעשה.

דֶענסמאָל, ווען די עֶטליכֶע ווערטער ווֶעלכֶע איך דערצֶעהל, זֶענֶען פּאַסירט, בין איך גֶעווֶען נאָך גאָר אַ קלײַן קינד, אַ אינגעל פֿון אַ יאָהר זֶעכס.

בײַ טאַטֶע=מאַמֶע בין איך גֶעווען אַ בן־יחיד און בײַ מײַן באָבֶען בין איך גֶעווען דער שוואַרץ=אַפּעל פֿונ׳ם אויג. ווֶעגֶען מײַן באָבֶען קֶען איך אַייך נאָר זאָגֶען: איך האָב קײַנמאָל נישט גֶעזעהֶען אין מײַן גאַנצֶען לֶעבֶען קײַן קלִיגֶערֶע פֿרױ, איך האָב קײַנמאָל נישט גֶעהֶערט קײַן שֶענֶערֶעס און קײַן זיסֶערֶעס ווי איהרֶע מעשׂה׳לעך און קײַנמאָל נישט האָב איך אַ מֶענשֶען ליבֶּער גֶעהאַט פֿון איהר.

און אָט די דאָזיגֶע באָבֶע — זי איז דאָס גֶעוועֶן דער עֶרשטֶער טויטער, וועלכֶען מײַנֶע אויגֶען האָבֶען גֶעזעהֶען.

איך גֶעדֶענק נאָך אַלֶעס, ווי עֶס וואָלט נאָך עֶרשט נֶעכטֶען גֶעווען: אין דער פֿריה האָט מיך אונזער דיענסמעדעל אויפֿגֶעוועקט פֿונ׳ם שלאָף און האָט מיר גֶעזאָגט: די באָבֶע איז בײַ נאַכט גֶעשטאָרבֶען, פּלוצלינג איז זי גֶעשטאָרבֶען.

איך האָב די ווערטער רוהיג אויסגֶעהערט און דאָס גאַנצֶע האָט מיך נישט אָנגֶעהויבֶען אַרֶען. — דאָס קינד האָט נאָך גאָר נישט פֿערשטאַנֶען, וואָס עֶס הײַסט טויט=זײַן.

גֶעשטאָרבֶען? — נו, פּטור, גֶעשטאָרבֶען!

און אין זעלבֶען טאָג האָבֶען זײ זי קובר גֶעווֶען, און אויך דאָס דאָזיגֶע האָט מיך זעהר קנאַפּ גֶעאַרט.

אזוי זענען אוועקגעגאנגען דריי, פיער טעג. פלוצלינג האט עפעס, וואס איך ווייס נישט וואס עס איז, אנגעהויבען אין מיין הארץ מיר צו לעכערן און צו עגבערן ווי מיט א שפיציגען נאגעל.

און א בענקעניש אהן אמאס און אהן א גרעניץ און אהן איין אויפהער האט פלוצלינג ארומגעכאפט מיין גאנצע נשמה. ביסלעכווייס האב איך אנגעהויבען אויך וויסען, וואס איך וויל. גיט מיר מיין באבע! גיט מיר מיין באבע!

און מיין מאמע האט געפרובט מיך איינשטילען און מיין טאטע האט זיך גענומען מיך בערוהיגען — אבער אלעס אומזיסט. גיט מיר מיין באבע! גיט מיר מיין באבע! איך האב מיך שטארק צוריטשעט. ווען וועט שוין קומען די באבע, וועלכע איך האב אזוי לאנג שוין נישט געזעהן? גיט מיר מיין באבע! זאל זי זיך שוין ווידער אוועקזעצען מיט מיר ביי'ם אויבען און זאל זי שוין ווידער דערצעהלען!

מיין מאמע איז געזעסען און האט געהערט. אין אידרע אויגען האט זיך עפעס פייכטעס בעוויזען.

„קינד־לעבען!", האט זי געזאגט, „ווען עס וועט זיין תחית־המתים, וועט אויך די באבע אם ירצה השם ווידער לעבעדיג ווערען, און דאן וועסט דו זי זעהען"...

עפעס ווי א שטיין איז מיר אראב פון הארצען און איך האב טיעף אבגעעטהעמט. אבי ס'איז פארהאן נאך א מיטעל! — עס מוז אלזא נור ווערען תחית־המתים, און באלד וועט אויך שוין די באבע ווידער זיין נעבען מיר!

און לוסטיג און פרעהליך האב איך מיך ווידער צולעגט אויף דער ערד און האב מיך צושפיעלט מיט קיצע־מיצע, די גרויסע קאץ, וועלכע מיר האבען געהאט. פלוצלינג האב איך די קאץ א שליידער געגעבען אין דער זייט און איך בין ארויף אויף די מאמע.

„מאמע! ווען וועט זיין דאס דאזיגע תחית־המתים?"

„זעהסטו, קינד־לעבען!", האט די מאמע געענטפערט, „ווען

משיח וועט נור זײַן געקומען, וועט תיכף זײַן אויך תחית־המתים. דאַן, מײַן קינד, וועט די באָבע ווידער לעבעדיג ווערען, און דאַן, מײַן נשמה׳לע, וועסטו זי ווידער יעדען טאָג זעהען, און דאַן, מײַן טײַבעלע, וועט זי דיר אויך דערצעהלען די מעשה׳לעך ווי אַלעמאַל״...

מיט אַ שטורם האָב איך מיך אַ וואָרף געגעבען אויף די מאַמעס האַלז און האָב איהר צוקושט די ליפּען און דעם קאָפּ און דעם שטערען און די באַקען, און האָב מיך געהאַפּט צו די הענד און האָב זיי צוקושט, און האָב מיך גאָר נישט געקענט זאַט קושען, דאַנקען גאָט דערפאַר, וואָס איך האָב אַרויסגעזעהען פאַרט דעם אָנהייב פון עפּעס אַ שטיקעל ישועה! ראשית האָב איך נאָר צו זעהען אַז משיח זאָל קומען, און קוים וועט דאָס דאָזיגע נור זײַן געשעהען, וועט דאָך שוין ממילא אַלעס ווערען רעכט: דאַן וועט ווערען תחית־המתים און דאַן וועט די באָבע ווידער ווערען לעבעדיג און דאַן וועל איך זי ווידער האָבען געבען מיר זיצען און דאַן וועט זי ווידער דערצעהלען די מעשׂות --

פלוצלינג אָבער האָט מיך עפּעס אַ געדאַנקען אָבגעשטעלט.

„מאַמע! אָבער ווען שוין וועט דאָס זײַן, אַז משיח וועט קומען?״

און מײַן מאַמע האָט ווײַטער גערעדט.

„משיח?... זעהסט דו, קינד מײַנס, ווען אידען וועלען האַלטען איין איינציגען שבת ווי עס געהערט צו זײַן, דאַן וועט משיח גאַנץ זיכערליך קומען. אַזוי זאָגען אונזערע הייליגע חכמים״.

איך האָב געהערט און מײַן האַרץ האָט אָנגעהויבען אין מיר גאַנץ מאָדנע צו קלאַפּען. נור איין איינציגער שבת ווי עס געהערט צו זײַן! דאָס איז דאָך אַזאַ קליינינקייט, אַזאַ קליינינקייט!...

ברויך איך אײַך ערשט צו דערצעהלען, אַז איך בין געוועזען דער ערשטער, וועלכער האָט זיך פאַרגענומען מיט דעם גאַנצען

כח, צו האַלטען דעם איינעם שבת מיט אַלע פּרטים און דקדוקים? ווי כאָך קיין שום מענש נישט אויף דער גאַנצער וועלט וועל איך האַלטען דעם דאָזיגען שבת. איך וועל מיך פראַסט נישט ריהרען פונ'ם אָרט דעם גאַנצען מעת־לעת, און כדי יוצא צו זיין פאַר אַלע דעות, וועל איך אָנהויבען מיט אַ שעה פריהער און וועל ענדיגען מיט אַ שעה שפּעטער. און אויך ביי נאַכט וועל איך נישט צומאַכען קיין אויג, כדי איך זאָל נור חלילה מיך נישט געבען קיין ריהר און מחלל שבת זיין און קאַליע מאַכען דאָס גאַנצע.

און אויך מיין טאַטע וועט דאָך האַלטען דעם דאָזיגען שבת ווי עס געהערט צו זיין, איהם ברויך איך דאָך נישט ערשט צו בעטען, ער איז דאָך דער טאַטע. און מיין מאַמע זאָל געזונד זיין, זעהט איהר, איהר וועל איך קיין איינציג וואָרט נישט זאָגען; זי וועט האַלטען פון זיך דעם שבת גלייך מיט מיר.

און אויך מיינע פעטערס און מוהמעס און די מוהמע רבקה'לע און מיין שוואָגער און יוסיל און מיינע געשוועסטער־קינדער און אונזער גאַנץ הויזגעזינד — אַלע, אַלע וועלען זיי האַלטען גלייך מיט אונז דעם דאָזיגען שבת ווי עס דאַרף צו זיין. עס איז דאָך עפּעס מכּה דער באָבע!

און דאַן וועל איך אַריבער לויפען אויך אויף דער אַנדערע זייט גאַס, און אויך אין חדר וועל איך אָנזאָגען אַלע מיינע חברים און וועל זיי בעטען רחמים, למען השם זיי זאָלען נור האַלטען ריכטיג, און איך וועל אָנזאָגען ראובנ'ען און מרדכי'ן און יונה'ן און שמעונ'ן און יצחק'ן און פלטיאל'ן — אַלע, אַלע וועל איך זיי אָנזאָגען, און וועל זיי זאָגען נור דאָס איינע וואָרט: עס איז דאָך נישט קיין קליינינקייט, עס געהט דאָ מכּה דער באָבע! עס איז דאָך מיין באָבע, וועלכע איז מיר געשטאָרבען און וועלכע קען דעדורך ווערען ווידער לעבעדיג און איך קען זי ווידער האָבען! איך בין זיכער, אַז אַלע וועלען מיר טהון די דאָזיגע קליינינקייט

און וועלען דעם שבת האַלטען ווי עס געהערט צו זיין, עס איז דאָך נאָר איין שבת!

און צו די שכנים וועל איך אַריין און אין מאַרק אַריבער און אין די פֿאָרשטאַדט אַרוים, אין וועל בעטען און וויינען - ווער וועט מיר אָבזאָגען אין אַזאַ קליינע טובה?

און כּדי יוצא צו זיין גאָר אין גאַנצען, וועל איך בעטען דעם טאַטען, וועט ער לאָזען שפּאַנען די פֿערד און וועט אַריבער פֿאָהרען אויך קיין קיסלאָוויץ און קיין גרײַדאָוו און קיין ליקוויצא און אין די איבּריגע שטעטלעך אַרום אונז, און דאַן וועט ער פֿאָהרען אויך אין די אַנדערע עטליכע שטעדט, וועלכע זענען פֿאַרהאַן אויף דער וועלט, און וועלכע איך ווייס נישט ווי זיי הייסען, און איך בין זיכער, אַז יעדער וועט פֿאַר מײַנעטוועגען טהון יענע קליינינקײט, וועלכע מען פֿער-אַנגט פֿון איהם, עס געהט דאָך דאָ מכּה מײַן באָבען!

לויט מײַן קורצען חשבון איז אויסגעקומען, אַז שוין אין עטליכע טעג אַרום, און אֶפֿשר גאָר אין נעכסטען שבת שוין, וועלען מיר קענען אויספֿיהרען אונזער פּלאַן.

מײַן אומגעדולדיקײט איז געוואַכסען פֿון מינוט צו מינוט.

מײַן אָטהעם איז געוואָרען גליהענדיג, מײַנע אויגען האָבען געבריהט, אַלעס איז מיר געוואָרען איבערדריסיג, עסען האָב איך נישט געקענט און שלאָפֿען האָט עס מיך נישט געלאָזט. נאָר נאָך עטליכע טעג ליגען צווישען מיר און צווישען מײַן באָבען!

אוי קינדער-יאָהרען! אוי קינדער נאַאיוויטעט!

דאָס קינד האָט דענסמאָל נאָך גאָר נישט געהאַט דעם כּח צו פֿאַרשטעהן, וואָס עס בעדײַט אַ גרויסע וועלט, און אַז די ערד איז גרויס אונ ווײַט, און אַז די מענשען זענען אַנדערש איינער פֿון צווייטען, און אַז עס איז נישט מעגליך אַרײַנצוזהויבען אין זיי איין נשמה, אַזוי אַז זיי זאָלען האָבען אַלע איין ווילען אַפֿילו נור אויף איין מינוט...

עס איז שווער צו געפֿינען צוויי מענשען, וועלכע זאָלען האָבען

צוויי עֶהנליכע געדאנקען, מכל־שכן איין געדאנקען פאַר אַלע מענשען צוזאַמען מיט איין ווילען און איין ציעל.

וואס זאָל איך דאָ לאַנג דערצעהלען?

דער שבת ווי עס געהערט צו זיין איז נישט געהאַלטען געוואָרען, משיח איז נישט געקומען, תחית־המתים איז נישט געוועזען — און מיין באָבען האָב איך ביז אויפ'ן היינטיגען טאָג נישט מעהר געזעהען.

און יעצט בין איך אַ דערוואַקסענער, און ווייס וואס עס הייסט, איין גייסט פון פערשידענע מענשען...

נעכטען אָבענדס זענען מיר געזעסען אויף דער וועראַנדע ביים דאָקטאָר און האָבען אונזער טהעע געטרונקען. אויף דעם טיש זענען געלעגען די לעצטע צייטונגען, און מיר האָבען געלייענט די לעצטע שוידערהאַפטע נאַכריכטען וועגען באָמבעס און וועגען אויפרייסונגען און וועגען אַנפעלע. דאָס געשפרעך האָט זיך אָנגעהויבען דרעהען אַרום דער טהעמאַ פון די בלוטיגע מעשים און באַלד האָבען מיר געהאַלטען ביים טהעמאַ פון דער אַלגע־מיינער סאָציאַלער גלייכשטעלונג.

„דאָס איז שוין אַזוי אַ ירושה פון פראַנקרייך”, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט גלאַט אַזוי, אום נור וואס צו זאָגען, און האָט זיך אָנגעצינדען אַ באַק־ציגאַר. „דער אַלטער דעוויז האָט געהייסען: ליבערטע, פראַטערניטע, עגאַליטע”.

און דער סטודענט האָט אַוועקגעוואָרפען זיין אינטערסאַנט געשפרעך מיט דעם הויז־פרייליין, האָט זיך אויסגעווישט זיינע פענסנע־גלעזלעך, האָט עטליכע מאָל אָבגעהוסט און האָט געזאָגט:

„מיינע העררן! אַלעס, ווי בעוואוסט, שטרעבט אַהין נור צו איין ציעל, — דאָס געזעץ פון די פעסטעסטע און אייביגסטע געזעצע אין דער נאַטור. אויך חימיע און מאַגנעטיזם און עלעקטריציטעט,

זוי עס ווײַזט זיך אַרויס, זענען אײַגענטליך נור איין קראַפט אין פֿערשידענע ערשײַנונגען, און אַזוי אויך ווערט די גאַנצע שטערן־וועלט און דאָס אײביגע הימעלס־געצעלט רעגירט נור לויט איין געזעץ. דעריבער, מײַנע העררן, אַז מיר נעהמען זיך בעאורטהײלען דעם גײַסט פֿונ׳ם מענשען, מוזען מיר איהם דעסגלײַכען בעאורטהײלען נור פֿון דעם דאָזיגען געזיכטס־פּונקט, ווילען מיר די וועלט רעפֿאָרמירען און אויסבעסערן, איז עס קלאָר, אַז מיר האָבען פֿאַר אונז נור איין וועג: מיר מוזען זעהען צו דערגרײַכען דאָס ציעל, אַז אַלע מענשען זאָלען זײַן אין אַלעמען גלײַך”.

דער סטודענט האָט זיך אַרומגעקוקט און איז געווען שטאַרק מיט זיך צופֿריעדען. דאָס הויז־פֿרײַלײַן האָט בעהאַלטענערהײַט געגעניצט.

„אַלע גלײַך? און אין אַלעמען גלײַך?” האָט געענטפֿערט דער באַנק־דירעקטאָר. „דעם אמת געזאָגט, איז מײַן פֿאַנטאַזיע צו שוואַך, אום צו קענען זיך פֿאָרשטעלען אַ וועלט, בשעת אַלעם פֿון איהר וועט זײַן גלײַך איינס מיט דעם אַנדערען. חאַפּט נור אָן אַ משל: מיר זיצען און שפּיעלען ווינט, און דאָ איז איין פֿאַרב נישט מעהר יחסן פֿון דער צווײַטער און איין אַכטעל איז נישט מעהר פֿון אַ זיבענטעל און אַ נײַנטעל איז נישט מעהר פֿון איין אַכטעל, זאָגט, קען דאַן אַ שפּיעל האָבען עפּעס אַ טעם מיט אַ ריח? קען אַ וועלט איבערהויפּט האָבען אַ ממשות?”

„מיט אַ וויץ פּטר׳ט מען נישט אַזאַ טיעפֿזיניגע וועלט־בעוועגענדע פֿראַגע!” האָט זיך דער סטודענט צוהיצט.

און דער רעדאַקטאָר פֿון דער שטאָדט־צײַטונג האָט געזאָגט:

„איך פֿרעג גאַנץ ערנסט: קענען מיר האָבען אַ געזעץ, אַז עס זאָלען שוין קיין נאַרען נישט זײַן אויף דער וועלט און אַלע, אַלע מענשען זאָלען זײַן קלוג אויף איין שטײַגער? און זאַכען, וועלכע זענען אונז אַזוי קלאָר אויף איין געביעט, ווערען מיט אַמאָל אַזוי פֿערדרעהט און אומקלאָר, ווען מיר קומען צו אַ צווײַט

געביעט! און דערפאר טאקי זאג איך אייך: אזוי ווי עס איז נישט מעגליך א וועלט צו איבעראנדערשען אויף דעם איינעם געביעט, אזוי איז עס נישט מעגליך זי צו איבעראנדערשען אויך אויף די אנדערע געביעטען, דען, זעהט איהר: די אונטערשיעדען אין דעם אנדערש-זיין זענען אייביגע נאטור-געזעצע!".

„און פארט" האט זיך דער סטודענט איינגעשפארט „איך בלייב ביי דעם מאניגען: נאר איין אבסאלוטע גלייכהייט פאר אלעמען וועט אונז ברענגען צום ציעל!"

און דער שטאדט-אדוואקאט, א מענש א פערציגער מיט א הויכען שטערען און א ליסע קאפ, האט זיך פלוצלינג אויפגעשטעלט און האט געזאגט:

„יונגער מענש! (ער האט זיך געווענדעט צום סטודענט), אויך איך בין א מאהל געוועזען אזוי יונג ווי איהר און אויך איך האב א מאהל געהאט נאר דעם איינעם וואונש, אז אלע מענשען זאלען זיין אבסאלוט גלייך. אבער זעהט איהר, איך בין עלטער געווארען און האב מענשען געזעהן און האב אריינגעקוקט אין די וועלט. איך האב דאן מיך אומגעקוקט, אז עס איז נישט אזוי, און אז דער גייסט אינ'ם מענשען וועקסעלט זיך און אז פון נאטור אויס איז עס דעם מענשענס שטייגער צו זיין אנדערש איינער פונ'ם אנדער'ן; אויך יעדעס אינדיווידום פאר זיך ענדערט זיך פון מינוט צו מינוט, עס איז נישט פארהאן קיין שטענדיגעס אין דער נאטור, נור אומגעקעהרט, די נאטור איז געבויט אויף איין אייביגען וועקסעל און אויף די פערענציערונגען — און דערפאר איז בטבע גאר נישט פארהאן יענע גלייכהייט, פון וועלכער איהר, יונגע לייט, חלומ'ט. עס איז א חלום, מיין פריינד, א חלום פון קינדער-יאהרען!"

איך בין געזעסען און האב געהארכט און האב נישט געהארכט און האב זיך פערטראכט, איך האב מיך פלוצלינג דערמאנט אין די קינדער-יאהרען און ווי איך בין געוועזען א קינד און ווי איך האב פערלאנגט גאר א קלייניגקייט: מיליאנען מענשען

זאָלען האַלטען אייִן שבת אַלע גלייך אויף איין אופן.

אָבער דאָס דאָזיגע איז נישט געשעהען – און משיח איז נישט געקומען.

אָבער פֿאַר וואָס לאַכען זיי, די אַנדערע? פֿאַר וואָס בעווייזען זיי און צערשטערען? פֿאַר וואָס זענען זיי אַזוי קלוג און דערוואַקסען? האָט נישט אַ חלום אַ מאָהל אין זיך מעהר ממשות ווי די גאַנצע נאַקעטע וואַהרהייט?...

און ווידער האָב איך זיך טיעף פֿערטראַכט: ווי גליקליך בין איך געוועזען דעמאָלט, ווען דער טאַטע האָט געהייסען איינשפּאַנען, און מיר האָבען געוואָלט פֿאָהרען אין די שטעדטלעך אַרום, אום צו פֿערלאַנגען דעם איינעם שבת!

"תִּתְחַדֵּשׁ".

אַ בילד.

אַ מעשה מיט אַ שניידערס אַ יונגעל האָב איך אייך היינט צו ערצעהלען — איהר אָבער טאָרט אייך די זאַך נישט צו פיעל נעמען צו האַרצען; ס'איז דאָך סוף־כל־סוף נור אַ שניידערס אַ יונגעל...

און דער שניידער איז אַ גרויסער אָרימאַן געוועזען, און דאָס יונגעל איז אַ גאַנץ קליין יונגעל געוועזען, און געהאַט האָט עס תמיד אַ בלייך פּנימ'ל, און נור די אויגען האָבען געפלאַקערט —

און געוועזען איז די מעשה צו דער ערשטער סדר־נאַכט. —

די לעצטע דריי נעכט האָט דער שניידער זיך גאָר נישט מעהר שלאָפען געלעגט, דען ער האָט געמוזט פערטיג מאַכען די נייע מלבושים, די בגדי־יום־טוב, פאַר דעם גביר און פאַר דעם גביר'ס זוהן און פאַר'ן גביר'ס איידעמעם און פאַר'ן גביר'ס איידעמעם קינדערלעך. נאָך ערב־פּסח נאָכמיטאָג איז ער ביי דער מלאכה געזעסען, און ווי ס'האָט אָנגעהויבען אַ ביסעל טונקעל ווערען, דאָ ערשט האָט ער געקאָנט איינוויקלען די קליידער אין אַ ליילעך און זיי אָב טראָגען צו די גבירים.

און דער גביר און זיין זוהן און זיינע איידעמעם און די איידעמעם קינדערלעך האָבען די נייע קליידער אָנגעטהון און זיינען אַוועק אין שול אַריין — דער שניידער אָבער האָט נייע קליידער נישט אָנגעטהון, און נור אַרום געוואַשען האָט ער זיך איילענדיג, און איז אויך אַוועק אין שול אַריין; און אויך זיין קליין יונגעלע האָט נייע קליידער נישט אָנגעטהון, און נור

אַרומגעוואַשען האָט מען איהם, און ער איז אויך אַוועק מיט זיין פֿאָטער אין שול אַריין.

און אין שול איז ליכטיג און פֿרעהליך און גוט אויף דער נשמה! דער שניידער שטעהט מיעד און אָפּגעמאַטערט און דרעמעלדיג און האָרכט ווי דער חזן זינגט. טיילמאָלם הערט ער דעם שאָרך פֿון די נייע זיידענע מלבושים אַרום זיך און דאָס געראַויש פֿון דעם פֿרישען אונטערשלאַג; און נעבען איהם שטעהט זיין אֶפֿרים׳ל און אויך ער הערט דעם שאָרך און דאָס געראַויש פֿון די פֿרישע קליידער — און זיין פּנים׳ל איז בלייך, און נור די אויגען פֿלאַקערן.

און דאַן ווי דער שניידער האָט זיך צום „סדר" אַוועק געזעצט ביי זיך אין זיין ענג דאַך־שטיבעלע, דאָ ענדליך איז אַ מין מנוחה אויך איבער איהם געקומען. סוף־סוף איז עס דאָך יום־טוב! דאָס שטיבעלע איז פֿיין אָפּגעקעהרט פֿון אַלע שניידער׳שע פֿיצלעך און שטיקלעך און סמאַטקעלעך. די סדר־שיסעל און דער ראָזשינקע־וויין שטעהען אויף׳ן טיש, דאָס טונדעלע באָרשט שטעהט אין אַ ווינקעל. די מלכּה זיצט צו דער רעכטער האַנד פֿונ׳ם מלך.

אוי די מלוכה, די יודישע מלוכה!

און דאָס יונגעלע פֿרעגט די קשיות — זיין בלייך פּנים׳ל דוּיטעלט זיך און די פֿלאַקערדיגע אויגען ווערען טונקעל ווי אַ נ׳אָבגרונד, עפּעס איז דאָס יונגעלע מיט די אותיות אינ׳ם סידור נישט שטאַרק בעקאַנט געוועזען.

און דער טאַטע ענטפֿערט: אַ מעשה מיט עבדים היינו, קנעכט וואָס מיר זיינען געווען, און אַ מעשה מיט רבנים וואָס זיינען געזעסען ביז אין דער פֿריה צו קריאַת־שמע — און אֶפֿרים׳ל האָרכט און פֿערשטעהט קיין וואָרט נישט.

און פּלוצלינג איבערהאַקט ער דעם פֿאָטער אין די רייד און פֿרעגט ווידער עפּעס — אָבער די נייע קשיה וואָס ער פֿרעגט שטעהט נישט מעהר אינ׳ם סידור.

„טאַטע! פאַר וואָס דאָס, זאָג מיר, האָט מיר קיינער נישט געזאָגט „תתחדש?...“ אַלע יונגעלעך אין׳ם שול האָבען איינער דעם אַנדערן געזאָגט „תתחדש“, און נור מיר אַליין האָט קיינער גאָר נישט געזאָגט...“

און זיין בלייך פּנימ׳ל ווערט טויזענדמאָל בלייכער און זיינע פלאַקערדיגע אויגען הויבען אָן טויזענדמאָל מעהר צו פלאַקערן.

און דער שניידער שטאַמעלט און ענטפערט — אָבער אויך ער ווייסט אין דער ערשטער מינוט נישט וואָס צו ענטפערן; דער תירוץ דאַרויף שטעהט אויך נישט אין׳ם סידור. אַ מינוט שפּעטער אָבער האָט ער שוין געוואוסט וואָס, און ער ענטפערט:

„מיין קינד! ווער עס האָט נישט אויף זיך אַ ניי שטיקעל מלבוש, דעם זאָגט מען נישט תתחדש“.

„אָבער פאַר וואָס דען האָב איך נישט אויף זיך אַ ניי שטיקעל מלבוש? אַזוי לאַנג ווי איך לעב האָט מיר קיין שום מענש נאָך נישט געזאָגט תתחדש“.

אַזוי לאַנג ווי אפרימ׳ל לעבט האָט ער נאָך נישט געהאַט אויף זיך אַ ניי שטיקעל מלבוש...

און ער הויבט אויף זיינע אויגען פון׳ם סידור, און דאָס זיינען גאָר גישט קיין אויגען, נור פלאַקערדיגע קויהלען זיינען עס — און דאָ זעהט ער די מאַמע, און זי האָט טרעהרען אין די אויגען.

„אם ירצה השם איבער יאָהר“, ענטפערט איהם די מאַמע, „איבער יאָהר פסח אם ירצה השם וועסטו שוין האָבען אַ ניי מלבוש“.

און די מאַמע קושט איהם אויף׳ן שטערען.

און דאָס יונגעל שווייגט — זיינע אויגען זיינען פערחלומ׳ט, ער חלומ׳ט און וואַרט מען זאָל איהם פּותר חלום זיין.

* * *

און אויך איבער יאָהר פסח האָט נאָך אפרימ׳ל נישט

געהאט אַ נײַ מלבוש. קושען – יאָ, דאָס האָט איהם זײַן מאַמע געקאָנט געבען, אָבער אַ נײַ מלבוש – דאָס נישט.

און אויך אַ יאָהר שפּעטער, און אויך די איבריגע שפּעטערע יאָהרען, האָט אֶפרים׳ל נאָך נישט געהאַט עפּעס אַ נײַ שטיקעל מלבוש. דען, זעהט איהר, עס איז פֿערהאַנדען אויף דער וועלט אַזעלכע מיני מענשען וואָס האָבען קײַנמאָל נישט אויף זייער גאַנץ לעבען קײַן שום שטיקעל נײַ מלבוש.

עס זענען פֿערהאַנדען אַזעלכע וואָס וואוינען זייער גאַנצען לעבען אויף דער זײַט פֿון דער זון, און אַזעלכע וואָס וואוינען זייער גאַנצען לעבען אויף דעם זײַט פֿונ׳ם שאָטען. אֶפרים׳ל האָט אַלע מאָל געוואוינט אויף דער זײַט פֿונ׳ם שאָטען.

און אֶפרים׳ל האָט אַלע מאָל געפֿרעגט: „פֿאַר וואָס?“. אַ מין קלײַן ווערמיל האָט געוואוינט אין זײַן קלײַן קאָפּעל און האָט דאָרט געגראָבען און געגראָבען, און דאָס קלײַנע ווערמיל האָט אויסגעגראָבען אַ גרויס לאָך, און דאָס לאָך האָט דאָס ווערמיל פֿול געשטאָפּט מיט אַזעלכע „פֿאַר־וואָס“ פֿראַגען.

און די פֿראַגע איבער אַלע פֿראַגען איז געוועזען, פֿאַר וואָס האָב איך קײַן נײַ מלבוש נישט? און נאָך פֿיעל הארבער איז געוועזען די פֿראַגע: פֿאַר וואָס האָבען אַנדערע יאָ נײַע קלײדער?

און אֶפרים׳ל האָט אין זײַן הערציל נישט געשפּירט קײַן קנאה – און נור אַ וועהטאָג האָט ער געשפּירט.

און זײַענדיג אינ׳ם חדר און זעהענדיג די יונגלעך אין מלבושים וואָס זײַנען נאָך נעכטען אָדער אייער־נעכטען נײַ געוועזען – האָט ער נישט געשפּירט קנאה אויף זיי, און נור אַ וועהטאָג האָט ער געשפּירט.

און אין גאַס, זעהענדיג נײַע קלײדער, האָט ער נור אַ וועהטאָג געשפּירט.

און אויך דער הונגער האָט איהם קײַנמאָל נישט אַזוי שטאַרק צוגעזעצט, ווי עס האָט איהם צוגעזעצט יענער אייניציגער געדאַנקען וואָס האָט זײַן גאַנץ הערציל אויסגעפֿולט.

זײַן גאַנצע נשמה האָט זיך אין איהם צוזאַמענגעשרומפּפּט צו איין אײנציגען געדאַנקען , צו איין אײנציגער בענגעניש — דאָס בענגעניש צו דעם אײנעם וואָרט : תתחדש .

און נור איין אײנציגעס מאָל האָט ער זיך גליקליך געפֿיהלט — איין מאָל בײַ נאַכט . אָבער בײַ'ם ערוואַכען פֿונ'ם שלאָף האָט ער געוויינט , און די מוטער האָט איהם געפֿרעגט וואָס איהם איז , און ער האָט ערצעהלט , אַז די יונגלעך זײַנען וואָס נור בײַ איהם געוועזן און האָבען איהם בעטאַפּט , דען ער האָט אויף זיך אַ נײַ מלבוש געהאַט , און יעדער האָט איהם געזאָגט „תתחדש" , און זײַן האַרץ האָט זיך אין איהם צוגאָסען פֿאַר פֿרײד — און יעצט אָבער האָט ער גאָר נישט מעהר .

און די מוטער האָט זיך געטראַכט מסתמא האָט זיך איהם דאָס נײַע מלבוש געחלומט .

און אפרים'ל האָט אָנגעהויבען חלומ'ן מיט אָפֿענע אויגען — אָבער אַ נײַ מלבוש האָט ער אויף זיך אין זײַנע חלומות נישט מעהר געזעהען .

און זײַן נשמה האָט אַלץ נאָך געוואַרט און געוואַרט אויף דעם אײנעם וואָרט תתחדש .

*   *

*

און עלטער איז ער געוואָרען , אַ יונגעל פֿון צעהן , אַ יונגעל פֿון צוועלף יאָהר , און אַ שנײַדער־יונגעל איז ער געוואָרען בײַ אַ פֿרעמדען שנײַדער — אָבער צו אַ נײַ מלבוש האָט ער אַלץ נאָך זיך נישט דערשלאָגען .

און דער שנײַדער פֿלעגט איהם שלאָגען און די שנײַדערקע פֿלעגט איהם פּײַניגען און די שנײַדער־געזעלען פֿלעגען איהם אויסקניפּען זײַן נאַקעט פֿלײש וואָס פֿלעגט אַרויסקוקען פֿון זײַנע צוריסענע , צושליסענע שטיקער מלבושים — דאָס אַלעס אָבער האָט איהם נישט וועה געטהון ; און נור ווען ער פֿ׳עגט האַלטען צווישען

די פינגער אַ נאָדעל מיט פאָדים און פלעגט נעהען עפּעס אַ ניי שטיקעל אַרבייט, דאָ פלעגט ער שפירען אַ וועהטאָג. דאָס נייע מלבוש פלעגט איהם שטעכען אין די פינגער, און נישט די נאָדעל — און דאָ פלעגט זיין בלייך פּנים ווערען טויזענדמאָל בלייכער און זיינע אויגען פלעגען אָנהויבען טויזענדמאָל מעהר צו פלאַקערן און דאָס קליינע ווערמעל פלעגט אָנהויבען צו גראָבען און צו גראָבען איהם אין דער נשמה און אין'ם מוח און אין די אויהרען פלעגט איהם אָהן אַנ'אויפהער צו זשומען דאָס בעקאַנטע וואָרט, דאָס וואָרט תתחדש.

און עס זשומט איהם אין די אויהרען און עס זשומט איהם אין דער נשמה, און הערט גאָר נישט אויף. און דאָס בענגעניש און די ברענעדיגע לוסט דאָס צו הערען וואַקסט און וואַקסט.

און ווען דער שניידער פלעגט איהם שיקען מיט נייע מלבושים, זיי אָבצוטראָגען צו די גבירים, און ער פלעגט זעהען זייער רייכקייט און זייער פּראַכט און אַלעס וואָס זיי האָבען, און ווען ער פלעגט אַ היים קומען אין זיין אָרים לאָך און ער פלעגט זעהען זיין אָרימקייט און זיין עלענד און אַלעס וואָס ער האָט — דאָ האָט ער אַלע מאָל נור איין איינציגע זאַך געדענקט: אַז יענע האָבען נייע קליידער און ער האָט נישט.

וואָס איז זיין זינד אַזוי גרויס, וואָס ער האָט נישט קיין שום נייע זאַך? און וואָס ווידער האָבען יענע אַזעלכעס גוטס געטהון און זוכה געווען יאָ נייע זאַכען צו האָבען?

אוי, דאָס ווערמיל! טייטען ווען ער וואָלט עס נור קענען אָדער ווייניגסטענס כח ווען ער וואָלט נור האָבען עס שטיל און שטום צו מאַכען!

און זיין ברענעדיגע לוסט איז געוואַקסען און געוואַקסען.

און איינמאָל האָט מען איהם ביי אַ גנבה געכאַפּט. דאָס אומשולדיגע יונגעל מיט דעם שאֵינו־יודע־לשאול־פּנים'ל איז איינגענטליך גאָר נישט מעהר ווי אַ גנב געוועזען — אַזוי האָט די שניידערקע געזאָגט! דען די שניידערקע האָט איהם ביי יענער גנבה געכאַפּט.

און די מעשה איז אַ גאָר פּשוט'ע געוועזען: ביי'ם שניידער האָט מען אַ ניי מלבוש פֿערטיג געמאַכט און עס אֶפֿרים'ען געגעבען ער זאָל עס אָבטראָגען פֿאַר'ן גביר'ס יונגעל; אֶפֿרים'ל אָבער האָט עס נישט אָבגעטראָגען אַהין צום גביר פֿאַר'ן יונגעל, נור צו זיך אַהיים און זיין בוידעם־שטיבעל האָט ער עס געטראָגען, מיט דער כונה עס זיך אָנצומעסטען, איינמאַל וועניגסטענס אין זיין לעבען האָט ער געוואָלט אויף זיך אַ ניי שטיק מלבוש האָבען; איינמאַל נור אין זיין לעבען האָט ער געוואָלט דעם טעם פֿיהלען פֿון אַ ניי שטיק מלבוש — איין מינוט לאַנג...

און דאָביי, ביי דער־זעלביגער גנבה, האָט איהם די שניידערקע דערטאַפּט, דאָ האָבען זיי איהם קראַנק געשלאָגען און האָבען איהם אַרויס געטריבען.

* *

*

און ער איז עלטער געוואָרען, ער איז געוואָרען אַ יונגעל פֿון זעכצעהן, אַ יונגעל פֿון אַכצעהן יאָהר — אָבער צו אַ תתחדש האָט ער זיך אַלץ נאָך נישט דערשלאָגען.

און דאָ איז ער, ווי דער שטיינער איז, אַוועק מיט אַ שניידער־געזעלען קיין לאָנדאָן. אין לאָנדאָן האָט ער נייעס געזעהן: אַרבייטער־חברות, אַרבייטער־פֿערזאַמלונגען, און רעדען ווערען געהאַלטען און מען פֿאָדערט און מען פֿערלאַנגט און מען געהט מיט שטורם.

אָבער צו זיין תתחדש איז ער אַלץ נישט געקומען.

און ווי ער איז צוריקגעקומען אין זיין שטעדטיל אַהיים, איז זיין פּנים בלייך געוועזען נאָך מעהר ווי פֿריהער, און נור די אויגען האָבען געפֿלאַקערט ווי די לעבעדיגע קויהלען.

און די נשמה אין איהם האָט געפֿלאַקערט! און דאָס האַרץ אין איהם האָט זיך צונאָסען און דער מוח אין איהם איז געוואָרען אין גאַנצען אַ מין איינציג, גרויס, ברענענדיג פֿער־

לאנגעניש - דאָס פֿערלאַנגעניש צו הערען דאָס וואָרט תּתחדש.

פֿאַר וואָס? פֿאַר וואָס זאָל ער אַליין נור זיין אַזוי עלענד? פֿאַר וואָס אַנדערע מעגען האָבען פֿיעל נייע קליידער און ער מאָהר אַפֿילו קיין איינציגעס נישט האָבען?

און דאָס נייע מלבוש איז פֿאַר איהם געוואָרען אַ „פֿיקסע אידעע", אַ מין מאָנאָמאַניע, אַשגעון...

און ער האָט שוין גאָר נישט מעהר געטהון, נור גערעדט פֿון דעם נייען מלבוש וואָס ער וועט האָבען.

ער איז געוואָרען דאָס הויפּט פֿון אַ חברה אַרבייטער, און עפֿענטליך פֿלעגט ער רעדען האַלטען, און ערצעהלען פֿלעגט ער פֿון צייטען וואָס וועלען קומען, אַז אַלע, אַלע מענשען וועלען דאַן האָבען אַלע מאָל נור נייע מלבושים.

ס'וועלען נאָך קומען צייטען, אַז יעדען מענשען וועט מען דאַן זאָגען: תּתחדש!

אָבער יענע צייטען זיינען נישט געקומען — געקומען זיינען אַנדערע צייטען, די צייטען וואָס מען האָט איהם גענומען און איינגעזעצט.

* *
*

און ווי ער איז ווידער אַרומגעגאַנגען פֿריי, איז זיין פּנים בלייך געוועזען ווי קאַלך, און אַ הוסט האָט זיך איהם נישט געוואָלט שטילען, און אָפֿטמאָלס האָט ער געשפּיגען מיט בלוט — נור די אויגען האָבען געפֿלאַקערט.

און קראַנק און עלענד איז ער דאַן געלעגען אויף זיין בעטעל אין'ם הקדש.

דער הוסט ווערט וואָס אַ מאָל שטאַרקער, דאָס בלוט ווייזט זיך וואָס אַ מאָל מעהר.

און ער ליעגט און חלומ'ט זיינע חלומות מיט אָפֿענע אויגען: ער זעהט פֿון ווייטען אַ ניי מלבוש און ער הערט פֿון ווייטען דעם תּתחדש.

אין די ערשטע טעג האָט דער דאָקטאָר געפּלעגט יעדען טאָג צו מיטאָגצייט צו צוקומען צו זיין בעטעל-יעצט אָבער קומט ער נישט מעהר. מסתמא וועט דאָך אידם באַלד אין גאַנצען בעסער זיין און ער וועט באַלד אויפשטעהן און געהען אין גאַס אַריין, און באַלד וועט זיך אָנהויבען דאָס נייע לעבען מיט אַ ניי מלבוש.

זיינע כוחות אָבער זיינען געוואָרען וואָס אַמאָל וועניגער. די צונג איז איהם געוואָרען טרוקען, די קעהל אויסגעדאַרט, און די אויגען האָבען געפלאַקערט.

און די אויגען שליסען זיך ביסלעכווייז, און ער זעהט פאַר זיך אַ וואונדערליכע ערשיינונג: מלאָכים קומען, קליינע מלאָכים, גרויסע מלאָכים, טויזענד און וויעדער טויזענד מלאָכים, מלאָכים אָהן אַ שיעור, אָהן אַ צאָהל, און באַלד איז די גאַנצע שטוב פול מיט זיי; און די מלאָכים האַלטען אין איין שטייגען, שטייגען אַרויף און שטייגען אַראָב, און פאָכען מיט די פליגלען ווי יונגע, בלויע טויבען. און פּלוצלינג זעהט ער ווי זיי האַלטען נייע מלבושים, לויטער ווייסע נייע מלבושים, און זיינע אויהרען הערען אַ זיס צוקערדיג געזאַנג, אַ מעלאָדיע וואָס האָט קיין סוף נישט: תתחדש! תתחדש! תתחדש!

און פּלוצלינג בעווייזט זיך אויך אַ שווארצער מלאך, אַ מלאך מיט לויטער אויגען.

דעם טאָג דאַרויף האָט מען איהם קובר געוועזען אין די נייע ווייסע קליידער. דעם „תתחדש" האָט ער אָבער נישט מעהר געהערט.

דאָס איז די מעשה וואָס איך האָב אייך געוואָלט ערצעהלען פונ'ם יונגעל, וועלכער האָט נישט די זכיה געהאַט, אַזוי לאַנג ווי ער האָט געלעבט, צו האָבען אויף זיך אַ שטיקעל ניי מלבוש.

איהר אָבער טאָרט אייך די זאַך נישט נעהמען צו פיעל צו האַרצען; ס'איז דאָך סוף כל סוף נור אַ שניידערס אַ יונגעל...

ליכט.

נאַכט. אין׳ם שלאָפֿצימער ליעגט די פֿינסטערקייט אויסגעגאָסען ווי אַ שווערער וואָלקען. פֿון דעם איינעם עק ביז צום אַנדער׳ן ליעגט זי אויסגעגאָסען.

אין׳ם קליינעם בעטעל ליעגט דאָס שלאָפֿעדיגע קינד, און דאַנעבען שטעהט דאָס גרויסע בעט, אין וועלכען די מאַמע שלאָפֿט.

פּלוצלינג האָט זיך דאָס קינד געשטרעקט און געצויגען און איז דערוואַכט.

— מאַמע!

אויך די מאַמע איז דערוואַכט,

— וואָס ווילסט דו, קרוין?

— ליכט! ליכט וויל איך, מאַמע! ס׳זאָל יעצט ליכטיג זיין! איך וויל, ס׳זאָל ליכטיג זיין אויגענבליקליך.

די מאַמע האָט זיך איילענדיג אויפֿגעחאַפּט, איז אַראָב פֿון בעט און האָט אָנגעצונדען אַ ליכט.

— ניין, מאַמע! נישט אַ ליכט וויל איך, נישט די ליכטיגקייט פֿון אַ ליכט, ניין, נישט די ליכטיגקייט פֿון אַ ליכט! עס זאָל ליכטיג זיין, וויל איך! עס זאָל אומעטום ליכטיג זיין! איך וויל, עס זאָל ליכטיג זיין דאָ און אויף דער גאַס און אומעטום! עס זאָל יעצט טאָג זיין, וויל איך!

— אָבער, נשמה׳לע מיינס, וואָס דו ווילסט, דאָס קען דאָך נישט זיין! יעצט איז נאַכט, און קיינער קען נישט יעצט מאַכען, אַז עס זאָל זיין טאָג. דאָס קען אַפילו די מאַמע נישט מאַכען, און אַפילו פֿאַר איהר איינציג קינד קען זי עס נישט

מאַכען, וואָרט. וואָרט אַ ביסעל, מיין טהייערס! האָב געדולד! נור נאָך אַ ביסעל: באַלד וועט ווערען טאָג —

— איך וויל אָבער, עס זאָל שוין טאָג ווערען! אַז שטענדיג זאָל זיין טאָג!

און דאָס קינד האָט זיך צעוויינט.

און די פרוי קען דאָס קינד נישט וויינען הערען. די טריט פון טויט וואָלט זי קענען רוהיג הערען, ווען ער קומט, נור נישט איהר קינד, ווען עס וויינט.

דאָס קינד אָבער וויינט. און דאָס קינד איז עלטער געוואָרען, און וואָס עלטער עס איז געוואָרען, האָט עס אַלץ מעהר געוואָלט ליכט און טאָג, און וואָס מעהר עס האָט געוואָלט ליכט און טאָג, האָט עס אַלץ מעהר און מעהר געוויינט. און די מאַמע, וואָס מעהר זי האָט געהערט דאָס קינד וויינען, איז זי אַלץ מעהר עלענד און מעהר אומגליקליך געוואָרען, דען זי האָט נישט געקענט איהר קינד וויינען הערען.

ליכטיגער גאָט, וואָס זי האָט, וואָלט זי גערן אָבגעגעבען, אַבי עס זאָל ליכטיג זיין איהר קינד!

און זוכען איז זי געגאַנגען פאַר איהר קינד ליכט.

— וואו איז דער אָרט פון וואַנען דאָס ליכט נעמט זיך?

און ווי זי איז געשטאַנען ביי די שיידע-וועגען און האָט געפרעגט און געפאָרשט ביי די שטומע שטענען, איז איהר איין אַלטע פרוי ענטקעגען געקומען.

— יעצט בין איך אַלט און דאָס לעבען האָט מיך חכמה געלערענט. דאָס ליכט זוכסט דו, טאָכטער? ליכט פאַר דיין קינד? הער, וואָס איך וועל דיר זאָגען: ווען דו וועסט דיינע ליכטיגע און גלאַנצענדיגע אויגען נעהמען און וועסט זיי מקריב זיין דיין קינד פאַר אַ קרבן, וועט דיין קינד האָבען ליכט, ווי עס פערלאַנגט.

און די פרוי האָט קיין מינוט נישט געוואַרט. זי האָט גענומען און געבראַכט איהרע ליכטיגע און גלענצענדיגע אויגען איהר

קינד פאר א קרבן. טאג ווי נאכט, טאג ווי נאכט האט זי געארבייט פאר איהר קינדס וועגען, זי איז די נעכט נישט געשלאפען, ביז די אויגען זענען איהר בלינד געווארען פאר צופיעל ארבייטען ביי נאכט.

דאס איז ליכט געוועזען פאר איהר קינד. אבער פאר איהר קינד אליין איז דאס ליכט געוועזען — און ער האט דאך געוואלט, אז אומעטום און אויף דער גאנצער וועלט זאל זיין ליכטיג.

און צום צווייטען מאל איז די פרוי געשטאנען ביי די שיידע־וועגען און האט געפרעגט און געפארשט ביי אלע שטומע שטענגען.

— זאגט מיר, שטומע שטענגען, וואו איז דא דער ארט פון וואנען עס נעמט זיך דאס ליכט?

און איין אלטע פרוי איז איהר ענטקעגען געקומען.

— יעצט בין איך אלט; אבער אמאל בין איך יונג געוועזען ווי דו, און ווען איך בין יונג געוועזען בין איך געוועזען א מאמע ווי דו; און דעריבער וויים איך עס. ווען דו וועסט ארבייטען אין שווייס פון דיין אנגעזיכט אזוי לאנג ביז דיינע האר, וועלכע זענען שווארץ ווי די נאכט, וועלען זיין וויים ווי דער טאג דאן וועט די דאזיגע ווייסקייט א ליכטיגקייט פערשפרייטען און דו וועסט האבען ליכט פאר דיין קינדס וועגען.

און די מאמע האט זיך קיין מינוט ניט איבערלעגט, זי האט זיך אוועקגעזעצט ארבייטען און האט געארבייט טאג ווי נאכט, טאג ווי נאכט, און גאר נישט גערוהט האט זי, ביז פאר צופיעל ארבייט זענען איהרע האר, וועלכע זענען שווארץ געוועזען ווי די נאכט, וויים געווארען ווי דער ליכטיגער טאג. זיי זענען וויים געווארען ווי דער פריש געפאלענער שנעע, און זיי האבען געלויכטען ארום און ארום.

אבער דאס דאזיגע ליכט איז נישט גענוג געוועזען; עס איז נישט קיין אייביג ליכט געוועזען און האט נישט געלויכטען פאר די גאנצע וועלט.

און צום דריטען מאָל שטעהט די פרוי און פאָרשט ביי די שטומע שטעגען:

— שטומע שטעגען! זאָגט מיר, צי ווייסט איהר דען נישט וואו איז דאָ דער אָרט פון וואַנען עס נעמט זיך דאָס ליכט?

און פון אַלע פיער עקען איז דער ווינד געקומען און געהערט האָט זי:

— ווען דו וועסט דאָס רויטע בלוט פון דיין האַרץ מקריב זיין דיין קינד פאַר אַ קרבן, וועט דאַן דאָס רויטע גלאַנצען און וועט לייכטען ווי דאָס אייביגע ליכט.

„דאָס בלוט פון מיין האַרץ?" האָט די פרוי געזאָגט — און אומדערבאַרמיג האָט זי זיך דאָס האַרץ אַרויסגעריסען און האָט עס געבראַכט איהר קינד פאַר אַ קרבן, און ווי דאָס קינד האָט ביי זיך דאָס מוטער־האַרץ דערפיהלט, איז איהם וואַרם געוואָרען, ווי עס האָט געוואַרמט די זון אין גבעון, אוי עס האָט איהם געלויכטען אַ טאָג מיט אַ נאַכט, און עס האָט איהם געלויכטען נאָך גאַנצע זיבען טעג, און עס איז איהם ליכטיג געוועזען.

אָבער עס איז נישט געוועזען קיין אייביג ליכט, און נישט געלויכטען האָט עס אומעטום און שטענדיג און פאַר די גאַנצע וועלט.

און די פרוי האָט נאָך אַליין געבלאָנדזשעט און געזוכט.

וואו איז ליכט? וואו איז ליכט? — זאָגט מיר, וואו איז אַזאַ ליכט, וואָס זאָל מיין קינד לויכטען אויף אייביג און צוליעב מיין קינד זאָל ליכטיג זיין אויך דער גאַנצער וועלט?

איין אַלטער מאַן איז איהר ענטקעגען געקומען.

— ווען דו וועסט אַלע ביכער פון דער וועלט צוזאַמען נעמען און אַלע וויסענשאַפטען און אַלע חכמות, דאַן וועסט דו האָבען דאָס ליכט, וואָס דו זוכסט, און וועסט עס געבען דיין קינד.

און די פרוי האָט צוזאַמען גענומען אַלע ביכער פון דער

וועלט און האט צוזאמענגערופען אלע געלערנטע און אלע חכמים, כדי זיי זאלען געבען איהר קינד אלע וויסענשאפטען און אלע חכמות.

און די געלערנטע און די חכמים האבען דעם קינד געגעבען וויסענשאפט און חכמה, און ליכטיג איז איהם געווארען. אבער – איינמאל האט ער ארויס געקוקט און האט געזעהען ווי פינסטער עס איז אין דרויסען און ווי נור איהם אליין איז ליכטיג און עס האט איהם טאפעלט געשמערצט.

און פון קינד איז געווארען א אינגעל, און פון אינגעל א דערוואקסענער יונגער־מענש און פון דערוואקסענעם יונגען־מענש איז געווארען איין אומגליקליכער, א זעהר אומגליקליכער מאן!

דען נישט צופריעדען קען זיין דער, וועלכער זוכט איין אייביג ליכט, א ליכט פאר אלע מענשען צו גלייך.

און אזוי זוכענדיג דאס ליכט זענען טעג נאך טעג, יאהרען נאך יאהרען געשוואונדען, און מאט איז ער געווארען און מיעד און אלט און קראנק.

און די פיס האבען איהם געשמערצט פאר צופיעל געהן און זוכען און דאס הארץ און דער קאפ האבען איהם געשמערצט פאר צופיעל פיהלען און קלערען.

און אויך זיינע האר, שווארץ ווי די נאכט, זענען ווייס געווארען און האבען געגלאנצט און געלויכטען.

און אויך ער האט געהאט אזוהן, אוי דער דאזיגער זוהן האט פערלאנגט און געזוכט; דאס וואס ער אליין האט פערלאנגט און געזוכט זיין גאנץ לעבען.

און אזוי זוכענדיג און קלערענדיג איז איהם דערווייל אנגעקומען דער לעצטער און פינסטערער טאג, און אנשטאדט ליכט, וואס ער האט געזוכט, איז צו איהם געקומען דער פינסטערער מלאך מיט די טויזענד שווארצע אויגען.

פלוצליגג האט ער פערשטאנען: עס איז דאס אייביגע

געזעץ ! טאָג און נאַכט קומען אָבוועקסלענד, ווי זומער און ווינטער, ליכט און פינסטערניש, היץ און קעלט .

און צורופענדיג זיין זוהן צום בעט, האָט ער געזאָגט : איך האָב געזוכט דאָס ליכט – אויך דאָס איז שוין גענוג !

דער גולם .

א מעשה .

אכט און צוואנציג יאהר איז דער גרויסער ר׳ לייב , דער מהר״ל פון פראג , געזעסען פערמאכט ביי זיך אין חדר , איינער אליין , פערטיעפט אין התבודדות . איהם האט געפיינינגט דער גרויסער סוד , און ער האט איהם דורכאויס געוואלט דערגעהן . דורכ׳ן קליינעם פענסטעריל אינ׳ם טהירעל פון דעם דאזיגען קעמעריל האט איהם חוה׳לע , זיין טאכטערס טעכטערל , אין די לעצטע יאהרען יעדען טאג דערלאנגט דאס ביסעל עסען , און איז זי געקומען אברוימען , פלעגט זי געפינען על פי רוב דאס עסען אזוי , ווי זי האט עס געלאזען . נור עטליכע קרישלעך האבען טיילמאלס געפעהלט ; דער גרויסער ר׳ לייב האט גענומען נור אזוי פיעל , אבי דאס לעבען צו דערהאלטען . איז געקומען אמאל עפעס איין אורח , איין איינגעשפארטער , און האט זיך איינגע׳עקשנט , דוקא און שלום צו נעהמען ביים מהר״ל , דא האבען זיך דורך דעם אייגענעם קליינעם פענסטערעל ארויסגעשטעקט א צוויי דריי פינגער פון אדארער טרוקענער האנד ; אבער א פנים האט זיך נישט בעוויזען . עס האט זיך אויך קיין שטימע נישט געלאזט הערען . טיילמא׳ס , אין לאבעדיגע טעג , איז דורכגעצויגען דורכ׳ן צימערעל עפעס א שטראהל פון א זון , איז געהאנגען קרום אין דער לופטען א קורצע צייט , איז דאן ביסלעכווייז בלאס און בלאסער געווארען און איז צום סוף פערשוואונדען – און קיין אויג האט איהם ניט בעמערקט ; דער מהר״ל איז געוועזן פערטיעפט אינ׳ם זוכען דעם גרויסען סוד . ווען

עס האָבען פריהמאָרגענס אין אַ זומער־טאָג, דריי אַ זייגער פאַרטאָג'ס, דרויסען צווישען די בוימער די שוואַלבען פלוצלינג זיך צוצוויטשעט, און נאָך אַמאָל „צוויטש, צוויטש, צוויטש!" און ווידער אַמאָל „טרילי, טרילי, טרילי!" און צום סוף „גיררר, גיררר, גיררר", דאָ האָט עס קיין אויער נישט פערנומען!
דער מהר"ל איז דאַן געזעסען איבער די דיקע ספרים און האָט געזוכט. דער גרויסער סוד איז איהם געלעגען ווי אַ שווערע לאַסט אויף זיין קאָפּ און אויף זיין הארץ און אין דער גאַנצער לופט אַרום און אַרום. אויבען אין אַ ווינקעל ביי דער בעלקע האָט אַ שפּין זינט אַסך יאָהרען אָנגעאַרבייט אַ גרויס שטיק שפּינוועבס, און דאָס דאָזיגע שטיק איז געהאַנגען פינסטער און שוואַרץ און איז וואָס אַמאָל פינסטערער און שוואַרצער געוואָרען.

און ווען דער גרויסער ר' ליב, דער מהר"ל פון פראָג, איז צום סוף, נאָך אַכט און צוואַנציג יאָהר, אַרויסגעקומען פון זיין חדר, דאָ איז ער געווען משונה־ווילד בעוואַקסען און זיינע האָר זענען געווען גריין־גרוי. דאָס ערשטע וואָס איז איהם אַנטקעגען געקומען, איז געווען אַ העלער לאַבעדיגער שיין פון דער זון. װעלכער איז גראָד אַריינגעפאַלען דורך אַ פענסטער. דער גרויסער ר' ליב האָט געמוזט פערשטעלען זיך די אויגען מיט דער רעכטער האַנד, געמאַכט ווי אַ דעכעל, כדי עס זאָל איהם נישט בלענדען.
דאָס צווייטע, וואָס ער האָט דערבליקט, איז געווען חוה'לע, זיין אייניקעל — און ווידער האָט ער געמוזט פערהאַלטען זיך די אויגען אַ גאַנצע מינוט לאַנג, ווייל עס האָט געבלענדט. ערשט אַ ביסעל שפּעטער איז ער צוגעגאַנגען עטוואָס נעהנטער.
— ווער איז דאָס? — האָט ער געפרעגט. זיין שטימע האָט געקלונגען ווי די שטימע פון אַ קינד וועלכעס לערנט זיך רעדען.
— דיין אייניקעל, רבקה'לעס אַ טאָכטער — האָט די אַלטע רבי'צן געענטפערט.

ער האָט זיך געמוזט ערשט דערמאָהנען. וואַרט נאָר,

וואַרט נור: האָט ער נישט געהאַט עפּעם אַמאָל אַ טאָכטער? יאָ טאַקי. ווען ער זאָל קיין טעות נישט האָבען, האָט מען זי גערופען, דאַכט זיך, רבקה׳לע.

הויך און פערריסען דעם קאָפּ איז חוה׳לע פאַר איהם געשטאַנען און האָט מיט ווייט אויפגעריסענע אויגען געקוקט אויף דעם גרויען פערוואַקסענעם וואונדער. דאָס לעבעדיגסטע לעבען האָט געשפּראָצט פון איהר, און אַלעס האָט אין איהר געקאָכט אין געזידט. און די פלאַמענדיגע אויגען האָבען געבליצט און די צורה האָט געלויכטען און די ווייסע ציינער האָבען געבלישטשעט און די שוואַרץ-סאַמעטענע האָר האָבען געגלאַנצט – עפּעם איז געווען אין דער שטוב ווי אַ שפּרינגענדיג שיינדעל פון אַ זון, וועלכעס ציטערט אַרום און איז אַ מינוט דאָ און אַ מינוט דאָרט. און זי שטעהט נאָך אַלץ און קוקט אויף דעם אונבעהאָלפענעם, ווילדבעוואַקסענעם אַלטעטשקען, און דאַן בעווייזט זיך אַ שפּאָטישער שמייכעל אין די ווינקעלעך פון איהרע ליפּען. דער גרויסער ר׳ ליב איז צוגעגאַנגען אַ טריט נעהנטער; עפּעם האָט עם איהם געצויגען. פּלוצלינג אָבער האָט ער זיך אָבגעקעהרט און איז גיך אַוועק. ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז ער האָט געלאָזען ליעגען ביי זיך אין הדר אויפ׳ן טישעל דעם שם-המפורש – און דאָ איז ער גיך צוריק אַוועק אַהין. חוה׳לע האָט זיך פּלוצלינג שטאַרק צעלאַכט אויפ׳ן קול.

און ווי עס זענען עטליכע טעג פאַרביי געגאַנגען, האָט גאַנץ פּראָג אָנגעהויבען קאָכען ווי אַ קעסעל. די וואונדערליכסטע מעשות האָט מען דערצעהלט פונ׳ם גרויסען ר׳ ליב און וועגען זיין שם-המפורש און פון זיין קבלה און וועגען זיינע צרופים. מאַנכע האָבען דערצעהלט אַז איין מאָל אין דער פריה איז ער אויפגעשטאַנען, האָט זיך געוואַשען די הענד, האָט דריימאָל געזאָגט „ויהי נועם”, האָט גענומען זיין שם-המפורש און האָט מחיה געוועזן אַ מת. אַ יונגער מאַן איז געשטאַנען, צווישען מנחה און מעריב אין ר׳ מרדכי מייזל׳ס בית-המדרש און האָט דערצעהלט,

ווי דער מהר״ל הקדוש, זיצענדיג אין התבודדות, האָט פערפלאַנצט אַ קערנדעל אין אַ פלאַש, און עס האָט אָנגעהויבען דערין צו וואַקסען אַ מענשעל, און דאָס מענשעל איז געוואָרען גרעסער און גרעסער, ביז די פלאַש האָט גענומען פלאַצען, און דאָס מענשעל איז גרויס געוואָרען און איז געוואָרען דער גרעסטער תלמיד פונ'ם מהר״ל. אין דער אַלט־נייער שול איז געשטאַנען איין אַלטער יוד און האָט דערצעהלט, אַז דער רבי ר' ליב האָט געמאַכט אַ גולם, און לעגט ער איהם אַריין דעם שם־המפורש אין מויל אַריין, דאָ ווערט דער גולם לעבעדיג און איז דאַן אים שטאַנד די וועלט חרוב צו מאַכען, און נור ווען ער נעמט איהם דעם דאָזיגען שם־המפורש ווידער אַרויס, בלייבט ער ליגען טויט ווי אַ שטיק לעהם.

פערטראַכט און אומעטיג איז דער גרויסער ר' ליב טאָג־טעגליך אַרום פון זיין חדר און ווידער אַריין, און ווי אַ פינסטערער וואָלקען איז איהם געלעגען אויף זיין גערונצעלט פנים. ער האָט נישט געקאָנט לאַכען, און האָט נישט געקאָנט הערען ווי מען לאַכט; ער האָט קיין פרייד נישט געפונען. וואָס נוצט דער גרויסער סוד? וואָס נוצט ער אַפילו דאַן, ווען מען איז איהם שוין דערגאַנגען? ווערט דורכדעם די וועלט דען אַנדערש? ער האָט געקרעכצט. עס נוצט נישט, ווען איינער דערגעהט איהם. יעדער פאַר זיך וואָלט מוזען איהם דערגעהן, אַלע צוזאַמען וואָלטען איהם מוזען אין איין צייט דערגעהן, אַז מען וויל, אַז די וועלט זאָל ווערען אַנדערש און פרייד זאָל זיין און גליק און מען זאָל קענען און מעגען לאַכען. ער איז מיט לאַנגזאַמע שריט געגאַנגען ווייטער. חוה'לע, אַ לאַכענדיג לעבען, איז טאַנצענדיג איהם אַקעגען געקומען. אָט איהר מוטשעט נישט דער סוד און ווי אַזוי מען זאָל לעבען און וואָס איז לעבען — און דערווייל לעבט זי. ער האָט זיך אָבגעשטעלט און האָט זיך אַ מינוט לאַנג טיעף פערטראַכט. די אויגען האָבען זיך מיעד געשלאָסען. דאַן האָט ער ענערגיש געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף ניין. [illegible]

דען דאס לעבען?... ער איז פלוצלינג ווייטער געגאנגען, האט זיך געוואשען די הענד און האט זיך אוועקגעשטעלט דאווענען.

פון הראדשין־בארג אראב איז ווי א פייל פון בויגען געפלויגען א קארעטע איינגעשפאנט מיט זעקס ווייסע פערד, און איז צוגעפאהרען צום הויז פונ׳ם גרויסען ר׳ ליב. דער קייזער רודאלף II, א מענש וואס האט עוסק געווען אין מיסטיק און אלכימיע און נאך א זעלכע זאכען און האט דאסגלייכען געזוכט דעם גרויסען סוד, האט געשיקט זיין אדיוטאנט, רופען דעם יודישען רבי אין שלאס אריין. ער האט געהערט וואס דער יודישער רבי האט געטהון, און ער איז גיינעריג געווען צו זעהען דעם וואונדערליכען מאן.

דער פרייטאג דערויף איז געווען א טאג געטונקען אין לויטער ליכט און זונען־שיין. דער רבי ר׳ ליב האט זיך גענומען זיך מכין זיין אויף שבת; ער האט זיך נעשניטען די נעגעל, האט געריסען פאפיער און איז ענדליך געגאנגען אין מקוה אריין. די אלטע רבי׳צין איז, פערשוויצט און קייכענדיג, געווען בעשעפטיגט אין קיך. דער ריח פון פריש געקאכטע פיש האט זיך געלאזט הערען. חוה׳לע האט, זינגענדיג און מיט ברענענדיגער אומגעדולד, געראמט אין די צימערן לכבוד שבת. פון די מאלדאווא האט זיך מינוטענווייז געהערט א מערקווירדיג רוישען און זשומען פונ׳ם וואסער. ענדליך איז חוה׳לע אויך אריין אין דעם שטודיר־צימער פונ׳ם זיידען, כדי אויך דארט אלעס צו ברייננען אין ארדנונג.

דאס ווייסע טיכעל אויפ׳ן קאפ, צוגעבונדען פון הינטען ווי די פויערטעס, אין דער האנד דער פלעדערוויש, און פון דעם ווייסען טיכעל ארויס צוויי בליצעדיגע שווארצע אויגען, וואס האבען געפלאמט און געבריהט — אזוי איז זי געשפרונגען פון ווינקעלע צו ווינקעלע און האט גערעדט צו זיך און געטהון. און נישט גערעדט האט זי, נור געשוויטשערט, און ניט געשפרונגען איז זי, נור עפעס געפלויגען אדער געשוועבט. דרויסען ערגעץ

וואו, אין אַ בעהעלטעניש פון דאַך, האָט אַ זינג-פויגעל גראָד געזונגען דעם נגון פון „ווי שען איז דאָס לעבען!”. זי האָט זיך איינגעהערט און האָט מיטגעזונגען. און אַזוי איז זי אַרויף אויפ'ן טיש, אויף די בענק, אויף די שטוהלען, און פון שטוהל צו שטוהל איז זי געשפרונגען און האָט אַרומגעאַרבייט מיט דעם פלעדערוויש. אויבען אויף די בעלקע ביים אָרט פון „זכר לחורבן” האָט זי שטאַרק אַרומגעווישט, און דאַן האָט זי זיך גענומען צו דער שפין מיט דעם שפינוועבס, און דאַן צו דער שאַפע מיט די ספרים, זי האָט געאַרבייט און געזונגען. עס האָט איהר אָנגעהויבען ווערען צו וואַרם, און זי האָט אויפגעשפילעט איהר בוזעם. דאָס הייסע אויפגעשפילעטע לעבען איז אַרויסגעקוואָלען אין דרויסען.

אָט האַלט זי אין דער האַנד אַ גרויכען מעכטיגען ספר פון די ספרים און ווישט איהם. זי האָט זיך אויף אַ מינוט פערטראַכט. רבונו של עולם! צו וואָס גאָר אין גאַנצען אַזוי פיעל ספרים? צו וואָס בעדאַרף זיי אַ מענש? זי שטהעט און קלעהרט. איהר זיידע איז פראָסט משוגע, אַז ער האָט גענומען אַ בליהענדיג לאַנג לעבען פון זיבעציג יאָהר און האָט עס דערטרונקען אין אַ זעלכע נאַרישקייטען. איין מינוט לאַנג די ליעבע ליכטיגע וועלט מיט דער גאָלדענער זון איז דאָך טויזענד מאָל ליעבער און קליגער פון אָט די אַלע ספרים צוזאַמען.

און אָט האָט זי שוין פערגעסען די ספרים און דאָס לאַנגע לעבען און אַפילו דעם געדאַנקען וועגען דער ליעבער ליכטיגער וועלט מיט דער גאָלדענער זון, און זי שטעהט שוין ביים אויווען און ווישט איהם אַרום. אין מיטען פון אויווען איז אויסגעהאַקט אַ פיגור מיט איין אָבגעריבענער נאָז. זי חאַפּט זיך דערביי, ווי זי איז שוין ווידער פערטיעפט אין געדאַנקען. וואָס טהוט זיך דאָס היינט מיט איהר, וואָס זי קלעהרט און פערקלעהרט זיך אַזוי אָפט? זי נעהמט אַראָב פון וואַנד דעם שבת'דיגען ספאָדיק פונ'ם זיידען און טהוט איהם אָן און צולאַכט זיך אויפ'ן קול. עס אַרט זי

אבער, וואס די נאז פון דער פיגור איז אבגעריבען און אבזיכטלך קאליע געמאכט. זי דערמאהנט זיך פלוצלינג, אז עס איז פארהאנען עפיס א דין וועגען א צורה וואס איז בולט, און אז עס שטעהט געשריבען „לא תעשה לך כל פסל״ — און זי ווערט טרויעריג. באלד דערויף אבער הויבט זי שוין ווידער אן צו ארבייטען און צו טרילען און צו זינגען; זי האט נור נאך דעם מעשענעם העגגעל־לייכטער ארומצווואשען.

גראד בייגט זי זיך אראב און ווענדט זיך צום ווינקעלע וואס הינטער דעם אויווען — און פלוצלינג בלייבט זי שטעהן ווי פערשטיינערט. דער פלעדערוויש פאלט איהר ארויס פון די הענד און זי שטעהט און גלאצט מיט אויפגעריסענע אויגען. דער בוזעם הייבט אן צו קאכען, דער אטהעם צו ברענען, די אויגען צו פלאמען.

הינטער דעם אויווען אינ׳ם ווינקעלע ליעגט אויסגעשטרעקט עפעס א געשטאלט, א געשטאלט פון א מענש, און נישט לעבעדיג איז ער, נור געמאכט, אוים ווייסען לעהם געמאכט — א גיפסענער גולם.

מיט ווייט אויפגעריסענע אויגען קוקט זי אויף דעם בעשעפעניש. אזוי עפעס שענעם האט זי נאך קיינמאל נישט געזעהען. דאס פנים לעבט, די ליפען לעבען, אלע גלידער לעבען. זי קוקט און קאן איהרע אויגען נישט אראבנעהמען. און א מאנספארשוין איז עס! רבונו של עולם, ווי שען איז דאך דער דאזיגער מאנספארשוין! זי קען נישט אנדערש — זי מוז זיך אראבבייגען און מיט איהרע פינגער אנריהרען. אווארם ציטערן דורכפלאמט א מינוט לאנג איהר גאנצען קערפער. זי נעמט אראב פון איהם דעם זיידענעם חאלאט, אין וועלכעם ער איז איינגעהילט, זי עסט די געשטאלט אויף מיט איהרע ברידעריגע אויגען. איבערהויפט געפעלט איהר דאס מויל! עס איז, ווי עס וואלט זיך קענען יעדע מינוט אויפמאכען און רעדען. ניין, איבערהויפט געפעלט איהר דער שטערען; ניין — די ווינקעלעך פון די שלייפען. אוי

גאָט, ווי זענען דאָך די שלייפען שען! עס דאַכט זיך, זי זעהט אויך דאָס בלויע אָדערעל אין דער פיינער שלעף. און פלוצלינג פאַלט איהר אין די אויגען אריין דער אויבער־אָרעם מיט זיינע מוסקולען. און דער דאָזיגער ברוסט־קאַסטען! רבונו של עולם, וויפיעל שטאַרקייט און גבורה דאָ ליעגט! פלוצלינג פערבלאָנדזעט זיך איהר אויג ביז צו דעם אויער און דעם פיינעם אויער־לעפעלע. אזא איין אויער־לעפעל האָבען נור גוטע מענשען. אַ הייסע גלוט דורכריזעלט זי. זי קאָן זיך נישט איינהאַלטען און מוז איהר הייסען בוזעם צולעגען צום קאַלטען, געמאַכטען גוף, אום זיך אַ מינוט לאַנג צו קיהלען. זי מאַכט פאַמעליך צו די אויגען, און איהר איז אַזוי זיס, אַזוי זיס. זי וואָלט וועלען איהר גאַנץ לעבען אַזוי ליגען בלייבען. אַ פנים, אַ מענש, וואָס מענשען־הענד בעשאַפען איהם, איז טויזענד מאָל שענער און פאָלקאָמענער פון אַ מענשען, וואָס גאָט האָט איהם בעשאַפען. זי קען נישט אנדערש — זי טולעט זיך צו פעסטער צום גוף און זי פרעסט איהר מויל אויף זיין מויל. אַך, ווען ער וואָלט נור וועלען לעבעדיג ווערען אויך! זי ווערט פלוצלינג אומגעדולדיג און זי האַפט זיך אויף. זי טופעט מיט איהר גאַנצער קראַפט אויף דער ערד מיט איהר פוס: לעבען! לעבען! לעבען!

פלוצלינג ווערט עס איהר קלאָרער אין קאָפּ. זי דער־מאָהנט זיך, וואָס מען האָט געמעמעלט אין די לעצטע טעג, אַז דער זיידע האָט געמאַכט אַ מענש אַ גולם אוים לעהם. עפּעס וויים זי, אַז דער זיידע קאָן איהם אויך לעבעדיג און ווידער טויט מאַכען, אַלעס ווי ער וויל. זי געדענקט שוין איצט אויף קלאָר: אַ שם המפורש האָט ער צו איהם. אָבער ווער האָט געדולד צו אָט די אַלע גאַרישקייטען פונ׳ם אַלטען? זי טופעט מיט איהר פוס אומגעדולדיג און אויפגערעגט: לעבען! לעבען! לעבען!

אָבער דער גולם ריהרט זיך נישט.

און זי האַלזט איהם און קושט איהם און זי זאָגט איהם,

גליהענדיג פֿאַר ליידענשאַפֿט: איך האָב דיך ליעב! איך האָב דיך ליעב! איך האָב דיך דאָך אַזוי ליעב!

און דאָס וואונדער געשיהט: די ליעבע ברענגט צום לעבען. עס הערט אַגולם דיזס וואָרט „איך האָב דיך ליעב”, און הערט אויף צו זיין דער גולם.

דער שם־המפורש האָט אויף וואונדערליכע וועגען מוסר געוועזן זיין כח דעם יונגען מיידעל, דאָס יונגע מיידעל האָט מוסר געוועזן דעם כח דעם וואָרט און דאָס וואָרט האָט איהם מוסר געוועזן דער געשטאַלט. עס האָט זיך געריהרט פּלוצלינג די געשטאַלט. און צום סוף איז זי דערוואַכט.

דער גולם האָט זיך לאַנג געריבען די אויגען און ענדליך האָט ער זיי אויפֿגעמאַכט. דאָס ערשטע, וואָס איז איהם בעגעגנט, איז געוועזן אַזונען־שטראַהל; ער האָט געמוזט פֿערשטעלען זיך די אויגען מיט דער רעכטער האַנד, ווי אַ דעבעל, כּדי עס זאָל איהם נישט בלענדען. דאָס צווייטע, וואָס ער האָט דערבליקט, איז געוועזן חוה׳לע, און ווידער האָט ער געמוזט פֿערהאַלטען זיך די אויגען אַ מינוט, ווייל עס האָט איהם געבלענדט. ער האָט אַוועקגעבליקט פֿערשעמט, און האָט זיך אַריבערגעוואָרפֿען ניך דעם זיידענעם חאַלאַט. זיין פּנים איז פּלוצלינג שטאַרק רויט געוואָרען.

באַלד אָבער האָט ער זיך פֿערטיעפֿט אין געדאַנקען. דו, גרויסער גאָט! וואו איז ער דאָ? איין אַלטע, נור וואָס פֿערגעסענע וועלט איז אין איהם ביסלעכווייז אויפֿגעשטיגען. ער דערמאָנט זיך אייניציגווייז אָן גאָט, נשמה, הימעל, היילִיגע ספרים, קבלה, סגופים, עבודת הבורא, רבי ליב, יענע וועלט, גן־עדן. ער געדענקט, אַז דאָס לעצטע וואָס ער האָט געהאַלטען אין האַנד נעכטען ביי נאַכט, איידער ער האָט צוגעמאַכט די אויגען, איז געוועזן דער „גור אריה”. ווי אַ נעבעל איז איהם געוואָרען אַרום און אַרום. דאָס הערץ איז איהם אַזוי שווער געוואָרען און דער קאָפּ איז איהם געהאַנגען ווי אַ בליי. און פֿאַר דעם „גור

אַריה״, געדענקט ער, האָט ער מיט דעם מהר״ל הקדוש צוזאַמען געלערענט דעם „זהר״. ער דערמאָהנט זיך, אַז ער איז שוין איצט אַ שענע עטליכע מינוטען ווידער אויפגעוואַכט און האָט נאָך אין גאָר נישט עוסק געווען. אַ שווערער קרעכץ האָט זיך פון איהם געהערט, ווי פון אַ מענשען, וועלכער האָט פאַר זיך אַ שווערע לעסטיגע אַרבייט. ער האָט זיך פאַמעליך אויפגעהויבען און איז צוגעגאַנגען צו די ספרים-שאַפע.

— וואָס ווילסט דו דען טהון איצט?

ער איז פלוצלינג בלאַס געוואָרען און די אויגען האָבען אָנגעהויבען פלאַקערן. איהם האָט זיך געדוכט, אַז אַ זילבערן גלעקעל האָט געקלונגען. באַלד אָבער האָט זיך איהם געדוכט, אַז אַ פויגעל, דערזעלבער וועלכער וואויהנט דרויסען אויפ׳ן בוים, האָט געצוויטשט. ער האָט זיך טיעף אַריינגעבויגען אין די ספרים-שקאַפע און האָט, קוים וואָס מען האָט געהערט, געשעפטשעט:

— לערנען... איך מוז דאָך געהן לערנען...

ער האָט מורא געהאַט אַהינצוקוקען דאָרט, פון וואַנען די שטימע איז געקומען.

און ווידער האָט זיך געהערט דאָס קלינגען פון אַ זילבערן גלעקעל. דאָס מאָל אָבער גאַנץ אָהן ווערטער. חוה׳לע האָט זיך צולאַכט אויפ׳ן קול.

לערנען — איהר איז דאָס וואָרט אויסגעקומען אַזוי מאָדנע נאַריש, אַז זי האָט געמוזט זיך פונאַנדערלאַכען. נאָך אַזוי יונג — און שוין לערנען. נאָך אַזוי פריש און ניי און קרעפטיג — און שוין לערנען. נאָך אַזוי שען און לעבעדיג און פול חן — און שוין זיך טוידטען. און צום צווייטען מאָל האָט זי זיך צולאַכט. מיט אַמאָל אָבער איז זי אָמת׳דיג אין כעס געוואָרען אויף איהר אַלטען זיידען.

גאַנץ ווי צו איין אַלטען בעקאַנטען איז זי צוגעגאַנגען צו דעם יונגען מענש, פריי און אומגעצוואונגען און אָהן קלעמעניש.

זי האָט אַרויפֿגעלעגט איהר האַנד אויף זיין האַנד, וועלכע האָט גראָד געהאַלטען דעם „תּפארת ישׂראל״.

— אוי דו, נאַרישער גולם, דו! קוק מיך אָן... קוק אַרויס אין דרויסען. דער הימעל איז אַזוי בלוי, אַזוי בלוי. און ווי גרויס איז דער גאָרטען און ווי ברייט און גרויס איז דאָס האַרץ. און אין גאָרטען זינגען גאָט׳ס מלאָכים — גאָלדענע שפּיעל־פֿייגעלעך, און זיי זינגען אַזוי זיס. ווייסט דו ווי זיס די פֿייגעל זינגען? און אַלעס איז אַזוי פֿריש און מחיה. און די לופֿט און די טויזענד ריחות און דאָס רוישען פֿון די בוימער און מינוטענווייז אַ זשומען און ברומען אַז קיינער ווייס נישט, פֿון וואַנען און פֿון וואָס. און דו, גולם, ווילסט זיך בעגראָבען נאָר אין ספֿרים? אין שטויב און אין שימעל?

אַ לייכט ציטערן איז איהם אַריבער איבערן קערפּער. שוואַך און קוים וואָס מען האָט עס געהערט האָבען זיינע ליפּען נאָכ־געשעפּשעט די ווערטער: דער הימעל איז אַזוי בלוי, דער גאָרטען אַזוי גרין... דער „תּפארת ישׂראל״ האָט זיך איהם אַרויסגעגליטשט פֿון דער האַנד און ער האָט זיך פֿערטראַכט. ווי אַ צויבער האָט עס איהם אַרומגענומען.

באַלד אָבער האָט ער זיך אַ וויש געגעבען מיט דער האַנד איבער די אויגען און איבער דעם גאַנצען שטערען, ווי ער וואָלט זיין דערוואַכט פֿון אַ וואונדערליכען חלום. ער האָט זיך ענערגיש אַ דרעה געטהון און האָט זיך געחאַפּט צו דעם ספֿר.

זי האָט געקוקט אויף איהם געביטעריש. איהרע אויגען האָבען זיך ווי אַריינגעזויגען אין איהם, און אויף דער שטעל, וואו איהר בליק איז האַפֿטען געבליבען, האָט עס געבריהט ווי אַ ברענגלאָז. נישט ווילענדיג האָט ער אויפֿגעהויבען זיינע אויגען.

זי האָט אָנגעהויבען לאַנגזאַם צו ריידען צו איהם. ביי דעם קלאַנג פֿון איהר ווייכער שטים האָט ער געמוזט רק געדענקען אָן די רויהע שטים פֿון דעם אַלטען. אַ פּנים אַזוי ריידען, ווי זי רעדט צו איהם, קאָן נור דאָס מויל פֿון אַ ווייבליך בעשעפּעניש.

אוּן עֶפִּים רעֶדט זִי פוּן דעֶם, אַז ווען אַנ'אַלטער מאַן, אַמשׁוּנה־ווִילד פערוואַקסענער, פערגראָבט זִיךְ אִין טויטע געשטאָרבענע אותיות, דאָ אִיז עֶס נאָךְ צוּ פערשׁטעהן ; עֶפִּים אַנדערשׁ אִיז אִיהם שׁוין אִין דער וועלט נִישׁט געבּלִיבּען. אָבּער ווען אַזאַ יוּנג לעבען, וואָס קאָן לעבען – אוּן קאָן אָהן חשׁבּון לעבען – ווען אַזאַ יוּנג לעבען צוּשׁטִיקעלט זִיךְ אַליין דוּרכדעם, וואָס ער צוּשׁרייבּט תמִיד זִיךְ אוּן זַיין טהוּן אוּן אוּנטערזוּכט תמִיד זַיין געוועֶרק אוּן זַיינע אײגענע רעדלעךְ, דאָ זִינדִיגט אוּן פערזִינדִיגט ער זִיךְ נוּר געגען זַיין צוועק אוּן געגען דעם אֶמת'ען צוועק פוּן לעבען בּכלל. אוּן דוּ בִּיסט דאָךְ, האָט זִי געענדִיגט, אַזוי יוּנג אוּן אַזוי שׁען...

– רייד, רייד נאָךְ – האָט זִיךְ אִיהם אויסגעגאָסען פוּן די לִיפּען.

אוּן זִי רעדט ווייטער. אוּן נִישׁט אִיהרע ווערטער הערט ער מעהר, נוּר דעם קלאַנג פוּן אִיהר שׁטִים. ער פערטראַכט זִיךְ אָבּער פלוּצלִינג. וואָס אִיז דאָס לעבען אוּן צוּ וואָס לעבט מען? אוּן זוּכט נִישׁט דער אַלטער, מִיט אַלע זַיינע טויזענד ספרים אוּן מִיט זַיין גאַנצער חכמה, נאָךְ אִיצט ערשׁט דעם צוועק פוּן לעבען אוּן דעם גרויסען סוד? נעכטען בּיי נאַכט, דריי אַזייגער אִיז עֶס געוועֶן, ווען זיי זעֶנען געזעסען בּיידע צוּזאַמען אִיבּער די ספרים, דאָ האָט זִיךְ דער אַלטער פלוּצלִינג אויפגעחאַפּט אוּן אִיז געלאָפען אַרויף אוּן אַראָבּ אוּן האָט געשׁריִען: ניין, ניין, ניין! קוים האָבּ אִיךְ געפוּנען דעם גרויסען סוד אוּן האָבּ געמיינט, אִיךְ וועל מִיךְ שׁוין בּערוּהִיגען, דאָ אִיז שׁוין ווִידער געוואָרען אַנייער גרויסער סוד, ווָעלכען אִיךְ מוּז אויף דאָס ניי זוּכען אוּן דערגעהן, אוּן קוים וועל אִיךְ אויךְ אִיהם דערגעהן, וועט דאַן ווִידער ווערען אַנייער גרויסער סוד, אוּן קיין סוף וועט קיינמאָל נִישׁט זַיין!" – דאָס אַלזוי האָט דערגרייכט דער אַלטער מִיט אַלע זַיינע ספרים אוּן מִיט זַיין גאַנצער חכמה! אוּן בּעת יענער זוּכט, קאָן דען ער, דער גולם, נִישׁט עֶפּיס בּעסערעס

טהון און דערוויל לעבען? ער, וואָס ער האָט אַלע גאָבען צום לעבען? און קאָנען דען טויזענד חכמות דערזעצען דאָס וואָס מען פֿיהלט אין איין מינוט? זאָל מען און מוז מען דען נישט אַוועק געבען דעם גאַנצען מוח פֿאַר איין מינוט האַרץ?

און זי רעדט אַלץ ווייטער צו איהם, און איהם איז, ווי ווען זי וואָלט זיין עלענדע קראַנקע נשמה איינהילען אין עטוואָס ווייכעס, וואָס בערוהיגט און לינדערט.

און ווי זיי זענען ביידע אַרויסגעקומען אין די פֿרייע לופֿט, האָט זיי אַ זיסע לופֿט אַרומגענומען. האַנד אין האַנד זענען זיי געגאַנגען דורכ'ן גאָרטען און איבער'ן בריק. דאָס וואַסער אין דער מאָלדאַווא האָט אַזוי צויבערהאַפֿט גערוישט. און איבער דעם שאָסיי זענען זיי געגאַנגען און ביז צום וואַלד, די אַלטע טונקעלע בוימער זענען געשטאַנען פֿאַר זיי און האָבען זיי צו זיך געצויגען און געצויגען.

שטיל איז געשטאַנען דער וואַלד, ווען זיי זענען אַריין אין איהם, און ווען זיי זענען ווידער פֿון איהם אַרויסגעקומען, האָט ער גערוישט און געהילעכט; ער האָט זייער סוד, וועלכער איז אויך גרויס געווען, געהאַט איינגעשלונגען און איצט האָט ער געפּרובט איהם אויסצופּלוידער'ן. און די זון האָט געלאַכט ביי זייער צוריקקומען, און דער זאַמד האָט געפֿונקעלט און אַלעס גרינע האָט זיך געפֿרעהט און געגליהט און געלויכטען.

* *

*

אַ האַלבע שעה שפּעטער איז דער רבי ר' ליב צוריקגעקומען פֿון דער מקוה. דער שבת קודש האָט שוין גערוהט אויף איהם. פֿריש און אויסגעצוואָגען האָט ער אויסגעזעהען, און ביים האַלז האָבען זיך געוויזען די פֿרישע ווייסע רענדער פֿון אַ קלאָר העמד. די רעביצין האט איהם דערלאַנגט אַ שטיקעל פֿיש מיט אַנ'אייער־קיכעל. דאַן איז דער גרויסער ר' ליב אַריין אין זיין לערן־חדר.

ער האָט זיך אין אָנהויב דערשראָקען. דער גולם איז געזעסען אין אַ ווינקעל פֿערקלערט, אָבער אַ לעבעדיגער. דאַכט זיך, ער האָט איהם געלאָזען אָהן אַ שם־המפורש אַ טויטען, אָבער אויף קלאָר געדיינקט ער עס נישט. שטיל און אָהן ווערטער האָט דער רבי ר׳ ליב גענומען דעם „ספֿר רזיאל״. זיין ליעבסטען תלמיד מוז ער איצט דערקלערען דעם סוד פֿון יצירה און וואָס איז דער אָדם הקדמון און וואָס איז דער אין־סוף. דער עיקר איז דער אין־סוף. דער גולם אָבער האָט זיך נישט קיין ריהר געגעבען. דער מהר״ל האָט אויפֿגעהויבען זיינע אויגען און האָט איהם אָנגעקוקט.

— דרויסען, — שעפּטשען די ליפּען פֿונ׳ם גולם פֿערחלומ׳ט, — איז דער הימעל אַזוי בלוי, אַזוי בלוי... גרין איז דער גאָרטען און דאָס פֿעלד און דער וואַלד, און אויך דאָס האַרץ איז אַזוי ברייט און גרויס. און די ריחות, און דער פֿויגעל־געזאַנג... און ספֿרים זענען שטויב און שימעל...

אויפֿ׳ן טיש ליגט דער גור אריה, דער גבורת ה׳, דער באר הגולה און נאָך און נאָך — און דער גולם רעדט דאָס אַ זעלכע ווערטער.

דער רבי ר׳ ליב איז געשטאַנען, ווי ווען דער לשון וואָלט איהם זיין אָבגענומען. ער האָט גאָר נישט פֿערשטאַנען די ווערטער. ס׳טייטש, מיין גולם? און אַ זעלכע דבורים?...

דריי טעג זענען פֿאַרביי געגאַנגען.

דער רבי האָט מיט דעם תלמיד אין די דריי טעג קיין איינציג וואָרט נישט גערעדט, ווי דער גולם וואָלט זיין אין חרם. ווי אַ שאָטען איז ער נאָכגעגאַנגען נאָכ׳ן רבי ר׳ ליב. חאָטש איין וואָרט, חאָטש איין וואָרט! עס האָט איהם געצויגען צום רבי׳ן, ווי אַ מאַגנעט. דאָס בילד פֿון חוה׳לע איז פֿון מינוט צו מינוט געוואָרען בלאַסער אין זיין פֿאַנטאַזיע. חאָטש איין וואָרט, חאָטש איין וואָרט! ערשט אויף דעם דריטען טאָג פֿאַר

נאַכט , צווישען מנחה און מעריב , האָט דער מהר״ל אויפֿגעמאַכט זיין מויל און האָט גערעדט .

— וועה צו די , האָט ער געזאָגט , וועלכע פֿערלאָזען חיי עולם און זענען עוסק אין חיי שעה . אַ זעלכע וואָס ריידען פֿונ׳ם הימעל , וואָס איז בלוי , און פֿון די פֿויגעל , ווי זיי זינגען , און פֿונ׳ם גרינעם אין גאָרטען , און דערווייל לאָזען זיי דאָס וואָס איז נצחיות ליגען אין אַ קרן זוית און זענען זיך מסיח דעת פֿון איהר . וואָס האָבען זיי דערפֿון , די נאַרען ? מאָרגען קומט אַ טאָג און אַ חמאַרע איבערציהט דעם הימעל — און ער איז שוין גרוי און נישט בלוי . און אַ קאַלטער ווינד קומט און וועהט איבער דעם גרינעם — און עס איז שוין נישט גרין נור פֿערוועלקט . און אַ פֿראָסט קומט — און דער פֿויגעל זינגט שוין נישט מעהר , נור פֿערקריכט זיך ערגיץ וואו אין אַלאָך . און וועגען אַ זעלכע נאַרישקייטען , אַזעלכע פוסטע פֿאַנטאַזיעס , וואָס דויערן נישט מעהר ווי איין נאַכט אָדער איין וואָך און איין חודש , וויל מען פֿערלאָזען דאָס דאָזיגע , וואָס ענדערט זיך קיינמאָל נישט , און פֿון וועלכעם דער נפש קאָן ציהען זיין חיונה אייביג ?

דער גולם איז געוועזן ווי צושלאָגען אין אַלע זיינע אברים . ער האָט געוואָלט אויפֿהויבען זיינע אויגען צום רבי׳ן און האָט נישט געקאָנט ; אַ מין חרפה האָט איהם צוגעדריקט . ער פרובט זיך דערמאָהנען אָן דעם וואַלד , אָן דעם טונקעלען , און ווי ער איז געווען מיט איהר צוזאַמען און ווי עס איז אין זיין האַרץ געוועזן גאָר עפּיס אַנדערש — און קאָן עס בשום אופן נישט . ער קאָן זיך אויף קיין פֿאַל נישט דערמאָהנען , פֿאַר וואָס עס איז איהם געוועזן דענסטמאָל אַזוי זיס און ווי עס איז איהם געוועזן אַזוי זיס . אַדרבא איהם קומט פֿאַר אַלעס איצט אַזוי נאַריש , און ער פֿערוואונדערט זיך איבער זיך אַליין , ווי דאָס אַלעס האָט גאָר געקאָנט זיין . דער מהר״ל איז דאָך אַזוי גערעכט ! וואָס דאָט מען אייגענטליך פֿון אַלע די דאָזיגע נאַרישקייטען , ווי אַ ריח און אַ פֿאַרב און אַ טאָן ? עס איז נישט מעהר ווי אַ קיצעל פֿאַר די

חושים פֿאַר איין מינוט, בעת דאָס, וואָס איז אייביג, איז דאָך אייביג, און די אייגענע תורה, ווי זי איז געווען פֿאַר טויזענדער יאָהרען, איז זי נאָך איצט און זי וועט אַזוי זיין אין נאָך טויזענדער יאָהרען. דאָס וואָס איך לערן, טראַכט ער זיך איצט, דאָס האָב איך געלערענט און עס איז מיינס אויף אייביג, און אַפילו ווען איך בין נישט מעהר, בלייבט דאָס דאָזיגע אויף אייביג.

זיין בלאַס פנים האָט אויסגעוויזען אַזוי טרויעריג און פֿער־שטערט און אומגליקליך.

ער איז אַריין מיט אַ צובראָכען געמיט אין זיין חדר. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנד און האָט גענומען דעם „באר הגולה". ער האָט געפּרובט זיך פֿערטיפֿען אין איהם. די מלחמה קעגען ר' עזריה מן האדומים און קעגען דעם מאור עינים, ווי זי קומט פֿאָה אין דעם ספר, האָט שטאַרק בעשעפֿטיגט זיין מח...

אין בית־המדרש איז עס געווען בעת'ן דאַווענען. מיט די גרויסע תפלין אויפ'ן קאָפּ זיצט דער גולם, און דער קאָפּ מיט די בלאָנדע לאָקען איז געשטיצט אויף זיין האַנד, און ער קלעהרט און קלעהרט.

צו וואָס האָט ער מיך געמאַכט?

דער פֿעהלער איז, אַז דער, וועלכער האָט מיך, גולם, געמאַכט, האָט מיך געמאַכט מיט איין גוף און צוויי נשמות. אָדער צי איז יעדער מענש אַזוי געמאַכט? די וועלט וואָלט האָבען אַ גאַנץ אַנדער פנים, אַז יעדער מענש וואָלט האָבען איין נשמה און דערצו צוויי גופים, וועלכע וואָלטען איהם קאָנען דיענען איינמאָל אַזוי און איינמאָל אַזוי. אַזוי אָבער איז דאָס אומגליק, וואָס עס איז גראַד אומגעקעהרט: נישט נור ער האָט נישט צוויי גופים, נור ער האָט נאָך צוויי נשמות, און איינע ציהט איהם אַהין און איינע אַהער. דאַכט זיך, אַז הוה'לע רעדט, איז זי גערעכט ביז גאָר, אַזוי אַז עס איז גאָר נישט דאָ וואָס צו ענטפֿערן; ווען אָבער דער מהר"ל רעדט, דאַכט זיך אויס, אַז

דאָס וואָס ער רעדט, איז גאָר דער עיקר פֿונ׳ם עיקר פֿונ׳ם אמת. וועט די מלחמה צווישען זיך אַליין און מיט זיך אַליין נאָך לאַנג דויערן? איז עס די מלחמה פֿון יעדעם בעשעפֿעניש? הערט זי אויף נור דאַן, ווען דאָס לעבען הערט אויף?

ער האָט האַסטיג אַראָפּגענומען די תּפֿלין של ראש און האָט זי אַשליידער געטהאָן אויף דעם טיש.

און וועמען געהערט דער פֿאַרצוג? דעם הימעל אָדער דער ערד? דעם הארץ אָדער דעם מוח? דער נשמה אָדער דעם גוף? דער שענקייט אָדער דער וויסענשאַפֿט? דער פּאָעזיע אָדער דער פֿילאָזאָפֿיע? דעם גלויבען אָדער דעם וויסען? חוה׳לען אָדער דעם מהר״ל?

צום סוף זעצט ער זיך ווידער אַוועק און האַלט ווידער אָנגעשפּאַרט זיין בלאָנדיגען קאָפּ אויף די שענע האַנד. דער זונענשיין שפּילט זיך אויף די בלויע אָדערלעך פֿון די פֿיינע פֿינגער.

עס איז נישט דאָ צו געבען אַ פֿאַרצוג דעם אָדער יענעם. איינער איז בעשאַפֿען אַזוי, אַז ער איז מעהר איינגענומען פֿאַר דאָס איינע, און איינער — פֿאַר דאָס צווייטע.

דאָס אומגליק איז נור, וואָס עס גערט נאָך ווייטער: איין און דאָס זעלביגע בעשעפֿעניש איז איין מינוט אַזוי און איין מינוט אַזוי. דאָס איז דאָס אומגליק פֿון די צוויי נשמות. רבונו של עולם! וואָלסט נישט טויזענד מאָל בעסער געמאַכט און וואָלט דער מענש נישט געווען טויזענד מאָל רוהיגער און נישט אַזוי צוריסען מיט זיך שטענדיג, ווען דו וואָלסט איהם בעסער געגעבען צוויי גופים צו איין נשמה? און ווען שוין נישט — טאָ ווענינגסטענס, ווען דו וואָלסט איהם געגעבען נור איין נשמה?

דער שבת נאָכמיטאָג איז געקומען.

מיעד און פֿערשלאָפֿען פֿאַר צופֿיעל תענוג איז אַלעס אַרום און אַרום. דער גולם האַלט גראָד ביים עונג פֿון שינה של שבת. איין אַקאַציע שטעהט אין דער ברענענדיגער היץ און שמאַכט און

חלש'ט נאָך אַ טראָפּען. אויפ'ן פֿענסטער ליגט אַ קאַץ, פֿערמאַטערט און פֿערשמאַכט, און האַלב עפֿענט זי די אויגען און האַלב שליסט זי זיי, און האַלט זיי דאַן פֿערגלאָצט, און די זון ברענט איהר אין רוקען, די באַנק פֿאַר דעם הויז שטעהט און איז בריהעדיג וואַרם. דער געלער זאַמד אויף דער ערד איז געבאַקען ווי אין אַ גליה־אויווען. עטליכע מיידלעך שפּיעלען אויף דער גאַס אין ניס, און דער שווייס גיסט זיך פֿון זיי. שטיל איז און מען הערט יעדען שאָרך.

און ריחות טראָגען זיך פֿונ'ם גאָרטען, צום פֿערשכור'ן. אויף די גלעזלעך פֿונ'ם שבת'דיגען הענג־לייכטער האָט זיך גראָד אַ ליכט־שטראַהל געבראָכען און טויזענד זיך בייטענדיגע פֿאַרבען האָבען זיך צוגאָסען אויף אַ ברעג פֿון דער אַנטקעגען ליגענדיגער וואַנד.

פֿון זיין צימער געהט אַרויס דער גולם, איינגעהילט אינ'ם זיי־ענעם קאַפּטאַן און זיין רויט טאַשענטיכעל געוויקעלט אַרום דעם האַלז. ער געהט אין בית־המדרש אַריין. אָבער דורכגעהענדיג דעם גאָרטען, שטעלט ער זיך אָב אויף איין מינוט, דאַן צוקומענדיג צו דעם ביידעל אין גאָרטען, קאָן ער נישט וויטער געהן. ער זעצט זיך אַוועק אויף איין מינוט. ער חלומט און חלומט, און צום סוף שליסען זיך איהם די אויגען. ווי ער מאַכט זיי אויף שטעהט חוה'לע פֿאַר איהם.

— היט דיך, די אויגען אַפילו אויף איין מינוט צו צומאַכען. באַלד ווי דו וועסט זיי פֿערמאַכען, וועל איך דיך קושען אין דיינע אויגען.

זיין בלאַס פנים האָט זיך עטוואָס גערויטעלט.

ער הויבט זיך האַסטיג אויף און וויל געהען. איהם בלאָנקעט זיך אין קאָפּ עפּיס אַ שם המפורש, אַ מאמר אַז „כל האומר מה נאה ניר זה, הרי זה מתחייב בנפשו”, אַ געדאַנקען, אַז אַנ'אשה שאַדט צו היילינקייט. אָבער זיינע פֿיס זיינען אַזוי שווער, אַזוי שווער. ער קאָן זיך גאַר נישט ריהרען פֿונ'ם אָרט.

— נאַרישער בן אָדם! פֿון היינטיגען טאָג אָן וועל איך זיין דיין שם המפורש. איך וועל דיך מחיה זיין און איך וועל דיך ממית זיין, — זאָגט זי פּלוצלינג צו איהם, אַזוי ווי זי וואָלט לייענען אין זיינע געדאַנקען.

ער פֿיהלט, אַז זיין כּח איז צום סוף און ער קאָן זיך נישט ראַנגלען מעהר.

און זי רעדט צו איהם אַזוי ווייך און זי רעדט צו איהם אַזוי גוט. דאָס גראָבלען אין זיין נשמה האָט אַ מינוט לאַנג אויפֿגעהערט און איהם איז פּלוצלינג אַזוי לייכט, אַזוי לייכט. ער פֿערשטעהט פּלוצלינג גאָר נישט, ווי ער האָט גאָר געקאָנט אַנדערש פֿיהלען און דענקען און ווי עס קען גאָר זיין אַנדערש. ער פֿיהלט פּלוצלינג, אַז דאָ איז דאָס אמת'ע, איינציגע לעבען.

— דער נאַרישער אַלטער! — זי רעדט, און איהר שטים קלינגט שוין ווידער ווי אַ זילבערן גלעקעל — וואָס האָט ער אַליין דען דערגרייכט אין זיין גאַנץ לעבען? זיבעציג יאָהר איז ער אַלט און האָט זיין לעבען אַוועקגעגעבען אויף פּוסטע חלומות. אַכט און צוואַנציג יאָהר האָט ער געראַבּירט פֿון זיין לעבען. האָט ער עפּיס געהאַט דערפֿון? — נאָך זיין טוידט, איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר, וועט יעדער שוסטער און יעדער שניידער זיין פּאָרטרעט אויפֿהענגען ביי זיך אין די קעלערס און אין די בוידעמשטיבער איבער דעם בעט, און די וועלט אָבער וועט בלייבען ווי געוועזען. אַזוי ווי דאָס גרעזעל איז געוואַקסען פֿאַר טויזענד יאָהר, אַזוי וועט עס וואַקסען נאָך טויזענד יאָהר, און גאָר נישט וועט זיך האָבען געענדערט. דאָס זעלבע ווי דאָס הינטעל בילט איצט, וועט דאָס בילען נאָך הונדערט יאָהר, און אַזוי ווי די זון שיינט איצט, און דאַן ווערט עס פֿינסטער, און דאַן שיינט זי ווידער, אַזוי וועט זי שיינען נאָך טויזענד דורות און אַזוי וועט עס דאַן ווערען פֿינסטער און אַזוי וועט זי דאַן ווידער שיינען, און אַזוי וועט אַלעס בלייבען עד סוף כל הדורות. וועמען האָט ער גענוצט מיט זיין התבודדות און מיט זיין קלערען? מיט וואָס

זענען מיר ווייטער געקומען דורך װעלכען עס איז אַ טיעפען גע-דאַנקען? און אַפּילו די שלעכטיגקייט איז געבליבען די זעלביגע ווי זי איז געװען דענסטמאָל װען מען האָט געזאָגט „כי יצר לב האדם רע מנעוריו״!

ער פיהלט ווי אין זיין מוח ווערט אַ גאַנצע איבערקעהרעניש. נור שוואַך און ווי ער וואָלט נישט זיין דערביי שעפּטשען זיינע ליפּען: חיי עולם – חיי שעה. –

– און ער – זאָגט זי ווייטער – דער דאָזיגער נאַר, װאָגט דיר צו ריידען וועגען חיי עולם און חיי שעה? ער? זאָל ער מיר קוקען גלייך אין די אויגען אַריין, בעת ער רעדט, און זאָל ער מיר זאָגען, אַז ער ווייס פון חיי עולם און וואָס חיי עולם איז! ציטערט ער נישט אַליין אָפּט און חאַפּט ער זיך נישט אויף אַליין אָפט פון מיטען זיינע געדאַנקען און פרעגט זיך: מיט וואָס ער האָט זיין לעבען פערבראַכט? און איז דען איבערהויפּט פאַרהאַן חיי עולם? איז דאָס דאָזיגע איבערהויפּט דען נישט מעהר ווי אַ פּוסטע מליצה? זעה, דו מיין ליעב שוטה׳לע, מיין ליעב בלאָנד גולמ׳ל! דו ביסט דאָך אַ מענש מיט פינף געזונדע חושים און קאָנסט אַ זאַך אַליין אונטערזוכען און בעקלעהרען. אדרבא, זאָג דו אַליין: וואָס הייסט דען „אייביג״? איז דען פאַרהאַן אינ׳ם לעבען עפּיס אַנדערש חוץ דער איצטיגער מינוט, די חיי שעה? האָסטו געלאָזען פאַרביינעהן אַ שעה און האָסט זי נישט אויסגענוצט פאַר דיר, פאַר דיין לעבען, דאָס הייסט פאַר דיין פיהלען און דיין חוש – דאַן איז זי באמת פאַרביי און זי וועט שוין קיינמאָל נישט מעהר צוריקקומען. חיי שעה איז באמת דאָס איינציגע, וואָס מיר האָבען ממש. און אָט דאָס, וואָס זיי רופען חיי עולם, דאָס איז אַ מין מליצה, וואָס מען קאָן זי נישט בעווייזען און וואָס ליגנערס אָדער נאַרען אָדער פערפיהרער האָבען זיי ערפונדען. אַ שאָד אַ מינוט, וואָס דו לאָזט פאַרביי און לעבסט נישט, און לעבסט נישט אויף אַלע כלים. דאָס לעבען איז אויך אָהן דעם שוין גענוג קורץ. לעבען מוזט דו און געניסען דאָס לעבען...

איהם דאכט זיך, ער האט שוין דאס אלעס ביי זיך אליין אויך געפיהלט. אלע די דאזיגע ווערטער זענען עפּיס א מין אבקלאנג פון דעם וואס בלאנקעט זיך ביי איהם אין זיין אייגען הארץ.

און ער שליסט ניִשט די אויגען און זי קושט איהם פארט אין די אויגען און זי קושט איהם אויף די ליפּען און אויף דעם שטערען — און איהם איז אזוי לייכט, אזוי לייכט.

דער טאג איז געווען נאס און פויל און אומעטיג. א רעגען איז געגאנגען לאנגזאם א גאנצע נאכט און ביז אין טאג אריין אהן אויפהער. די שטיינער זענען געווען אבגעצוואגען, די בוימער האבען געטריפט און עס האט זיך פון זיי פון מינוט צו מינוט א גאס געגעבען. אלעס האט ארויסגעזעהען אזוי פערלאזט און אהן טרייסט און אהן האפנונג. איין אבגעצוואגענע הוהן איז געשטאנען ביי א נאסען בארג מיסט און האט גענארעט עטליכע קערנדלעך.

און נאכמיטאג איז געווען אנגעזאגט די לויה פון ר׳ מרדכי מייזיל׳ס, דעם קצין פון דער יודישער קהלה, וועלכער איז פלוצלינג געשטארבען. די גאנצע שטאדט האט זיך מכין געווען צו דער לויה פון דעם בערימטען בעל צדקה. די שווארצע מטה, וועלכע איז געשטאנען פאר דער טהיר פונ׳ם געשטארבענעם, האט פערשפרייט, דורך דעם אומעטיגען רעגען, א נאך גרעסערע טויט-טרויעריגקייט ווי געוועהנליך. די לומדים פונ׳ם „בית ועד לחכמים“, וואס דער געשטארבענער האט אויסגעבויט, זענען געקומען אבגעבען דעם לעצטען כבוד, די קינדער פון זיין אייגענער ישיבה זענען דעסגלייכען געקומען, און אלעס האט אויסגעזעהען, ווי עס וואלט שוין די גאנצע וועלט און דאס גאנצע לעבען געהן אין נאסען קבר אריין.

ביים קבר האבען דעם געשטארבענעם מספיד געווען די גדולי הדור. איינער, עפּיס א ר׳ יום-טוב ליפּמאן העלער, האט

געדעדט, ווי דער שטייגער איז, פון דעם וואָס עס בלייבט, מישטיינס געזאָגט, איבער נאָכ'ן מענשענס לעבען. דער נפטר האָט געהאַט שלמה המלך'ס עשירות, טויזענדער רענדלעך און טויזענדער אבנים טובות, איצט קוקט און זעהט, אויב מען לעגט איהם אין זיין קבר אריין אפילו איין איינציגעס פון זיינע רענדלעך און פון זיינע אבנים טובות. דער עיקר זענען נאַטירליך נור זיינע מעשים טובים — און כדומה נאָך אַזעלכע דברים כבושים האָט דער מספיד גערעדט. נאָך איהם האָט גערעדט ר' איצק ליבמש כ"ץ, דעם מהרל"ס איין איידעם, ער האָט גערעדט פון דעם פרוזדור, וואָס איז פאַר דעם טרקלין, און פון דעם טרקלין אליין און וואָס אַ מענש האָט צו טהון אינ'ם פרוזדור, און ער האָט דערמאָנט אַ מדרש וועגען אַבוימייסטער, וואָס האָט געבויט אַ טרקלין און האָט דערצו גענומען די ציגעל פונ'ם פרוזדור. דעם עולם איז עס שטאַרק געפעלען געוואָרען. פלוצלונג איז אַלעס אנטשוויגען געוואָרען. עס האָט זיך געהערט, אַז דער מהר"ל אַליין וואָס האָט פריהער גאָר נישט געהאַט בדעה צו רעדען, איז צום סוף פלוצלינג מרוצה געוואָרען אַ הספד צו זאָגען. יעדער האָט זיך בעמיהט, וואָס נעהנטער צוצוקומען.

און דער רבי ר' לייב האָט גערעדט.

עס איז וואונדערליך: זיינע רייד האָבען גאָר נישט געהאַט קיין שום שייכות צום נפטר: ער האָט דעם נפטר נישט דערמאָהנט אַפילו מיט איין איינציג וואָרט. דער גולם איז געשטאַנען צווישען עולם, און איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אַז מיט יעדען וואָרט, וואָס דער מהר"ל רעדט מיינט ער נור איהם און איז זיך מכוון נור צו איהם אַליין צו ריידען.

דער מהר"ל האָט גערעדט פונ'ם עולם קיים און פונ'ם עולם עובר, און ווי מיר, וואָס מיר, זענען נור עוברים, קאָנען גאָר קיין מושג נישט האָבען, וואָס אַ קיים איז. און קומט די תאוה און פערפיהרט אונז, ריידען מיר זיך איין, אַז נור די מינוט, דער עובר, איז דער רעכטער אמת, און מיר ווילען נישט פערשטעהן,

ווי נאַריש דאָס איז, צו וועלען פֿערגלייכען די זיבעציג קורצע יעהרלעך פֿון דעם עובר מיט די מיליאָנען מיליאַסען יאָהרען פֿון דעם קיים. מען מוז זיין משוגע צו פֿערבלענדט פֿון דער תאוה, אַז מען זאָל נאָר וועלען פֿערגלייכען איינס מיט דעם אַנדערען.

דער גולם איז געשטאַנען און אַלעם האָט אין איהם געציטערט. איהם האָט זיך אויסגעדאַכט איין מינוט, אַז נאָר צוליעב איהם איז ר' מרדכי מייזילס געשטאָרבען, כדי ער זאָל דאָ שטעהן און כדי דער גרויסער ר' לייב זאָל דאָס אַלעס איהם זאָגען.

און נאָך אַהיים געהענדיג פֿון דער לויה, האָט איהם דער מהר"ל גענומען אין אַ זייט און האָט מיט איהם געטענה'ט.

— דען זעהסטו, קינד — האָט ער צו איהם וויך און גוט גערעדט — וואו דו זאָלסט זיך נישט וועלען אויסדרעהען, דו וועסט קיינמאָל נישט פֿאַרטיג ווערען מיט דעם, אַז די דאָזיגע ערד אויף וועלכער דו לעבסט, איז אַלעס, און חוץ איהר איז גאָר נישט מעהר דאָ. דען ווען אַזוי, וועסטו דאָך אַלע מאָל פֿרעגען אויף דעם תכלית פֿון דעם לעבען, און צו וואָס איז די גאַנצע מאַשינעריע, און וואָס האָסטו דערפֿון, און וואָס איז דען ווען מען האָט שוין געגעסען און געטרונקען און געשלאָפֿען און זיך אָנגעטהון אַלדעם גוטס, און צו וואָס לעבט דען אַ שטיין, וואָס עסט גוט און טרינק נישט און טהוט זיך נישט אָהן אַלדעם גוטס, און פֿאָרט האָט ער דאָך אַ צוועק. מוז איך דאָך נור זאָגען, אַז איך וויים נאָך נישט דעם אמת'ן צוועק, און אַז דער אמת'ער צוועק וועט נאָך קומען. איז אַלזאָ פֿון דעם אַלעם נור געדרונגען אַז דאָס אַלעס דאָ איז נור אַנ'הקדמה, און דאָס אמת'ע לעבען הויבט זיך ערשט דאַן אָן דאָרט אויבען אינ'ם הימעל...

דער רעגען איז געגאַנגען פּאַמעליך, פֿויל און אומעטיג נעבען יעדעם וואָרט, וואָס דער גולם האָט געהערט, האָט אין איהם צובראָכען וועלטען און האָט איהם נעפּייניגט. דאַכט זיך אין פֿלוג, אַז קיין איינציגער מענש, וואָס איז נור פֿעהיג עפּיס צו דענקען,

איז נישט אים שטאַנד צו איין אַנדערען געדאַנקען צו קומען.

דער מהר"ל האַט אויסגעוויזען אין זיינע אויגען ווי אַ געטליכער מאַן, וואָס רעדט ווערטער, וועלכע נור אַ גאָט קאָן זיי איינגעבען, און פאַרט איז איהם געלעגען ווי עפּיס אַ נעבעל אויפ'ן האַרצען און אויפ'ן מוח.

אויפ'ן שלאָסבערג זענען זיי ביידע אַרויפגעגאַנגען פריה־מאָרגענס.

דעם וואָלקען האָט זי איהם אַ וועקגעקושט פון זיין שטערען און דאָס ביטערע פון די ליפּען. פון די אויגען האָט זי איהם אַוועקגעקושט דעם שווערען נעבעל. מיט איהר פוס האָט זי די שטיינער אָבגעשטויסען פון זיין וועג און איבער גרינע לאָנקעס האָט זי איהם געפיהרט. און גערעדט האָט זי, אַז יעדעס וואָרט איז געווען ווי אַ לינדערנדער באַלזאַם פאַר זיין קראַנק געמיטה, און ווייך ווי אַ סאַמעט האָט עס איינגעטולעט זיין קראַנקען קערפּער.

און ווי זיי זענען געווען אויבען אויף דעם באַרג, האָט זי זיך אויף דעם גראָז אויסגעצויגען און האָט זיין קאָפּ געהאַלטען אין איהר שויס. דער אייביגער, גראָבעלנדער שטורם אין זיין האַרץ איז אויף אַ מינוט שטיל געוואָרען. ער האָט זיך אַוועק געזעצט און האָט איהר געקוקט אין די אויגען אַריין. און ווי ער האָט איהר קערפּער מיט זיין האַנד אַרומגענומען, האָט ער געפיהלט, אַז אַרומגענומען האָט ער דאָס לעבען און ער האַלט עס. וואויל איז דעם, וואָס האַלט דאָס לעבען אַרומגענומען אין זיין האַנד און שפּירט עס!

און זי האָט גערעדט וועגען ערד און וועגען הימעל. אַך נאַריש איז עס, מיין זיסער גולם, וואָס זיי דערצעהלען דיר פון אַ הימעל! דאָס איז אַ זעלבעס, וואָס זיי האָבען זיך אויסגעטראַכט, און דו מוזט זיי גלויבען, אַז עס איז פערהאַנען. איך אָבער דאָ נעבען דיר, זעהסטו, איך עקזיסטיר באמת. איך בין נישט קיין לופט, דאָס דו זאָלסט עס רופען הימעל; מיך קאָנסטו האַלטען

אין דיין האַנד און מיך פֿיהלען און מיך שפּירען. אָט דאָ, זעהסטו, נעם די ברוסט אין דיין האַנד אַריין, האַלט זי, פֿיהל זי — דאָס איז נישט קיין לופֿט, דאָס איז דיין. אַלעס אַנדערע, וואָס דו קאָנסט נישט נעהמען אין האַנד אַריין, איז אַ ליעגענד, דעם הימעל קאָנסטו נישט האַלטען אין דיין האַנד. אַלעס, וואָס דו קאָנסט נישט האַלטען אין דיין האַנד, איז נישט פֿערהאַנען.

ער וואָלט וועלען, אַז זי זאָל גאָרנישט אויפֿהערען אַזוי צו רײדען. אַלעס וואָס זי רעדט איז אמת ווי גאָטס תורה און עס איז אונמעגליך עס אָבצולייקענען. ער קאָן פּלוצלינג גאָר נישט פֿערשטעהן, וואָס עס האָט זיך מיט איהם ביז איצט געטהון און ווי קאָן אַ מענש, וועלכער האָט פֿינף געזונדע חושים, גאָר אָנהויבען אַנדערש צו דענקען.

* *

*

אין די אַלטע חורבה פֿונ'ם ווייטס-קלויסטער אויף דעם הראַדשין-באַרג זענען זיי געקומען מיטאָג-צייט.

אַריינטרעטענדיג האָט זיי אַרומגענומען אַ האַלבע טונקעלהייט. דער אַלטער וועכטער, אויפֿקומענדיג פֿונ'ם שלאָף, האָט אויסגעזוכט זיין בונט פֿערזשאַווערטע שליסלען און האָט זיי געפֿיהרט אין די טויטען-קאַפּעלע. אַרום און אַרום, ביי די וועגד, זענען געשטאַנען אויסגעסדרט הוילע שאַרבען פֿון קעפּ פֿון געשטאָרבענע מענשען מיט די הוילע אויגען. דורך אַ הויל אויג פֿון איינעם פֿון די שאַרבען איז געקראָכען אַ וואָרם. דער גולם האָט גענומען אַזאַ שאַרבען אין די הענד אַריין...

אין דרויסען אויף דעם טויטען-הויף זענען זיי אויף שטיינער געזעסען, פֿעראיינזאַמט און אַליין. אויף דער גאַנצער וועלט איז קיינער מעהר נית דאָ אַ חוץ זי און ער. וואָס געהט זיי איבערהויפּט אָן די גאַנצע וועלט? וואָס איז זיי אַ חילוק דער נעכטען, דער היינט, דער מאָרגען? וואָס הייסט צייט? וואָס הייסט אָרט?

וואָס הייסט לעבען – ער האָט געהאַלטען איהר קערפּער פעסט אַרומגענומען און האָט זי געקושט און געקושט...

*   *
*

אונטער אַ קאַרשענבוים אין׳ם גאָרטען זענען זיי געזעסען פאַרנאַכט.

ווייסע קאַרשענבליהטען זענען אויף זיי געפאַלען און האָבען זיי בעדעקט. ווי אַ רעגען איז עס געפאַלען איבער זייערע קעפּ און איבער די פּלייצעס און איבער דעם שוים, און איינגעהילט זענען זיי געוואָרען גאַנץ אין ווייסען. זיי האָבען הויך געמוזט לאַכען.

פּלוצלינג איז ער ערנסט געוואָרען, און ער האָט זיך שטייף אַנידערגעזעצט און געהאַלטען די אויגען צו דער ערד. ער האָט זיך שטאַרק פערטראַכט.

דער הימעל איז אַזוי בלוי און די לופט אַזוי ווייך און די ערד אַזוי גרין. וואָס ווילען זיי האָבען, וואָס זיי גראַבלען אין אַלע ווינקעלעך אַרום, אום נור אַרויסצוגעפינען עפּיס, כדי קאַליע צו מאַכען די לוסט צום לעבען? און פאָרט איז דאָך נור פאַרהאַן די חיי שעה, דער אויגענבליק אַליין. לאָז איך פאַרביי די איצטיגע מינוט און נוץ זי ניט אויס, אום דאָס ביסעל לעבען צו געניסען, דאָ האָב איך זי אָנגעוואָרען אויף אייביג, אויף אייביג, און זי קומט קיינמאָל שוין ניט מעהר צוריק. וואָס ווילען יענע מענשען, אַז זיי קומען און זוכען אומישנע אויס, ווייס גאָט וואָס, אום זיך דאָס לעבען צו פערזאָמערן מיט זייערע פינסטערע געדאַנקען? ווער בעט זיי צו קלעהרען און די מענשען דאָס ביסעל אַנגענעהמע צו פערביטערן? און פאָרט איז דאָך נור פאַרהאַנען דער עובר אַליין, קיין שום קיום איז גאָר ניט דאָ. עס און טרינק און לאָז דיר וואויל געהן. דעם הימעל קאָנסטו ניט נעהמען אין די האַנד אַריין, און וואָס דו קאָנסט ניט מיט די האַנד אַרומנעהמען, דאָס עקזיסטירט ניט...

ער האט זי אַרומגענומען און האט זי געקושט און געקושט.
ער איז געווען גליקליך!

* *
*

אויף א שיפעל זענען זיי געפאָהרען איבער די מאָלדאַווא אין דער אָווענד־צייט.

א ווייכער ווינטעל האט זיי געבלאָזען אינ'ם פנים. זי האט לייכט געאַרבייט מיט דעם רודער, און ער איז רוהיג געזעסען, פערלעגט די הענד, און האט געחלומט. ביי יעדען קלאפ מיט דעם רודער האט זיך דער ווייסער שוים געזאמעלט, און דער שוים מיט דעם וואסער האבען געשפריצט זיי אין פנים און איבער די קליידער, און זיי האבען הויך געלאכט. זיי האבען געלאכט ווי קינדער. צו ביסלעכווייז איז געוואָרען שטילער און שטילער. זיי האבען געחלומט און זיי ווייסען ניט וואס.

* *
*

האנד אין האנד זענען זיי געגאנגען ביי נאכט.

פון מינוט צו מינוט האט דער אָבקלאנג פון זייערע טריט זיך געלאָזט הערען. עס איז קיין שום לעבעדיג נפש ניט געווען חוץ זיי. און זיי זענען געגאנגען און געגאנגען.

טויזענדער קולות און האלבע קולות, אומבעשטימט און ניט קלאָהר, האבען זיך אַרויסגעהערט פון דעם נאכט־ים אַרום און אַרום. עס האט זיך גערויעט און עס האט געזוממט און עס האט זיך געשושקעט, און קיינער האט ניט געוואוסט וואס, און קיינער האט ניט געוואוסט וואו. אויף דעם וועג צום וואלד האבען זיך אויפ'ן פעלד פייערלעך געוויזען. יאָהאנעס־העלצער און יאָהאנעס־ווערמלעך האבען פון מינוט צו מינוט אויפגעלויכטען.

אויף אַ גראָזבאַנק זענען זיי ביידע געלעגען, אָרעם אין אָרעם און פעסט אַרומגענומען. די נאַכט האָט זיי איינגעהילט. און די נאַכט איז געווען שטיל און פערשוויגען און האָט דעם סוד אין זיך פערגראָבען.

דער גרויסער ר׳ ליב האָט איהם ווי אַ קראַנק קינד צוגע־טוליעט צו זיך און האָט איהם מיט דער האַנד געגלעט איבער די האָר און געגלעט איבער׳ן שטערען.

ווי אַ הערבסט איז געלעגען, שווער ווי בליי, אַ וויסטע טרויריגקייט איבער׳ן באַרג און טהאָל. געלע בלעטער זענען פון מינוט צו מינוט געפאַלען פון די בוימער. אַמאָל האָט אַ בלאָז געטהון אַ רויה ווינטעל און שווערע אומעטיגע טראָפען זענען געפאַלען. אָפט מאָל האָט זיך געדאַכט, אַז אַלעס עקט זיך שוין און דער זומער נעמט איין אַ סוף, און דער מענש נעמט איין אַ סוף, און דאָס לעבען נעמט איין אַ סוף. די לופט איז געווען אַזוי עלענד און שווער. פון אַנ׳אָבגעבלעטערטען בוים איז געפלויגען איבער אַ דאַך עפּיס אַ קראָה און האָט מיט אַ צותייטענדער שטים גערופען: קראָ, קראָ.

ווי אַ קראַנקען האָט ער איהם געהאַלטען צוגעטוליעט צו זיך, נור פון מינוט צו מינוט האָט ער זיך אַראָבגעבויגען צו איהם און האָט איהם געקוקט אין די אויגען אַריין.

און גערעדט האָט ער צו איהם, ווי מען רעדט צו אַ קראַנקען, מילד און ווייך. אין סאַמעט־ווייכע ווערטער האָט ער איינגעוועבט זיין טראַכטען און פיהלען.

— און זעהסטו מיין קינד — האָט ער געזאָגט — עס זענען פערהאַן מענשען, וואָס דאָס לעבען איז שטאַרקער פון זיי און זיי קאָנען עס ניט גובר זיין. עס קומען תאוות, און מיר ווייסען, מיט וואָס עס שמעקט, נור מיר קאָנען ניט אַנדערש. עס איז דאָ, למשל, אַ תאוה פון אַ יונגען מענשען צו אַ יונג

מײדעל. איך װײס עס — זײ רופֿען עס ליעבּע. מען הוליעט, מען איז ממלא די תאוה, מען האָט הנאה — און דאָס איז דאָס לעבּען. מען טראַכט דערנסטמאָל ניט פֿון דעם, װאָס איז נצחיות און װאָס איז קיים, און מען לעבּט. מיך װאונדערט נור דערבּײ אײן זאַך: װי קאָן עס פּאַסירען אַ מענשען מיט מוח אין קאָפּ? װי קומט דאָס ניט דעם מענשען אין דער רעכטעטע מינוט דער געדאַנקען אין קאָפּ אַרײַן: יאָ, איצט איז דאָס דאָזיגע יונגע פֿלײש אַזױ שען און אַזױ בּעצױבּערנד, אַז צוליעבּ דעמזעלבּען גיבּ איך אַװעק אַלץ, װאָס האָט אַנ'אײבּיגען װערט. אָבּער װי װעט עס זײַן אַ יאָהר צװאַנציג דרײַסיג שפּעטער? דאָס ליכטיגע פּנים װעט זײַן געל און אײַנגעפֿאַלען, די העלע אויגען װעלען זײַן האַלבּ פֿערלאָשען און בּלינד, די בּליצעדיגע װײַסע צײן װעלען זײַן געל אָדער אַרױסגעפֿאַלען, און האָט עס געלוינט צוליעבּ דעם פֿערגניגען פֿון טעג, פֿון שעה'ן, פֿון מינוטען אַװעקצוגעבּען און צו אָפּפּערן מיט דעם, װאָס איז אײבּיג און ענדערט זיך קײנמאָל ניט? איצט טהו איך מײַן תאוה, און מיר איז אַזױ גוט אַ גאַנצע מינוט לאַנג. נאָך דער מינוט אָבּער, װען מען האָט זיך נור אױסגעניכטערט, װערט אַזױ פּאַסקודנע אױף דער נשמה, אַזױ אַז מען שטעהט זיך אַלײן אין װעג און מען װאָלט זיך אַלײן װעלען שפּײַען אין זײַן אײגענעם פּנים אַרײַן. איך פֿרעג נור: װי קאָן עס טהון אײנער, װאָס האָט מאַרך אין קאָפּ?

ער האָט איהם װי אַקראַנקען געהאַלטען צוגעטוליעט צו זיך און האָט אַזױ װײַך גערעדט.

דער גולם איז געזעסען בּלאַס און זײַן גאַנצער קערפּער האָט געציטערט.

אַ װיסטע טרױריגקײט אָהן האָפֿנונג איז געלעגען אַרום און אַרום. עס האָט זיך גערדאַכט, װי מיט דעם דאָזיגען הערבּסט ענקט זיך די װעלט. אַלעס איז געװען אַזױ מיעד

און אָהן פרייד. וואָס לוינט דאָס לעבען? וואָס גיט אונז אַפילו דאָס גוטע לעבען? און וואָס איז אַ מינוט נאָך דעם גוטען? און וואָס האָט מען פון דעם גוטען אַליין? חאָטש געה און טהו דיר אַ מעשה אָן!

דער גולם האָט געפיהלט, ווי יעדעס וואָרט איז אמת, ווי אַ תורה מן השמים. ער האָט פּלוצלינג וויעדער גאָר ניט פערשטאַנען, ווי האָט ער גאָר געקאָנט אַפילו איין מינוט פערגעסען זיך.

אין אָווענד, ווען אַלע זענען שוין געשלאָפען, איז ער נאָך אַרומגעגאַנגען לאַנג אין זיין חדר אַרויף און אַראָב און איהם האָט בעשעפטיגט אַלץ נאָך דער אייגענער געדאַנקען. ווי אָבער די בעשטימטע שעה איז געקומען איז ער אַרויס דרויסען אין דעם גאָרטען־הייזעל, וואו חוה׳לע האָט אויף איהם געוואַרט.

אַ גאַנץ יאָהר לאַנג האָט דער גולם געשריבען זיינע זכרונות. עס איז אַ וואונדערליך בוך געוואָרען. איין קאַפּיטעל, האָט זיך נעדאַכט, איז געשריבען געוואָרען פון דער האַנד פון׳ם רבין, און דאָס צווייטע קאַפּיטעל — פון דער האַנד פון חוה׳לע, און פאָרט האָט נישט דער רבי און נישט חוה׳לע דאָס בוך געשריבען, נור דער גולם.

עפּיס אַ צוריסען לעבען, אַ צוריסען געמיט, צוויי נשמות און איין גוף — און דאָס נישט אויף איין טאָג און נישט אויף איין יאָהר, נור אויף דאָס גאַנצע לעבען.

צו וואָס האָט ער איהם געמאַכט? און ווען יאָ געמאַכט, צו וואָס מיט צוויי נשמות, וואָס איינע ציהט אַהין און איינע אַהער?

און וועמען זאָל דער מענש געבען די בכורה? דער ערד אָדער דעם הימעל? דעם מוח אָדער דעם האַרץ? דער וויסענ־

שאפט אדער דער שענקייט? דער חקירה אדער דער פאעזיע? דעם וויסען אדער דעם געפיהל? אדער דער נשמה? דעם מהר"ל אדער חוה'לען.

ער האט געזוכט און געזוכט — און האט געשריבען און געשריבען. איינמאל האט דער מהר"ל פון איהם ארויסגעשריבען און איינמאל חוה'לע.

רבונו של עולם! מיט וואס וועט זיך דאס אויסלאזען? מיט וואס וועט זיך דאס ענדיגען?

א ווינטער איז אריבער און א זומער איז געקומען און ווידער האט זיך גענעהענטערט א נייער ווינטער.

דער ערשטער טאג ראש־השנה האט פון די יודענגאס ארויסגעפיהרט א סאך מענשען אין די גאסען. א גרויסער עולם האט זיך געלאזט צו דער מאלדאווא צו תשליך.

גרויס און קליין, אלט און יונג זענען געגאנגען צו תשליך.

די זון האט נאך געלויכטען און געווארעמט, אבער די געמיטהער זענען שוין געוועזען אזוי שווער און ציטערדיג.

און די אלטע רביצין איז געגאנגען צו תשליך און איז געשטאנען ביים וואסער און האט געזאגט איהר תחינה און האט זיך אויסגעשאקעלט איהרע קעשענעס. און דער אלטער רבי ר' ליב איז געקומען צו תשליך און איז געשטאנען און האט מתפלל געוועזען און האט געווארפען זיינע זינד אין וואסער אריין. און חוה'לע איז שפאצירען געגאנגען און איז געשטאנען ביים ברעג פון וואסער און האט אהן געדאנקען געשאקעלט די קעשענעס און האט אריינגעווארפען און האט נישט געוואוסט וואס. א וויים וואלקענדעל ביים

ברעג פונם רויטען הימעל האָט גראָד צוגעצויגען צו זיך איהרע אויגען.

און דער גולם איז געקומען.

ער איז געשטאַנען און האָט געגלאָצט אין וואַסער אַריין. דאָס וואַסער האָט געצויגען און געצויגען.

... „וְתַשְׁלִיךְ בִּמְצוּלוֹת יָם כָּל חַטֹּאתֵינוּ".

די זינד זענען אַזוי שווער, און ווי מען וואַרפט זיי, ציהט עס מיט מיט זיך.

אָט פאַלען זיי, אָט זינקען זיי אַראָב אין די טיעפעניששען. אוי, ווי זיי שלעפען מיט מיט זיך!

וואָלט נישט גלייכער זיין, אָנשטאָט איינציגווייז אַריינצוּוואַרפען, זיי אַלעמען מיט אַ מאָל צוזאַמענגענעהמען און זיי מיט אַמאָל אַריינוואַרפען, און טאַקי צוזאַמען מיט זיי אויך זיך אַליין? צו וואָס טויג און צו וואָס נוצט אַזאַ צוריסען לעבען?

אָבער ווען זיין צוריסען לעבען וועט איצט דאָ אויפהערען, וועט דען דורכדעם אויפהערען דאָס צוריסענע לעבען פון אַנדערע.

... „בַּעַל-כָּרְחֲךָ אַתָּה חַי!" און ער בעשליסט זיך, אַוועקצוגעהן פון וואַסער.

אַ מינוט שפּעטער אָבער האָט זיך פּלוצלינג אַ שריי געלאָזט הערען.

ווי די פישער האָבען איהם אַרויסגעצויגען, האָבען זיי איהם אַוועקגעטראָגען צום גרויסען ר' ליב.

אַ ביסעל האָט איהם דער גרויסער ר' ליב מיט דעם שם המפורש צוריק מחיה געווען און אַ ביסעל חוה'לע מיט איהרע ווערטער.

און אין פּראַג זאָגט מען, אַז דער גולם לעבט ביז אויף דעם היינטיגען טאָג.

און נישט נור אין פּראַג — מען זאָגט, אויך אין אַנדערע קהלות, אומעטום, און אין אַלע צייטען לעבט דער גולם.

איך אויף זומער-וואוינונג.

בילד.

פֿאַר עטליכע יאָהר האָב איך אַמאָל אין פּעטערבורג קענען געלערנט איינעם, איין אָרימען מענשען, וועלכען די דאָקטוירים האָבען געהייסען דורכאויס, אַז ער זאָל פֿאָהרען אויף אַ זומער-וואוינונג. דאָס איז געווען, זאָג איך אייך אַ מערקווירדיגע זומער-וואוינונג.

געהייסען האָט ער, דאַכט זיך, ר׳ זלמן, ר׳ זלמן מלמד, אַ לאַנגער דאַרער, זעהר בלאַסער מענש, מיט איין ענגען האַלז און מיט אַ גרויסען קנאָפּ אין האַלז. געווען איז ער אַ שטיקעל בטלן, פֿון די וועלכע בעטען ענטשולדיגונג ביי די שטיינער פֿאַר וואָס זיי טרעטען אויף זיי, און האָט מען געקוקט אויף איהם, איז ער רויט געוואָרען און האָט אויסגעוויזען, ווי ער פֿערגראָבט זיך אין זיין לאַנגע קאַפּאָטע און בעהאַלט זיך, ווי וויַיט מעגליך, אין די געגרייַזעלטע פּאָה׳לעך אַריַין. געווען איז ער מלמד אים הויז פֿון איינעם פֿון די גביר׳ישע חסידים אין פּעטערבורג. פֿון דער „טשערטאַ” האָבען זיי איהם אַראָבגעבראַכט און האָבען איהם אויסגעאַרבייט עפּעס אַ „פּראַוואָ זשיטעלסטוואַ” — דאַכט זיך אַ דאָקומענט, אַז ער מאַכט טינט און זייף און פּולווער קעגען וואַנצען. חוץ זיין בעשטענדיגער מלאָכה, די מלמדות, האָט ער געהאַט נאָך עטליכע נעבען געשעפטען: געווען בעל תפלה און בעל קריאה און תוקע אינם ניקאָלייַעווסקען מנין.

נאָך פֿאַר זעכס יאָהר, באַלד נאָך דער חתונה, בשעת ער איז נאָך געווען אין דער היים, אין זאַבלודאָווא, האָט ער אָנגעהויבען הוסטען. מילאָ הוסטען איז הוסטען. פֿון אַ הוסט,

דאַכט זיך, איז נאָך קיינער נישט געשטאָרבען. אויך די מאַמע עליה-שלום האָט גיהוסט איהר גאַנץ לעבען לאַנג, און אויך דער טאַטע עליו-השלום פלעגט הוסטען; דאָס איז שוין אַזאַ משפחה זאַך. האָט ער גענומען ציקער-קאַנדעל נאָגען און לאַקרעץ טרינקען — און האָט ווייטער געהוסט. מיט בלוט שפייען האָט ער אָבער אייגענטליך אָנגעהויבען ערשט דאָ נישט לאַנג — עס איז אין דעם נאָך נישט קיין צוויי יאָהר. עטליכע בעקאַנטע האָבען איהם געראָטהען, סענעס-טהעע טרינקען; סענעס טהעע איז אַ רפואה בדוקה. ווי ס'איז געקומען חודש אלול, אַט דאָ אים לעצטען יאָהר, האָט איהם וועה געטהון אין דער ברוסט, און ער האָט שוין קיין שופר נישט געבלאָזען; ער האָט זיך בעגניגט דערמיט, וואָס ער האָט געבלאָזען די צוויי טעג ראש-השנה. עטליכע בעקאַנקע האָבען איהם געראָטהען, ווייכע אייער צו עסען; ווייכע אייער זענען אַ רפואה בדוקה צו אַלע קרענק, און נוצען אויך צום קול נגינה. אַגב האָבען זיי איהם איין עצה געגעבען, אַריינצוגעהען צו עפּעס אַ דאָקטאָר, למשל צו יענעם בעקאַנטען אידישען דאָקטאָר, וועלכער איז אַזוי זעהר בעוואוסט מיט זיין פריינדליכקייט און וועלכער רעדט מיט זיינע פאַציענטען אפילו יודיש. ר' זלמן האָט געהוסט און האָט מבטיח געוועען צו געהן און איז — נישט געגאַנגען. זעקס חדשים האָט ער זיך געקליבען צום דאָקטאָר, און צום סוף איז ער נישט געגאַנגען. ער געדענקט, אַז אויך דער טאַטע עליו השלום, גם כן אַ מלמד, ווען ער איז קראַנק געווען, האָט ער נישט געפלעגט געהן צו קיין שום דאָקטאָר, ווייל דאָס רוסיש רעדען איז געווען אַ שטיקעל עיכוב. דאָס איז שוין אַזאַ משפחה-זאַך, הן מכח דעם הוסטען און הן מכח דעם רעדען רוסיש. ווען דער ווינטער וועט אם ירצה השם קומען — האָט ר' זלמן ביי זיך געטראַכט — וועט איהם מסתם שוין בעסער ווערען פון זיך אַליין. אים ווינטער אָבער איז איהם נישט בעסער געוואָרען. מעשה שטן, גראָד אין ווינטער איז דער שמערץ גרעסער און שטאַרקער

געווארען הן אין דער ברוסט און הן אין דער פלייצע . ער האט אנגעהויבען שטארקער הוסטען און פיעל צו שפייען און בײַ נאכט צו שוויצען . קלאר, אז דאס איז א פערקיהלעניש ! האבען איהם די בעקאנטע געזאגט, וועלכע ער האט מיט זיי צוזאמען געדאווענט אים ניקאלייעווסקען מנין . זיי זענען צוגעשטאנען צו איהם, בכל אופן שיהיה, ער זאל געהן צום דאקטאר, און האבען איהם אוועק געפיהרט אויפ׳ן איזמיילאווסקען פראספעקט .

און ווי ער איז געשטאנען אויבען אים ווארטע-צימער, האט איהם דאס הארץ שטארק געקלאפט . פיעל פאציענטען זענען געזעסען ברייטלעך אויף די רויט-פלושענע שטוהלען ; פיעל האבען געבלעטערט אין די אלבומס און אין די געבונדענע זשורנאלען און אין די פראספעקטען פון די פערשיעדענע קור-ערטער און אין די וויזיט-בלעטער ; פיעל האבען זיך בעקוקט אין די גרויסע וואנד-שפיגלען, און די דאמען, וועלכע האבען געקוקט, האבען א פנים א גרויסע הנאה געהאט פון זייער קראנק בלאס אויסזעהען און פון זייערע נייע זומער-הוטען — ער אבער, אזוי ווי ער איז אריין, איז ער געשטאנען נעבען דער טהיר, דאס היטעל האלטענדיג אין איין האנד און מיט דער אנדערער זיך צוהאלטענדיג פון מינוט צו מינוט דאס מויל, אום צו פערשטיקען דעם הוסט . דער הוסט איז אבער געווען שטארקער פאר איהם . ר׳ זלמן האט איבער׳ן גאנצען קערפער געציטערט און איז זעהר רויט געווען . אזוי איז פארבײַ א פערטעל שעה, א האלבע, א גאנצע . די פאציענטען האבען זיך איינציגווייז אבגעפארטיגט, און אויך די, וועלכע זיינען געקומען נאך איהם . ער איז געבליעבען דער לעצטער . עס איז שוין פינסטערליך געווארען און אים צימער האט זיך כמעט גאר נישט מעהר געזעהען . דער לאקיי איז אריין און האט דא און דארט עפעס צורעכט געמאכט, און האט איהם גאר נישט בעמערקט . אויך דער דאקטאר איז אריין, און האט איהם נישט בעמערקט . און ער שטעהט נאך אלץ און ציטערט און שווימט ארום אין אנגסט-שווייס . פלוצלינג האט ער דערלאנגט

אַ שטאַרקען הוסט. דער דאָקטאָר האָט זיך אומגעקוקט און האָט איהם דערזעהען .

דער דאָקטאָר האָט איהם אונטערזוכט, האָט איהם געטאַפּט, האָט איהם אויסגעהאָרכט און דאַן איז ער אָבגעטרעטען פֿון איהם און האָט אָנגעהויבען זיך די הענד וואַשען, און וועהרענד ער האָט זיך זייער רוהיג אָבגעווישט מיט אַ האַנדטוך, יעדען פֿינגער בעזונדער, האָט ער געזאָגט:

— דער לינקער לונגען-פֿליגעל איז בייא אייך אָנגעגריפען . פֿרישע לופֿט איז די הויפּט-זאַך . איהר מוזט זעהען טרינקען פֿיעל מילך . יעדען טאָג אין דער פֿריה מוזט איהר זיך מאַכען קאַלטע איינרייבונגען איבער׳ן גאַנצען קערפּער . עזעל-מילך וואָלט נישט געקענט שאַדען . אויך וואָלט זיין רעכט, צו מאַכען אינהאַלאַציעס מיט קיעפֿער-לופֿט . איבריגענס וויל איך בייא אייך מאַכען אַ פּראָבע מיט קרעאָזאָט . קרעאָזאָט (דער דאָקטאָר האָט זיך גוט געווישט די שפּיצען פֿון די פֿינגער) איז, נאָך אַלע זאַכען וואָס זיי שרייבען קעגען איהם, פֿאָרט איין אויסגעצייכענט מיטעל . אָבער די הויפּטזאַך, די הויפּטזאַך ווי איך האָב געזאָגט, איז דאָס קלימאַ, די לופֿט .

ר׳ זלמן האָט נישט פֿערשטאַנען קיין איינציג וואָרט . נור די איינצעלנע ווערטער „מילך”, „לופֿט” זיינען איהם געבליבען קלעבען אין אויער און זיינען איהם געווען עטוואָס פֿערשטענדליך . אויך דאָס וואָרט „קאַלטע” האָט ער געהערט, נור דאָס זעלבע איז שוין געוואָרען פֿיעל פֿערמאַזשעט דורך דאָס צווייטע אומקלאָרע וואָרט „איינרייבונגען” . ער האָט מיט איין האַנד געזוכט עפּעס אַ מטבע אין דער הויזען-קעשענע און מיט דער צווייטער האָט ער אָנגעהויבען ווי אין חלום זיין אויפגעמאַכט העמד ווידער צוריק צו פֿערשפּילעווען . עס איז קלאָר, אַז דער דאָקטאָר האָט גערעדט פֿון הויכע ענינים . עס איז קלאָר, אַז עס איז אַ וויכטיגער ענין .

— מיין פֿריינד ! — האָט זיך דער דאָקטאָר ווייטער געלאָזט

הערען מיט אַ בעזונדערער פרײַנדליכקײט — איהר מוזט פאָהרען קײן איטאַליען. מען פאָהרט אין אַ װעלכע זאַכען אויך קײן מעראַן און אויך קײן קאירא.

די לעצטע צװײ נעמען זײַנען איהם כלל וכלל נישט געגאַנגען אין מוח אַרײַן, און נור דער ־־זאַנג פונם ערשטען נאָמען איז איהם געבליבען אין די אויהרען.

— איטאַליען? האָט ער איבערגעפרעגט, און איהם איז פאָרגעקומען, אַז ער מוז שוין האָבען אַמאָל אין זײַן לעבען דאָס דאָזיגע װאָרט געהערט, נור ער געדענקט נישט װאָס און װען; אָפּשר האָט ער עס געלײענט גאָר זײַן אַ ספר אָדער אינם „המליץ״.

דער דאָקטאָר מוז האָבען פּלוצלינג אײַנגעזעהען, אַז דאָ איז נישט דער אָרט צו װיצלען זיך און האָט גיך און ערנסט געזאָגט:

— װעניגסטענס מוזט איהר פאָהרען אויף פרישע לופט, איהר מוזט זעהן צו קומען אויף אַ זומער־װאױהנונג, עפּעס אַ „דאַטשע״ דאָ נישט װײַט פון פּעטערבורג. אפשר אין צאַרסק אָדער אין פּאַװלאָװסק, אין ליעסנױ אָדער אודיעלנאַ. ליעסנױ דאַרף זײַן גוט פאַר אײַך; אין ליעסנױ װאױהנען צו מײַסטען אידען.

— ליעסנױ? — האָט ר׳ זלמן איבערגעפרעגט שטאַרק פער־חלומט און פערטראַכט.

דער דאָקטאָר האָט געקוקט אויף זײַן זײגערעל.

* *

*

די זומער־װאױהנונגען אַרום פּעטערבורג זײַנען שוין בעזעצט. עס קאָכט און עס לעבט זיך אומעטום. מען געהט אין די װעלדער און אין די פּאַרקס, מען עסט און מען טרינקט פאַר צװײען און מען לאָזט זיך װױיהל זײַן. די װײַבער און קינדער בלײַבען במעט שטענדיג אויף דער זומער־װאױהנונג, און נור די מענער פאָהרען געװעהנטליך יעדען ־אָג אין דער פריה קײן

פּעֶטעֶרבּורג און בּלייבּען דאָרט, צוליעב די געשעפטען, דעם גאנצען טאָג, און קומען יעדען פאראבענדס צוריק ארויס אויף די זומער=וואויהנונג. די עטליכע, וואָס בּלייבּען אויף דער זומער=וואויהנונג שטענדיג, אָדער די דאָזיגע, וועלכע זענען בּייצייטענס צוריקגעקומען, זיצען געוועהנטליך זעלבּיי דריט אָדער זעלבּיי פיערט אין א גאָרטען בּיי א קליין טישעל און שוויצען שטארק און האָרעווען שטארק אין שפּיעלען פרעפעראנס אָדער ווינט. וואָס טהוט נישט אלעם א מענש וועגען זיין געזונדהייט!

אויך ר׳ זלמן איז זיך נוהג כמעט ווי אלע גבירים, וואָס וואויהנען אויף זומער=וואויהנונגען. דעם גאנצען טאָג איז ער אין דער שטאָדט, אין פּעטערבּורג, צוליעב זיינע געשעפטען, און יעדעם מאָל א קעגען אָבענד אָדער שוין שפּעטליך בּיי נאכט האפּט ער זיך ארויס אויף זיין זומער=וואויהנונג בּיז פאַרטאָגס. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט א זומער=וואויהנונג, טאָ מוז זיין א זומער=וואויהנונג.

דעם גאנצען טאָג איז ער בּעשעפטיגט אין פּעטערבּורג. ער האָרעוועט דאָרט עהרליך און בּאָדט זיך אין שווייס פון דער פריה בּיז אין די זינקעדיגע נאכט; ער קנעלט מיט די אינגלעך, דאווענט פאר׳ן עמוד און לייענט אין דער תורה אלע מאָנטאג און דאָנערשטאג. אמת, זינט עס האָט זיך איהם געטראָפען דאָס אומגליק מיט דער זומער=וואויהנונג און איהם איז צוגעקומען א נייער עסק, א נייער עול, איז ער געוואָרען א רעכט בּיסעל אומגעדולדיג און טהוט אלעם האפּעדיג; ער איז זעהר נערווע און אויפגערעגט דעם גאנצען טאָג. ער האָט איין עול אויף זיך, א צוטשעפּעניש, וועלכעס ער איז געצוואונגען אָבצופּטר׳ן, און ער לעבט ווי אין פיעבער. ער ווייס, אז ס׳וועט איהם גאָר נישט נוצען און ער מוז יעדען טאָג ארויס אויף דער זומער=וואויהנונג, אזוי ווי ער מוז יעדען טאָג נעהמען אזוי און אזוי פיעל לעפעלעך מעדיצין. ער האָט נור די איינע האָפנונג, אז בּא״ד וועט ווערען ווינטער, דאן וועט ער ווענינגסטענס זיין דערלעזט פון אָט דער דאָזיגער לאסט — פון דער זומער=וואויהנונג. א קעגען

אָבענד, אַזוי אַרום זיעבען אַ זייגער, חאַפּט ער אויף דער גיך עפּעס טועס זיין – אייגענטליך איז דאָס זיין פריהשטיק און מיטאָג – עסט שטעהעדיגערהייט און חאַפּט זיך אויף און לויפט. – זיין זומער־וואוינונג איז אין ליעסנוי.

פון פעטערבורג קיין ליעסנוי קען מען קומען אויף פער־שיעדענע אופנים: מיט אַ בעל־עגלה, מיט דעם טראַמוויי און צו־פוס. ר׳ זלמן האָט זיך אויסגעקליבען איינעם פון די דריי אופנים – ער איז געגאַנגען צו־פוס. אַז מען לויפט גיך, קען אַ גוטער לויפער גאַנץ גוט אַהין קומען שוין אין צוויי דריי שעה. און ר׳ זלמן האָט געפלעגט לויפען, ר׳ זלמן האָט געפלעגט לויפען גיך און ר׳ זלמן איז געווען אַ גוטער לויפער; ער איז אַהינגעקומען יעדעס מאָל שוין אין צוויי דריי שעה. אמת, ער איז יעדעס מאָל אַהינגעקומען געבאָדען אין שווייס, מעהר טויט ווי לעבעדיג און כמעט אין גאַנצען אָהנע אָטהעם – אָבער וואָס טהוט נישט אַ מענש אַלעם צוליעב זיין געזונדהייט? דער דאָקטאָר האָט גע־הייסען אַ זומער־וואוינונג, טאָ מוז מען.

אָבער נישט אַלע טעג זענען געווען גלייך. טיילמאָלס איז געגאַנגען אַ שלאַקס־רעגען און ר׳ זלמן, וויַיל ער האָט געוואוסט אַז ער „מוז", האָט געפלעגט אויפשטעלען דעם קאָלנער פון זיין קאַפּאָטע און אַריבערצוחאַפּען די פּאָלעס איבער'ן קאָפּ און האָט געפלעגט לויפען אין איין אָטהעם איבער שטיינער און ביינער גלייך צו זיין זומערוואוינונג. בעזונדערהס האָט ער זיך געמוזט איילען, וויַיל ער האָט געוואוסט, אַז מען וואַרט דאָרט אויף איהם; ניין פערשוין האָבען געפלעגט וואַרטען אויף איהם, דעם צעהנטען, צו מנין, וויַיל דאָרט איז געווען איינער, וועלכער האָט געדאַרפט זאָגען „קדיש יתום". קוים נור ווי ער האָט אוספּעיעט אויפצומאַכען אַ טהיר, האָט מען שוין אַ געשריי געגעבען: „והוא רחום וכו׳ ברכו!"

דען אייגענטליך איז זיין זומער־וואוינונג נישט געווען קיין זומער־וואוינונג, נור עס איז געווען עפּעס אַ קלויז אָדער אַ בית־

המדרש, וואס דארט איז געשטאנען, א חוץ איין ארון־קודש מיט א שולחן און איין עמוד, אויך א העלצערנע באנק, און אידען רחמנים בני רחמנים, ווען זיי האבען זיך דערוואוסט, אז דער דאזיגער מלמד האט עפעס א „מיחוש”, האבען זיי איהם ערלויבט, ער זאל ארויסקומען דארט יעדען טאג נעכטיגען. פערשטעהט זיך, אז די דאזיגע זומער וואויהנונג איז עפעס נישט געשטאנען אויבענאן צווישען די גערטען און די פארקס, און די פרישע לופט ארום איהר איז עפעס נישט געוועזען אזוי מחיה.

נאך מעריב האט געפלעגט ווערען זעהר שטיל. ר׳ זלמן האט געפלעגט איבערבלייבען אויף זיין זומער־וואויהנונג איינער אליין, האט געפלעגט ארויסחאפען פון דער הינטער־קעשענע זיין אויסגיזאטענע איי און האט איהר געקייעט הוסטענדיג און האט געפלעגט זיך צו שפארען אויף דער הילצערנער באנק.

אבער שלאפען האט ער נישט אלע מאל געקענט. און נישט נור ווייל די באנק איז געוועזען הארט, און ער האט די גאנצע נאכט געהוסט און געשפיגען, נור גאנץ בעזונדערס ווייל ער איז געוועזען אומגעדולדיג און האט געהאלטען אין איין איילען זיך; ער איז געלעגען און האט געפיבערט, און אלע ווייליע האט ער געקוקט אויפ׳ן זייגער, אויב ס׳איז שוין צייט אויפצושטעהען. די גאנצע נאכט האט ער געקלעהרט נור פון איין זאך: אז ער מוז ביי־צייטען אויפשטעהען, אום צו קומען אין גיכסטען אין שטאדט אריין, דען די קינדער וועלען ווארטען, ער האט קוים אוספעיעט אבצודאווענען, האט ער זיך שוין געחאפט צו דער מלאכה און איז געלאפען.

ער איז געלאפען אין איין אטהעם, ער האט זיך געבארען פון שוויים, און אנקומענדיג אין חדר, האט ער געפלעגט א ניעדערפאלען אויף דעם ערשטען בעסטען שטוהל מעהר טויט ווי לעבעדיג. טיילמאלס איז געגאנגען א שלאקס־רעגען, דא האט ער געפלעגט אויפשטעלען דעם קאלנער פון דער קאפאטע און איבערחאפען די פאלעס איבער׳ן קאפ און אזוי האט ער

געפלעגט לויפען אין איין אָטהעם ביז קיין פעטערבורג און אַריין גיך אין חדר.

אָבער אַקעגען אָבענד, אַזוי אַרום זיעבען אַ זייגער, האָט זיך אָנגעהויבען ווידער דאָס לויפעניש צוריק. ער איז געלאָפען אַרוים צו דער זומער־וואויהנונג.

און צו־מאָרגענס ווידער צוריק. אַהין און אַהער, אַהין און אַהער.

אַזוי האָט ער עס געמאַכט עטליכע וואָכען. וואָס טהוט נישט אַ מענש אַליץ וועגען זיין געזונדהייט?

צום סוף אָבער האָט איהם קיין מענש שוין נישט מעהר געזעהען, נישט אַהין און נישט אַהער. עס האָט איהם קיינער נישט מעהר געזעהען. דער לעצטער, וועלכער האָט איהם געזעהען, איז געוועזען דער אויפזעהער אין דעם אַלכסנדר־האָספיטאַל.

אויך דאָס איז געוועזען אַ מענש מיט אַ זומער־וואויהנונג! אויך דאָס איז געוועזען אויף זומער־וואויהנונג!

ביי א ספר תורה.

סקיצע.

בארים גורעוויטש האט זיך צוגעקנעפעלט דאס לעצטע קנעפעל פון זיין העמטשקע, האט צום אבשיעד געגעבען זיין ווייב געלאנט א קוש אויפ'ן שטערען, האט נאך א מינוט לאנג זיך בעקוקט אינם שפיעגעל און ענדליך איז ער אראב צו זיך אין זיין קאנטאר אריין. ער האט רוהיג נאך געארבייט א האלבע שעה: פעררייכערט א ציגאר, נאכגעקוקט די קארעספאנדענציעס פון דער מארגען=פאסט, געגעבען זיינע געשעפטס=מענשען פערשידענע דיספאזיציעס און האט דאן געקוקט אויפ'ן זייגער. נאך א מינוט צוואנציג האט ער איבריגע צייט. ער האט היינט עפעס א שטיקעל „דיעלא" אים סוד. אויף האלב עלף איז די פאוויעסטקא אויסגעשריבען, און איצט איז ערשט צעהן. ער האט נאך רוהיג נאכגעקוקט א צוויי טוץ רעכנונגען און דערביי, ווען נישט ווען, נאכגערעכענט אויפ'ן שטשאט. דאן האט ער זיך געלאזט דערלאנגען פונ'ם קאסירער דעם פארטפעל מיט א פאסט וועקסלען, האט א טהייל פון זיי זשערירט און האט געגעבען נייע דיספאזיציעס. דאן האט ער נאך אויסגעמוסר'ט א בוכהאלטער פאר צושפעט קומען און דאן ענדליך איז ער ארויס אין גאס אריין.

די זון האט געלויכטען און די שנעע=קריסטאלען האבען געפונקעלט אינם זונענשיין. בארים גורעוויטש האט זיך בעשלאסען, צוצוגעהען צו פוס די קליינע שטרעקע וועג ביז צום געריכט אין דעם דאזיגען שענעם וועטער.

ערשט איצט האבען זיך זיינע געדאנקען אנגעהויבען צו

בעשעפטיגען אויך מיט זיין שטיקעל פּראָצעס אינ׳ם געריכט • עס איז מערקווירדיג, ווי ביז איצט איז איהם דאָס גאָר נישט געקומען אין קאָפּ אריין!

עס איז אַ דיעָ,אָ עפּעס מיט אַ מעדעל. אַ מעדעל, רעגינקאַ מוטערפּערעל, אַ וועש־נעהטאָרין פון דער קראָטאַ־גאַס, האָט אויף איהם איינגעגעבען אין סוד. אַליין וואָלט זי גאָר נישט האָבען שׂכל דערצו; זי איז אַ נאַרישׁ מעדעל. שלעכטע מענשען, וועלכע מאַכען זיך פון אַלדינג אַ פּרנסה, האָבען זי מסתּם אָנגערעדט דערצו. זי פערלאַנגט פון איהם לעבענסמיטעל און אויסהאַלט פאַר אַ קינד, וועלכעס זי האָט פון איהם. באָרים גורעוויטש שמייכעלט צו זיך אַליין. דאָס מעדעל, ווי עס ווייזט זיך אויס, איז נאָך זעהר אונערפאַהרען. עס איז קיין וואונדער נישט; זי איז ערשט אין גאַנצען זיבצעהן יאָהר.

אַ בעקאַנטער געהט פאַר איהם פערביי און גריסט זיך מיט איהם. זיי געהן און פלוידערען צוזאַמען אַ קליינע שטרעקע. פּעל איז געשטיגען. עס איז פערהאַן אַ קליינער פּאָסטען ביי אַ בעקאַנטען קענען באַאַר צו קויפען. הערר גורעוויטש האָט אין זיין „דיעלאָ” ווידער כמעט פערגעסען. אַ קליינעם פּאָסטען לוינט זיך גאָר נישט צו קויפען. חוץ דעם האָט ער איצט גראָד געגוג, אויף ,אַגער, איבריגענס וועט מען זעהן. איז אייך אָפשר אַציגאַר אַנגענעהם? — איהר דיענער! — דיענער!

און ווי דער בעקאַנטער איז אַוועק פון איהם, איז ער צוגעגאַנגען פאַמעליך און רוהיג צום געריכט. אַזוי ווי מען געהט צו אַ סוחר, מאַכען מיט איהם זיין חשבון, דאָס מאָל איז רעגינקאַ... ווי הייסט זי דאָרט? יאָ, רעגינקאַ מוטערפערעל! דאָס מאָל איז רעגינקאַ מוטערפערעל דער סוחר, מיט וועלכען ער האָט זיך אויסצוחשבונען. אַזעלכע חשבונות זענען איהם נישט ניי, דאָס מעדעל האָט אַ טעות און קען קיין מענשען נישט, ער — באָרים גורעוויטש — אַ סוחר פערוואַי גילדי, אַ מענש פון אַ יאָהר פערציג, אַ סאָלידע וואויל־האַבענדע פירמאַ, אַ מאַן פון אַ ווייב און אַ טאַטע

פֿון צוויי כמעט דערוואַקסענע טעכטער, איינע אים זיבעטען און איינע אים זעקסטען קלאַס. ער, זעהט איהר, מוז זיין און מוז בלייבען סאָליד אויך ביי אַזאַ מין געשעפֿט. ער טהאָר נישט זיין שולדיג. ווי עס זאָל נישט זיין — שולדיג טהאָר ער נישט זיין. דאָס איז שוין זיין פֿליכט קעגען פֿרוי און קינדער און קעגען זיין אייגענער פֿירמאַ; עס איז זיין פֿליכט קעגען זיין שטעלונג אין דער געזעלשאַפֿט. אמת, ער האָט אַפילו רחמנות אויף אַזאַ אָרעם בעשעפֿעניש, ווי אַזאַ מעדעל; און דערצו נאָך דאָס קינד — אָבער ווער האָט זי געהייסען זיין אַזאַ נאַר? פֿאַר וואָס איז זי נישט געקומען צו איהם — ניין, קומען האָט זי נישט געקענט; ער האָט איהר אָנגעזאָגט, אַז ביי איהם אין דער היים זאָל זי מיט איהם קיין עסקים נישט האָבען, אָבער גלאַט אַזוי האָט זי דאָך געקענט זיך שוין איין עצה געבען — פֿאַר וואָס האָט זי זיך נישט געזעהען מיט איהם און גענומען אַ ביסעל געלד? ניין, איהר ווילט זיך אָבער בעסער עפֿענטליכע סקאַנדאַלען. פֿאַר סקאַנדאַלען און סקאַנדאַל־פּראָצעסען און פֿאַר מענשען וועלכע ווילען דורכאויס סקאַנדאַל־פּראָצעסען האָט ער קיין מורא נישט. אויף אַ זעלכע מענשען טהאָר איין אַנשטענדיגער מענש קיין רחמנות נישט האָבען...

אים געריכט. אין דער דריטער אָבטהיילונג פֿון דער פּאַלאַטאַ, איז היינט גאָר אַ גרינגער עולם, די געשוואוירענע זיצען שוין אויף זייערע ערטער, דער רעפֿערענט איז שוין ביי דער אַרבייט, די אַדוואָקאַטען און די ריכטער גרייטען זיך, דער פּראָקוראָר, אַ בלוט־יונגער מענש, טאַפּט זיך אַלץ ביי דער וואָנסע, דער פּרעדסעדאַטעל זעצט זיך גראָד אויף זיין אָרט. פֿון יענער זייט אָבגעטהיילטען אָרט, וואו די ריכטער און די געשוואוירענע זיצען איז אויך דער דיין, וועלכער איז יעדען טאָג דאָ, אום אָבצונעהמען שבועות, און נעבען איהם דער שמש. דער פּרעדסעדאַטעל, אַ הויכער, אַ דאַרער מיט לאַנגע גרויע באַקענבאָרדען, האַלט אַקטען־פּאַפּירען אין האַנד און וואָרטשעט פֿון זיי עפּעס אַרויס, און מען הערט נישט קיין איינציג וואָרט. פּלוצלינג העבט ער אָן,

מיט אַ געהניץ און אוים לויטער געוואוינהייט ווי פון אויסענווענינ, אויסצורופען זיין ליסטע .

— גורעוויטש ברוך, אָן־זשע באָריס, אָוסעיעוויטש גורעוויטש !

— דאָ!

— מוטערפערעל רבקה, טאַ־זשע רעגינאַ מאַיסעיעוונאַ מוטערפערעל,

אַ קליין מעדעל, לויט אויסזעהען איינע פון קוים פופצעהן יאָהר, מיט אַ בלאַס פנים און אַראָבגעלאָזטע אויגען, מיט איין איינגעבויגענעם ריקען און נישט שען, האָט עפּעס ווי געענט־פערט; אָבער קיין מענש האָט נישט געהערט .

— רבקה, טאַ־זשע רעגינאַ מאָוסעיעוונאַ מוטערפערעל ; האָט דער פרעדסעדאַטעל נאָך אַמאָל איבערגעחזרט .

— איך ! האָט דאָס מעדעל, דאָס מאָל עפּעס דייטליכער, געענטפערט און האָט אויפגעהויבען איהרע אויגען, די אויגען זענען געווען שען, און אויך די ליפען .

אין דער זעלביגער מינוט איז אויפגעשטאַנען יעפים מיראָ־נאָוויטש קאָהן, אַ ווינקעל־אַדוואָקאַט און איז צוגעגאַנגען צום טיש און האָט דערלאַנגט זיין דאָוויערענאָסט אַלס אַדוואָקאַט פון רע־גינאַ מוטערפערעל. דער פרעדסעדאַטעל האָט זיך געווענדעט צו גורעוויטש מיט דער פראַגע, אויב ער וויל אין זיין דיעלאָ אַליין רעדען אָדער ער שטעלט אַ פערטרעטער. גורעוויטש האָט אופ׳ן קול געשמייכעלט. ביי אַזאַ קלייניגקייט בעדאַרף ער קיינעמס הילף נישט; ער וויל אַליין פערטיידיגען .

דאָס געריכט האָט זיך גענומען צו עטליכע פאָרמאַליטעטען, די שבועה אָבגעהמען האָט מען בעשטימט אויף שפעטער, ווען עס וועט זיין נעהטיג. דער רעפערענט האָט אין קורצען רעפערירט דעם פראָצעס: איין איינפאַכער „אַלימענטען־פּראָצעס״:

„די ניעזאַמוזשנאַיאַ און נישט סאַווערשענאָליעטנאַיאַ רבקה, טאַ־זשע רעגינאַ מאָוסעיאָוונאַ מוטערפערעל, וואויהנט זינט דעם

17 פֶעווראַל 1904 אויף קראָטאַ-גאַס נומער 42 וואָהנונג 8, די וואָהנונג האָט געדונגען פאַר איהר ברוך אַוסעיעוויטש גורעוויטש. דאָ האָט געפלעגט דער דערמאָנטער פון צייט צו צייט צו איהר צו קומען"...

דער רעפערענט האָט געמאַכט אַ פויזע. דאָס ביסעל פובליקום האָט אָנגעהויבען צו שפיצען די אויערען. אַה, איין אינטערעסאַנטער פאַל! די עטליכע פרויען וועלכע זענען געווען, און הויפּטזעכליך די מעדלעך, האָבען זיך אָנגעהויבען נעהנטער צוצוריקען און די באַקען האָבען אָנגעהויבען גליהען און די אויגען פינקלען.

דער רעפערענט האָט וויַטער געלייענט:

„אים 24 נאָיאַבר 1904 האָט די ניעזאַמוזשנאַיאַ רבקה מוטערפערעל געבאָרען אַ קינד. לויט איהר אויסזאָגען, איז דאָס קינד פון ברוך גורעוויטש. זינט דענסמאָל אָבער האָט ברוך גורעוויטש אויפגעהערט זיך צו וויַזען בײַ דער רבקה מוטערפערעל, רבקה מוטערפערעל האָט געוואַרט און געוואַרט, אָפשר וועט ברוך גורעוויטש זיך חאָטש נאָך דערמאַנען אין זיין פליכט און וועט איהר געבען מיטעל צום לעבען פאַר זיך און פאַר דאָס קינד, וועלכעס איז, ווי זי זאָגט, זיין קינד. ענדליך, איַינזעהענדיג אַז דער פאָטער דערמאָנט זיך נישט אין זיינע פליכטען, האָט זי זיך ענטשלאָסען צו זוכען איהרע רעכטע דורך דעם געריכט, זי פערלאַנגט פון ברוך גורעוויטש, ער זאָל איהר צאָהלען די סומע פון 48 רובעל מאָנאַטליך, וועלכעס זי בעדאַרף צום לעבען פאַר זיך און דאָס קינד".

אַלע האָבען געקוקט אויף באָרים גורעוויטש. באָרים גורעוויטש איז געשטאַנען, לײַכט און רוהיג. און האָט זיך געשפּיעלט מיט איין האַנד מיט דעם גאָלדענעם קייטעלע פונ'ם זייגערעל און מיט דער אַנדערער האָט ער זיך געדרעהט דעם איינעם שפּיץ פון דער וואָנסע. אויף זיין פנים האָט אַרומשפּאַצירט אַ שמייכעל.

— אָנגעקלאָגטער! האָט זיך דער פרעדסעדאַטעל געווענדעט צו איהם — איהר זענט מודה אין אייער שולד?

אַלע האָבען געקוקט אויף דעם אָנגעקלאָגטען. רעגינאַ איז געשטאַנען מיט אַראָבגעלאָזענע אויגען. זי האָט גראַד אין דער דאָזיגער מינוט געהאַט פערגעסען, וואו זי איז און האָט געטראַכט פון איהר קינד. הינטער דעם אויערעל פון קינד האָט זיך נעכטען געוויזען אַ רויט בלעטערעל. מען דאַרף נעהמען דערצו עפּעס אַ מאַשטש.

— ניין! האָט באָרים גורעוויטש שאַרף און הויך געענטפערט — איך בעקען מיך נישט צו דער שולד!

רעגינאַ האָט, נישט ווילענדיג, אויפגעהויבען דעם קאָפּ. זי האָט נאָך גאָר נישט בעגריפען, וואָס עס טהוט זיך דאָ, דאָס „ניין" איז איהר נישט געגאַנגען אין קאָפּ אַריין.

עס האָט גערעדט דער פּרעזידענט. עס האָט גערעדט דער ווינקעל=אַדוואָקאַט יעפּים מיראָנאָוויטש קאָהן. עס האָט זיך אָנגעהויבען איין אַהין=און אַהער=פרעגען, אום צו חאַפּען דעם אָנגעקלאָגטען אויף דער ווענדקע. גורעוויטש איז געבליבען ביי דאָס זייניגע: דאָס קינד איז נישט פון איהם און איבערהויפּט קען ער נישט די קלעגערין, ער קען זי נאָר פון זעהען, ווייל זי האָט אַ געוויסע צייט געדינט פאַר זיין פרוי ווייב=וועש. ערשט דאָ האָט רעגינאַ אָנגעהויבען צו בעגרייפען, וואָס עס טהוט זיך, אַזעלכעס האָט זי נישט געגלויבט. דאָס איז איהר קיינמאָל גאָר נישט געקומען אין קאָפּ אַריין, אַז עס איז נאָך פערהאַן דאָך אַזאַ מעגליכקייט. סטייטש, אָבער דאָס קינד איז דאָך זיין?! ער איז דאָך אַ טאַטע! און ווי קען דאָס אַמענש, וועלכער האָט זי אַזוי ליעב געהאַט און האָט איהר אַלע מאָל צוגעזאָגט הרים וגבעות?! — דער קאָפּ איז איהר פּלוצליג שטיל געשטאַנען, זי האָט געטראַכט, אַז זי פאַלט אום.

דער פּרעזידענט אַליין האָט זיך אָנגעהויבען לעבעדיגער צו אינטערעסירען מיט דער זאַך. ער איז ביי זיך אין האַרצען געווען איבערצייגט, אַז דאָס דאָזיגע מעדעל איז פערפיהרט געוואָרען פון אָט דעם דאָזיגען מענשען. נישט קשה, ער, דער פּרעזידענט

האָט געװוּנג איבונג אין אויספאָרשען, און ער האָט אָנגעהויבען טוּיזענד פראַגען צו שטעלען. ער װעט שוין אַרויסקריגען דעם אמת. גורעװיטש איז נאָך אַלץ געבליבען בײַ דאָס זײַניגע: עס איז זאָגאַר אַ ליגענד, אַז ער האָט געדונגען פאַר איהר די װאױה־נונג. אַדרבא, זאָל מען דעם קאָנטראַקט נאָכקוקען — זי מוז דאָך האָבען אַקאָנטראַקט — און מען זאָל זעהען. רעגינאַ איז פערציטערט געבליבען. אמת, די װאױהנונג האָט זי געדונגען אויף איהר אײַגענעם נאָמען; ער האָט עפּעס געזאָגט, אַז עס פּאַסט נישט פאַר איהם.

עס האָט אָנגעהויבען יעפים מיראָנאָװיטש קאָהן צו שטעלען אַגאַנצע רײַהע פון פראַגען דעם אָנגעקלאָגטען:

װען איז ער געװוען צום לעצטען מאָל אים הויז נומער 42 אויף קראָטאַ־גאַס?

„נעכטען, און אויך הײַנט װעט ער דאָרט זײַן און אויך מאָרגען (אַלע לאַכען), דען אים דאָזיגען הויז װאױהנט אַ סוחר, מיט װעלכען ער האָט עסקים”.

פאַר װאָס האָט דער אָנגעקלאָגטער געזאָגט אײַנמאָל דעם סטרוזש פונ׳ם הויז, און האָט איהם דערבײַ געגעבען 20 קאָפּעקעס, אַז װען מען װעט פרעגען, זאָל ער נישט זאָגען, אַז ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין דעם דאָזיגען הויז?

„װײַל ער האָט קײַן פּאַספּאָרט נישט געהאַט בײַ זיך, און גראָד איז פּאָליציע פאַרבײַגעגאַנגען אויפ׳ן גאַס (אַלע צולאַכען זיך)”.

פון װאַנען האָט אײַן אָרעם מעדעל געהאַט מיטעל, צו האַלטען זיך אַ װאױהנונג פון דרײַ צימערען מיט אַ קיך?

„מסתּם האָט עפּעס אײַנער, אַ בעלן פון מעדלעך, דאָס געלד דערצו געגעבען (דאָס פּובליקום צולאַכט זיך). איבריגענס איז דאָס נישט זײַן זאַך”.

איבריגענס, האָט ער געזאָגט, קען מען שוין די טאַקטיקאַ פון די דאָזיגע מעדלעך: זײ קלויבען זיך אויס אַ קרבן אײַן אָנ־

געזעהענעם מענשען פון דער געזעלשאַפט אַרוים, געוועהנליך אײן אָנגעזעהענעם פאַמיליענפאַטער מיט אַ געוויסער געזעלשאַפטליכער שטעלונג, כדי איהם צו עקספּלאָאַטירען און געלד צו ציהען פון איהם. געוויסע מעדלעך, מיט הילפע פון געוויסע מענשען (גורעוויטש קוקט אַהין צו יעפים מיראָנאָוויטש קאָהן), האָבען זיך דאָס געמאַכט פאַר אַ פּרנסה. אייגענטליך האָט דאָס געזעץ בעדאַרפט שיצען דעם אָנשטענדיגען בירגער פאַר אַזעלכע בעלעסטיגונגען. יעדער פון דעם געריכט אַליין איז נישט זיכער פאַר אַזאַ בלבול...

רעגינאַ איז געשטאַנען און איהר גאַנצער ווינציגער קערפּער האָט געציטערט: עס איז איהר מאָדנע קאַלט געווען. דאָס איז איהר גאָר נישט די גאַנצע צייט געקומען אין קאָפּ אַריין, זי האָט גאָר נישט געוואוסט, אַז אויך אַזעלכעס איז מעגליך. זי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און איהרע אויגען האָבען געבליצט.

— קוק מיר גלייך אין די אויגען אַריין... האָט זי אָנגעהויבען, צום ערשטען מאָל, צו רעדען און האָט זיך געווענדט צו באָריס גורעוויטש.

— איך בעט דעם פּרעזידענט — האָט באָריס גורעוויטש געזאָגט — מיך צו שיצען פאַר בעליידיגונגען. עס איז נישט פאַר מיין כבוד און איך קען נישט דערלויבען, אַז די ערשטע בעסטע פון גאַס אַראָב זאָל מיך דוצען.

— איך בעט אייך, האָט רעגינאַ זיך אויגענבליקליך פערבעסערט — קוקט מיר גלייך אין די אויגען אַריין און זאָגט מיר: צי איז דאָס גאַנצע...

זי האָט זיך פּלוצלינג אָבגעשטעלט און האָט נישט געקענט ווייטער רעדען. זי האָט פאַר צו גרויס אויפרעגונג נישט געוואוסט, וועלכעס זי זאָל זאָגען. אַלץ האָט זי איהם געוואָלט זאָגען מיט איינעם מאָל — און האָט נישט געקענט. זי האָט זיך פּלוצלינג שטאַרק צעוויינט.

דער פּרעזידענט האָט גערעדט. יעפים מיראָנאָוויטש

האָט געערדט. פלוצלינג האָט דער טאָוואַרישטש-פּראָקוראָר זיך צוגעבויגען צום פרעדסעדאַטעל צום אויער און האָט עפּעס געזאָגט, און דאַן האָט ער געפּרובט רעדען מיט דעם אָנגעקלאָגטען. אַלץ אומזיסט, דער אָנגעקלאָגטער איז געבליבען ביי דאָס זייניגע: אַ בלבול. די „דאָזיגע ,יִיט" האָבען אייגענטליך געזאָלט ווערען בעשטראָפט פאַר אַזעלכע בלבולים. קלעוועטאַ, דיפאַמאַציע, אַ שם רע. אַ פרנסה איז עס...

רעגינאַ איז געשטאַנען מיט איין אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ ווי פערשטיינערט. זי האָט זיך מעהר גאָר נישט איינגעהערט.

געשעפטסמעסיג האָט זיך דער סוד גענומען פטר'ן די נייטיגע פאָרמאַליטעטען. דער אָנגעקלאָגטער האָט צו שווערען אויף דאָס וואָס ער זאָגט. דער דיין האָט זיך אויפגעהויבען. דער שמש האָט צוגעגרייט אַ קליין ספר-תורה'לע. באָרים גורעוויטש איז געשטאַנען און די רויטע באַקען האָבען אויסגעזעהן זעהר צופרידען.

עס הויבט זיך אָן די פאָרמאַליטעט פון דער שבועה.

רעגינאַ איז געשטאַנען און דער גאַנצער לייב האָט איהר געציטערט. זי געדענקט: זי איז נאָך גאָר אַ קליין קינד געוועזן, דאָ האָט נטע פאַטשטער ביי זיי אין דער גאַס אין קליינעם שטעדטעל געמוזט שווערען אין שוהל. די גאַנצע גאַס איז געלאָפען. אויך זי האָט זיך געשטופּט מיט אין שוהל אַריין. שוואַרצע ליכט האָבען געברענט. וואָס דאָרט האָט זיך אָבגעטהון ווייסט זי נישט. נאָר נטע פאַטשטער איז געשטאָרבען אין יענעם יאָהר. עס געהט איהר אַריבער אַ גרויל איבער אַלע איהרע ביינער. רבונו של עולם, נאָר נישט שווערען! צו וואָס נאָך אַ פאַלשע שבועה.

דער שמש איז צוגעגאַנגען מיט דעם ספר-תורה'לע צום אָנ'געקלאָגטען. דער דיין האָט געמאַכט דעם אָנגעקלאָגטען אויפמערקזאַם דערויף, אַז ער האָט אָנצוטהון אַ היטעל אויפ'ן קאָפּ.

— ניין! האָט רעגינאַ פלוצלינג אויסגעשריגען — זאָל ער גאָר נישט שווערען! ס'טייטש ביי אַ ספר-תורה?...

אַלע האָבען זיך אומגעקוקט .

— זאָל ער מיר געבען האָטש 20 רובעל אַ חודש... איך וויל דאָך אַרבּייטען...

באָרים גורעוויטש האָט זיך אָנגעטהון זיין הוט .

— זאָל ער געבען האָטש פאַר'ן קינד 10 רובעל ! זאָל ער געבען 5 ! — ס'טייטש ביי אַ ספר-תורה ? ! איך וויל נישט , ער זאָל ביי אַ ספר-תורה שווערען !

דער פרעדסעדאַטעל האָט צוגערופען דעם אָנגעקלאָגטען נעהנטער צו זיך און האָט אָנגעהויבען מיט איהם מיט אַ האַלבּע שטימע צו רעדען . עס האַנדעלט זיך דאָך אייגענטליך נאָר וועגען אַ קלייניגקייט . דאַן האָט יעפּים מיראָנאָוויטש זיך גענומען מיט איהם פּריוואַטים צו רעדען און צו פּועל'ן וואָס עס איז . באָרים גורעוויטש האָט גענומען דאָס ספר-תורה'לע אין האַנד אַריין . ער איז אַ מינוט לאַנג שטיל געשטאַנען . ער טהאָר דאָך נישט זיין שולדיג . דאָס איז ער שוין חייב זיין סאָלידער פירמאַ און זיין שטעלונג אין דער געזעלשאַפט !

— איך וויל קיין אייניציגע קאָפּעקע נישט מעהר ! איך נעהם צוריק מיין גאַנצע בעשולדיגונג ! האָט דאָס מעדעל זיך אַרויסגערופען . איהר שטימע האָט געציטערט .

די לעצטע פון די פאָרמאַליטעטען איז שנעל געפטר'ט געוואָרען . צעהן מינוט שפּעטער איז קיינער פון די פאַרטייען נישט מעהר געווען אינם זאַל . אויך אַ גרויסע טהייל פונ'ם עולם איז זיך צוגאַנגען .

באָרים אָוסעיעוויטש גורעוויטש איז נישט מעהר געגאַנגען אין זיין קאַנטאָר אַריין , נאָר גלייך אַרויף צו זיך אין דער היים . זיין פרוי האָט איהם געגעבען אַ קליינעם פּסק : ער האָט זיך נעמליך מיט 12 מינוט היינט פערשפּעטיגט צום מיטאָג . באָרים גורעוויטש האָט גאַלאַנט געקושט זיין פרוי אופ'ן שטערען .

דֶער קִינְסְטלֶער .

איך בין שטאַלץ דערויף, וואָס ער איז מיין בעקאַנטער און קומט אַמאָל אַריין צו אונז אין הויז, און גאַנץ בעזונדער שטאָלץ איז מיין ווייב דערויף. קומען קומט ער עטליכע וואָכען כסדר אַ צוויי דריי מאָל יעדען טאָג; פּלוצלינג, פון דער הוי׳ער הויט, הערט ער אויף צו קומען און ער בעווייזט זיך נור איינמאָל אין פינף, איינמאָל אין זעקס וואָכען. אַזוי געהט אַוועק אַ צייט לאַנג, און פּלוצלינג ווערט ווידער אַ שנוי און ער קומט שוין ווידער אַ צוויי דריי מאָל יעדען טאָג כסדר. ער איז אַ קינסטלער און דאָס איז קינסטלער-נאַטור. געהט אַ שלאַקס-רעגען, האָט ער הנאה צו געהן אָהן אַ שירעם. ווען ער קומט, פרעגט ער האַסטיג, צי איז פאַרהאַן אַ גלעזעל „מיל פלייר אַ לאַ באָמאַרשיי” אָדער „שאַרטרייז אַ טראָא קראָא” אָדער עפּיס אַנ׳אַנדער מין משקה מיט אַ מאָדנעם אויסגעוואָרפענעם נאָמען. טיילמאָלם טרינקט ער אַ דריי פיער אַזעלכע גלעזלעך כסדר, טיילמאָלם אָבער גיסט ער זיך פול דאָס ערשטע גלעזעל און גיסט אוים אויף דער ערד, גיסט זיך דאַן פול אַ צווייטעם און גיסט עם ווידער אוים, גיסט זיך צום סוף אָן אַ דריטעם און לאָזט עם שטעהן און טרינקט עם גאָר ניט. דאָס זענען קינסטלער-קאַפּריזען. אָפט ביי דער טרויעריגסטער געלעגענהייט, געפינט ער פּלוצלינג אַנ׳אורזאַך, אַרויסצושיסען מיט אַ העליש געלעכטער, און אומגעקעהרט, ווען אַלע לאַכען גראָד איבער עפּיס, ווייזט ער אונז, ווי טיעף טראַגיש דוקא דאָס דאָזיגע איז. מיר הערען זיך צו [illegible] גרויס כונה, און דערהויפּט מיין ווייב, און מיר זענען דאַנקבאַר פאַר די בעלעהרונג. אָפט, אַז מיר זענען נתפעל פון עפּים אַ שען פרויענצימער, קוקט ער אונז

אָן מיט רחמנות און שמייכעלט און דערלאַנגט אַ שפּײַ; פערקעהרט אָבער, ווען מיר בעגעגנען אַמאָל עפּיס אַ פרוי, וואָס אַ פּראָסטען בן־אָדם וועט ניט נעהמען אַזוי שטאַרק אַ חשק זי אָנצוקוקען, קאָן זיך מאַכען, אַז ער, דער קינסטלער, וועט קומען אין התלהבות און וועט אָנהויבען צו ריידען פאַר פייער און פאַר וואַסער און וועט אונז ערקלערען, ווי איהר פנים איז „קלאַסיש", „פריגיש", „דאָריש", יאָניש", און ווייסט גאָט וואָס נאָך פאַר אַ בערגעל ווערטער, און דערהויפּט געפעלט איהם עפּיס דאָרט אַנ'אַנטיקע „ליניע" אויף איהר האַלז — אַ, דער האַלז! דער האַלז! קוקט נור אָן דעם דאָזיגען האַלז! — אָדער עס געפעלט איהם עפּיס אַ געוויסער „פּונקט" אויף איהר פּלייצע אָדער אַ דרעה פון איהר — און מיר פערשפּיצען די אויערען און הערען גאָטס וואונדער און הויבען אָן צובעוואונדערן. אָפט געפעלט איהם ניט דער טענאָר, וועלכען מיר האָבען געהערט אין דער אָפּערא, און איהם געפעלט גאָר עפּיס אַ שײַגעצער, וואָס האָט געבלאָזען אויף אַ פייפעל ביי אונז אין הויף. אָפט געפעלט איהם ניט אונזער פערגעטערטער גיז דע מאָפּאַסאַן אָדער טשעכאָוו — די „ליניע" איז ביי זיי אַזוי גראָב! דער „שטריך" שטעהט ניט אין קיין שום פערהעלטניס צו דער „פּערספּעקטיווע"; — און איהם געפעלט גאָר עפּיס אַ מאָדנער פעליעטאָן פון אַ מאָדנעם שרייבער אין אַ מאָדנער צייטונג. מיר זיצען און האָרכען און קלייבען די ווערטער און מיר פערשטעהען און זענען דאַנקבאַר.

מיר האָבען ביי זיך אַנ'אַלטען וואַנד־זייגער, אַ ירושה־זאַך פון אַנ'עלטער־עלטער־זיידען, איינגעפּאַסט אין אַ רויט מאַהאַקאָני־קאַסטען, וועלכער גרייכט פון דער ערד ביז איבער די פענסטער; די ניאַניאַ פון אונזערע קינדער האָט אַנ'אַלטען טערקישען שאַל מיט אַלטע פערלאַטעטע לעכער, דעסגלייכען אַ ירושה־זאַך, וואָס מיין ווייב האָט גענומען פון עפּיס אַנ'עלטער־באָבען און וועלכען זי האָט אַוועקגעשאָנקען דער ניאַניאַ. דער קינסטלער אָבער, אַזוי באַלד ווי ער קומט, הויבט אַלע מאָל אָן פון דאָס ביי אונז צו

ערקלערען די שענהייטען פון די דאָזיגע זאכען. דערהויפּט רעדט ער וועגען דעם געזימס פונ'ם זייגער. דער געזימס איז האלב שפּיציג און האלב קיילעכדיג. דאָס איז דער סטיל פון האלב שפּיץ-קיילעכדיג. עס איז גאָטיש און רענעסאַנס צוזאַמען. דאָס ראָקאָקאָ פאַלט אַריין אין באַראָק. און אַז מיר דערציילען איהם, ווי מיר זענען פון קינדווייז-אָן געוועהנט געווען תמיד דעם דאָזיגען זייגער בכבוד צו האלטען און מיר האָבען אַלע מאָל געוואוסט, אַז דאָס איז אַ „שען שטיקעל אַרבייט״, וואַרפט ער אונז צו אַ האלב בייזען און אַ האלב שטראָפענדיגען בליק און זאָגט: „איהר זענט אַלע נאַרען און גאָר נישט ווייסט איהר!״, און הויבט אָן אונז צו ערקלערען די שענהייטען פונ'ם טערקישען שאַל און ווי אַפילו די געלאַטעטע לעבער זענען שען, און דאַן לאָזט ער זיך אַריין אין אַ שמועס מיט דער ניאַניאַ מכּח דעם שאַל, וועלכען ער וויל אָבקויפען פון איהר און פון וועלכען ער וויל זיך מאַכען אַ טעפּיך אויף דער וואַנד אין זיין קאַבינעט.

נעכטען איז ביי אונז געווען אַ קליינע געזעלשאַפט — טיי מיט צובייס. נאַטירליך האָט מיין פרוי אַלעם געטהון, אַז דער קינסטלער זאָל אויך זיין. עס איז גראָד געווען ביי אונז אַ פריינדין פון מיין פרוי, אַ יונג ווייבעל, וואָס איז נור וואָס געקומען פון איהר האָכצייטס-רייזע. איך האָב איהם פאָרגעשטעלט איהר.

— מאַדאַם, וויפיעל קינדער האָבען זיי? — האָט ער זי פלוצלינג אַ פרעג געגעבען.

די דאַמע איז זעהר רויט געוואָרען. מיין פרוי האָט זיך פערשעמט. די דאַמע האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טהון, און האָט געשאָקעלט מיט דעם קאָפּ.

— גאָט זאָלען זיי דאַנקען, וואָס זיי האָבען קיין קינדער ניט. עס איז גלייכער צו געהן אויפ'ן גאַס און זיך פערקויפען יעדען מאַנספּאַרשוין, אַבי קיין קינדער ניט צו האָבען. קינדער דאָס איז מיסט! קינדער דאָס איז בלאָטע! (די דאַמע איז טויזענד מאָל רויטער געוואָרען. דער קינסטלער האָט ליעב זיך צו בענוצען

מיט זעהר שטאַרקע ווערטער). אָבער ווען זיי וואָלטען האָבען אַ זוהן, וואָלט איך זיי איין זאַך ראַטהען: למען השם, לאָזען זיי איהם נור ניט ווערען קיין קינסטלער. בעסער אַ שוסטער, אַ פּליק־שניידער, אַ קוימען־קעהרער, אַ מיסט־וואָגען־שלעפּער, אַ קויהלען־קאַסטען־טרעגער, אַ קלאָזעט־ריינינגער, אָבער ניט קיין קינסטלער. אַ קינסטלער דאָס איז אַ פערשאָלטענער מענש! קיין לאַסט איז ניט אַזוי שווער ווי די לאַסט פון אַ זשעניע — דאָס קאָנען זיי מיר גלויבען! — דאַן האָט ער אַ טיעפען זיפץ געגעבען.

פלוצלינג האָט ער אָבגעווענדט זיין פּנים און האָט אַ מינוט בעטראַכט די פענסטער פון אונזער גאַסט־צימער, ווי ער וואָלט זיי צום ערשטען מאָל געזעהן, און האָט אָנגעהויבען אונז צו ערקלערען די „רהיטמיקאַ" פון פענסטער בכלל און פון אונזערע פענסטער בפרט. פענסטער מוזען זיין אַזוי הויך ווי ברייט, און אַזוי ברייט ווי הויך. מיין פרוי האָט צוגעהערט און איהרע באַקען און איהרע אויגען האָבען געגליהט. דאַן פלוצלינג האָט ער אָנגעהויבען ריידען פון די אָביצעס, וואָס מיר האָבען אין עס־צימער, און ווי עס איז בעסער, אַז אַנ׳עס־צימער זאָל זיין געמאָלט און ניט טאַפּעצירט; דאַן האָט ער אָנגעהויבען ריידען פון אונזער געמאָלטען סאַלאָן און ווי עס איז „סטיליסטישער", אַז אַ סאַלאָן זאָל זיין מיט אָביצעס און ניט געמאָלט. מיר האָבען דאַנקבאַר געהערט. פלוצלינג האָט ער דערזעהן סירענאַ, אונזער קעציל, וועלכעס מיר האָבען, ווי זי שטעהט נעבען איהם, און ער האָט אונז ערקלעהרט, ווי עס איז רהיטמישער, אַז אַ הויז־קאַץ זאָל הייסען אַ נאָמען מיט צוויי זילבען און נישט מיט דריי; מיט דריי פּאַסט בעסער פאַר אַ הונד. דאַן האָט ער גיך אויסגעשפּיגען אויף דעם פּאַרקעט און האָט פלוצלינג אַ מאַך געטהון צו מיר מיט דער האַנד — איך בין אויפגעשטאַנען, און מיר זענען אַרויסגעגאַנגען.

— דאָס איז שוין אַזוי אונזער גורל, האָט ער געמאַכט צו מיר, ווי מיר זענען געווען אויף דער גאַס — נור געבען, געבען, אַלעמאָל געבען! אונזערע אויגען, אונזערע אויערען, אונזער מוח

מוזען מיר אװעקגעבען פֿרעמדע מענשען! און װאָס איז דער דאַנק דערפֿאַר, װאָס די נאַטור גיט אונז? זי גיט אונז אַנ'עמפֿינדונגסקראַפֿט, װעלכע פֿערצעהרט און פֿערברענט אונז תמיד! — פֿלוצלינג קוקט ער מיך אָן מיט אַ מאָדנער פֿרײַנדליכקײט, װי מען קוקט אָן אַ געליעבט פֿערד. „אַך, װאָס װײסט דו, דו גליקליכער! דו האָסט ניט יענם פֿערצעהרענדע פֿײַער אין דײַן אינערן. דו קאָנסט דיר רוהיג עסען, שלאָפֿען, טרינקען, פֿלױמען קײַען, האָבען צו טהון מיט פֿרױען, געהן אין טהעאַטערס, קנאַקען ניס, לײענען צײַטונגען, קיצלען און זיך לאָזען קיצלען. אָבער דער קינסטלער מיט זײַן טױזענדפֿאַכער עמפֿינדליכקײט, ער שפּירט די גאַנצע װעלט, װי אַ מורא'דיגע קװאַהל. אײַך איז גוט, װאָס אײַער הארץ איז אַזױ בעל-הבית'יש פֿײַן אײַנגעװירטשאַפֿט, און יעדעס פּיצעלע געפֿינט זיך ריכטיג אױף זײַן אָרט, װי דאָס געפֿעס בײַ אַ גוטער קעכין אין קיך. אָבער אַ מענש װי איך מיט אַ ים פֿון אײַנדרוקען אין יעדער מינוט! עס איז אַ מין אײביגער בױך-װעהטאָג אין דער נשמה, װעלכע קאָן דאָס עמפּפֿונדענע ניט פֿערדױען!" — ער האָט זיך הײזעריג צולאַכט. דאַן האָט ער אַ מאַך געגעבען: „נו, פּטור! זאָל שױן זײַן װאָס װעט זײַן!" און איז מיט דער רעכטער האַנד אַרײַנגעפֿאָהרען אין זײַנע געדיכטע האָר ביז צום נאַקען, נאָכדעם װי ער האָט זיך אַראָבגעחאַפּט דעם הוט.

פֿלוצלינג האָט ער מיך אַ חאַפּ געטהון פֿאַר'ן אָרעם. „קוק נור, קוק! אָט איז דער שפּיץ דאַך פֿון קלױסטער! אַך, װאָס פֿאַר אַ קאָנטורען! װי שטאַפּעלט זיך דאָס אָב און שנײַדט זיך אײַן אין די לופֿט פֿון הינטען! עס מאַכט אױף מיר דעם אײַנדרוק װי שאָפּען'ס נאָקטורנאָ אין „דעם", נאַטירליך מיט דעם חילוק, אַז דאָס איז „דור" אָנשטאָט „מאָל"! קושען האָט מען עס דאָך געמוזט! אָבער די פֿערד, די שלעק, די מענשען מײַן איך, שלעפּען זיך טאָג-טעגליך דאָ פֿאַרבײַ, און װאָס זעהען זײ פֿון דעם אַלעם? װאָס געניסען זײ פֿון לעבען? טױזענדער פֿיהלען

גאָר ניט. אָבער פּלוצלינג קומט איינער, וועלכער פֿיהלט פֿאַר טויזענדער!" — איך בין געגאַנגען נעבען איהם און האָב שטאַרק דרך־אֶרץ געהאַט פאַר דעם דאָזיגען איינעם.

אַ קליין מיידעלע, וועלכעס פערקויפט שוועבעליך, איז פאַר אונז פאַרביי געגאַנגען. ער האָט זיך אָבגעשטעלט און האָט זי געפרעגט, וויפיעל פעקלעך זי האָט בסך הכל. זי האָט דורכ־געצעהלט און געענטפערט: 27 פעקלעך האָט זי. ער האָט איהר דערלאַנגט אַ האלב קערביל און האָט ביי איהר צוגענומען אַלע פעקלעך, וועלכע זי האָט געהאַט. דאַן האָט ער דערזעהן אַ בעל־עגלה און האָט איהם אַוועקגעשאָנקען דעם גאַנצען אוצר. ווי ער איז צוריקגעקומען צו מיר, האָב איך נישט געוואוסט, צי האָב איך דאָס אַלעס געזעהן, צו נאַין. איך בין געגאַנגען און האָב געשוויגען. ווי עס ווייזט זיך אוים, האָב איך ניט געטראָפען; עס האָט אָנגעהויבען אין איהם צו קאָכען און צו זידען. פּלוצלינג האָט ער אַ זאָג געגעבען: „דער שטומער קוק, מיט וועלכען דאָס מיידעל און דער בעל־עגלה האָבען מיך אָנגעקוקט, איז מעהר ווערט ווי טויזענד ווערטער פון מענשען!"

און ווי מיר זענען אַרויסגעקומען אין די אויאַזדאָווסקע אַלעען, דאָ ערשט האָב איך געזעהן, וואָס פאַר אַ מין התקרבות, וואָס פאַר אַ זווג הגוף עס איז צווישען איהם און דער נאַטור. די נאַטור געהערט אין גאַנצען איהם. ער האָט אַראָבגענומען זיין הוט און האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום און אַרום, אַזוי ווי דער בעל־הבית, ווען ער קומט אין זיין נחלה אַריין. אַלע איבריגע, וועלכע זענען פאַרביי געגאַנגען, זענען געווען עפּיס ווי פרעמדע, וועלכע עה אין זיין גרוים פריינדליכקייט לאָזט זיי אַריין און פער־וועהרט זיי ניט צו קוקען. ער האָט לאַנגזאַם געגעבען אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ, און דאָס איז געווען, ווי ער וואָלט ענטפערן אַ בעקאַנטען בוים אויף אַ „גוט מאָרגען", וואָס ער האָט איהם בהכנעה אָבגעגעבען. ער האָט קיין וואָרט ניט גערעדט און פאָרט

האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי ער וואָלט האַלטען אין איין שרייען און אין איין בעריהמען זיך.

דאַן האָט ער אָנגעהויבען די נאַטור מיר צו צוקייען און זי מיר אַריינלעגען אין מויל. די נאַטור איז זיין, זי איז זיין פּריווילעגיום. ער האָט גערעדט וועגען גיניעס און וועגען גרין און בלוי און געל, און פּלוצלינג האָט ער זיך אַ וואָרף געגעבען מיט ווערטער אויף דאָס טהעאַטער און מוזיק, און מאַלעריי, און ליטעראַטור. אַפּנים דאָס האָב איך געהאַט צו פערדאַנקען דער נאַטור; זי האָט אויף איהם געמאַכט דעם רושם. אָנגעקומען אין דעם לאַזיענקי־גאָרטען, האָט ער מיר פּלוצלינג דערקלערט, אַז די קאָרע פון׳ם בוים, דאָרט הינעט ביים טייך, ווייזט איהם אוים ווי דער פּיטהאַגאָרעאישער לעהרזאַץ. איך האָב זיך גוט איינגעהערט. פּלוצלינג אָבער האָט ער אָנגעהויבען שווייגען, און פאָרט האָט זיין שווייגען געמאַכט אַ גערודער. זיין שווייגען האָט געהילכט. זיין שווייגען האָט געשריען. אַזוי שווייגט אַ קינסטלער.

שפּעטער האָט ער זיך נוקם געווען פאַר זיין שווייגען און האָט אָנגעהויבען ריידען. ער האָט גערעדט אין איין אָטהעם און אָהן אַנ׳אויפהער. איך האָב אויפגעהערט איהם צו פערשטעהן און האָב אָנגעהויבען מורא צו קריגען פאַר איהם. ער האָט זיך אַריינגערעדט אין אַ מין התלהבות – און פאָרט האָט מען געקאָנט וויסען פאָראויס יעדעס וואָרט, וועלכעס וועט קומען. ער האָט עפּעס אַזוי געמאַכט, אַז עס זאָל זיין, ווי עס וואָלט אַרויסריידען פון איהם. די נבואה איז איהם אָנגעפאַלען. אַרום איהם איז געוואָרען ווי אַ נעבעל – –

קומענדיג מיט איהם צוריק אַהיים צו אונז האָט ער אַליין נאָך גערעדט. די דאַמען זענען געזעסען און האָבען פערשלונגען יעדעס וואָרט. זייערע אויגען האָבען געגליהט. דער קינסטלער האָט אָנגעהויבען זיך צו בענוצען מיט שטאַרקע אויסדריקען.

ווען די טויטע וואָלטען קענען רעדען...

אויך אַ מעשה.

דער טויט, זאָגט איהר, איז שרעקליך? איז ביטער? איז פינסטער? דאָס לעבען, זאָגט איהר, איז ליעב? איז זיס? איז ליכטיג? דער אריבערפאָהר פונ'ם לעבען אינ'ם טויט, זאָגט איהר, איז אַ זאַך, וואָס ביים געדאַנק אַליין שוין שטעלען זיך איינעם די האָר קאַפּויר? — ניין קינדערלעך, אַ נאַרישקייט, זאָג איך אייך, אַ נאַרישקייט! ווען די טויטע וואָלטען קענען רעדען, ווער ווייס אויב זיי וואָלטען אונז נישט זאָגען וואָרט פאַר וואָרט דעם היפך!...

איך האָב אָנגעקוקט דעם אַלטען, וועהרענד ער האָט צו אונז גערעדט. דער שטערען איז ביי איהם געוועזען אַ זעהר הויכער און אין דעת הויך פוןביידע שלעפען איז די הויט געוועזען אונגעוועהנליך ווייס. צווישען די אויגען איז געגאַנגען אַ קנייטש טיעף און געקרומט ביז אין די נאָז־וואָרצעל אַריין. פון קינדווייז־אויף האָב איך דעם אַלטעטשקען ליעב געהאַט.

נור זיבעציג יאָהר — רעדט ער צו אונז ווייטער — לעבען מיר. אָבער זעהט איהר: צעהנדליגגער מיליאָנען יאָהרען זענען איבער אונז אַוועק געגאַנגען איידער מיר האָבען געלעבט, און צעהנדליגגער מיליאָנען יאָהרען געהען איבער אונז אַוועק דאַן ווען מיר ליגען ווידער טויט. לעבען איז אַלזוי נור אַ קלייניטשיק ברוכטיילעכעל פון אונזער זיין, וועהרענד דער גרעסערער טייל איז דאָס נישט־לעבען. ובכן: דאָס וואָס איז קליין און ווינציג איז נור די נעבען־זאַך, דער תפל,

דאגעגען איז זעלבסטפערשטענדליך, אז דער גרויסער טייל איז די הויפט־זאך, דער עיקר. די זיבעציג יעהרעליך פונ'ם לעבען זענען אלזוי נור דאס צופעליגע, דאס נישט־נארמאלע, די אויסנאהם, ווערהרענד די מיליאנען יאהרען פונם נישט־לעבען זענען דאס נאטירליכע, די נארם, דאס בעשטענדיגע... נישט־לעבען איז אונזער נארמאלער צושטאנד פון אייביגקייט ביז אייביגקייט, אהן אנהויב און אהן סוף, און נור אין דער מיט קומט־פאר עפעס א קלייניגע הפסקה אויף א ווייַלע, איין אונטערברעכונג אויף קארגע זיבעציג מינוטען, אדער ווי מען רופט עס „יאהרען", אום דאן באלד ווידער זיך אומצוקעהרען צו דעם נארמאלען צושטאנד פון דעם נישט־זיין, פון דעם אייביגען נישט־זיין...

איך האב איהם שטארק אנגעקוקט.

און ווי איך בין אוועק דאן אליין ביי נאכט אהיים, האבען אין מיר געררוישט און געארבייט די ווערטער: ווען די טויטע וואלטען קענען רעדען. איך האב וועגען עפעס געטראכט און געטראכט, און וועגען וואס — האב איך נישט געוואוסט. טיעף אונטער דער שוועל פון מיין בעוואוסטזיין — ווי די פילאזאפען זאגען — האט אין מיין מוח עפעס געגראבעלט, און איך האב עס נישט געקענט דערטאפען. ווי אומגליקליך איך בין און ווי עלענד און דערשלאגען, ווי מאט איך בין און ווי מיעד. אך, איז פאסקודנע דאס גאנצע ביסעל לעבען! נאריר כ'לעבען א גראשען פאר'ן גאנצען! און דא פיהל איך מיך אזוי אבגעמאטערט... יא, עס איז אינם גאנצען לעבען גאר קיין „יעצט" נישט פארהאנען; עס איז אלץ אדער א פערגאנגענהייט אדער א צוקונפט. אין דער גראמאטיק פונם לעבען פעהלט די געגענווארטס־צייט. און דא זענען מיר די פיס שווער, די הענד שווער און אלע חושים ווי בליי... א שען ביסעל לויהנט זיך דאס דער גאנצער טאראראם און דאס גאנצע רעשען פון דער פריה ביז אין דער נאכט און פון דער נאכט ביז אין דער פריה. און איך גע אין חלום, גע און חלום אזוי שווער, אזוי שווער. פון וואנען

קומסט דאָ, אומגליקליכער טראָפּען, דו? פון דער אייביגער רוה! און וואו אהין געהסט דו? אין די אייביגע רוה אַריין, אין די רוה, וואס הערט קיינמאָל נישט אויף...

און אויסגעגאָסען ליעגט ארום מיר די ריינע בלויע טיעפע נאַכט, און דער בלויער גלאַנץ רוהט דורכזיכטיג ווי א טהוי אויף די ליידיגע שטילע גאַסען, אויף דעם שטילען פערחלומטען מאַרק, אויף דער גראָה-וויסער ברונע אינ'ם עק פון מאַרק און אויף די טרעפּלעך פון דער 'שול. עס הערט זיך פון דער נאַכט אַרויס א מין רוישען — און איך ווייס נישט, וועד דער רוישער איז. איך הער מיינע טריט: איינס-צוויי, איינס-צוויי — אדער איז עס דאס קלאַפּען פון מיין האַרץ? און די שאָטענס שוועבען איבער די הייזער, און מיין אייגענער שאָטען, א העלפט פון דער זייט און א העלפט אויף דער ערד, קריעכט נעבען מיר פון מיינע פיס אַרוים און איז פיעל גרעסער פון מיר אין גאַנצען. פלוצלינג הער איך ווערטער רעדען. קלאָר און דייטליך האָב איך געהערט וואָרט פאַר וואָרט: „ווען די טויטע וואָלטען קענען רעדען”. האָב איך מיך אַליין אַרויסגערעדט די דאָזיגע ווערטער?

און די ווערטער ווערען אַלץ מעהר און מעהר. נישט אַנדערש: די טויטע האָבען דאס אָנגעהויבען קענען רעדען.

און איך חלום און געה...

אויף די טרעפּלעך פון דער שול שטעהען דריי געשטאַלטען: א באַציאַן מיט די הויכע פיס און דעם לאַנגען רויטען שנאָבעל; נעבען איהם א שווארצער מיט טויזענד אויגען, און נעבען דעם שוואַרצען א ווייסע ליכט-געשטאַלט מיט טויזענד שטראַהלען.

„איך”, זאָגט דער באַציאַן, „בין א קונדס און האָב ליעב דעם שטיף, געה איך פאַרביי פאַר א טייך און דערמאָן זיך, אַז דאָרט זענען פערהאַנען נשמות פון נאָך נישט געבוירענע קינדער.

וועלכע שלאפען נאך אין דעם שויס פון דעם גרויסען גאר-נישט און האבען תענוג פון זייער נישט-זיין, דא שטעק איך אריין מיין שנאבעל פלוצלינג אינ׳ם וואסער און חאפ ארויס אזא נישט-געבוירענס און דערלאנג עס א ווארף אינ׳ם לעבען אריין און עס הויבט אן זאפארט צו לעבען. איך בין, ווי איהר ווייסט, דער באציאן, וועלכער ברענגט די קינדער אויף די וועלט. אך, ווען איהר וואלט זעהען, ווי דאס צאפעלט און וועהרט זיך מיט הענד און מיט פיס געגען דאס לעבען, אין וועלכעס מען צווינגט עס אריין איבער געוואלט, און ווי דאס וויינט און קלאגט! און איך וויש מיר אב דעם שנאבעל, ווי נישט מיך מיינט מען עס, און זאג מיר: א שענע ריינע כפרה״...

„און איך״, ענטפערט דער שווארצער מיט די אויגען, „איך מאך עס נאך טויזענדמאל שלעכטער פון דיר. די לעבעדיגע נעם איך, די דאזיגע וועלכע זענען ווי-עס-איז שוין אינ׳ם לעבען, און טייט זיי און פיהר זיי אוועק פון דער וועלט. איך בין, ווי איהר ווייסט, דער מלאך־המות. אך, ווען איהר וואלט זעהען, ווי דאס צאפעלט און ווי דאס ווערט זיך מיט לייב און לעבען קעגען דעם טויט און ווי דאס ענדערט די צורה און דאס גאנצע אויסזעהען ביי מיין אנקומען און ווי אלע ארום-און-ארום וויינען און קלאגען און ברעכען זיך די הענד! איך שטעה און לאך און אלע מיינע טויזענד אויגען לייכטען פאר תענוג״...

„עט״, זאגט דער דריטער, דער מיט די טויזענד שטראהלען. „אייערע ביידענס שלעכטיגקייט איז אזוי גרויס ווי א טראפען, ווען איך זאל זי פערגלייכען מיט מיינער. איהר מעגט זיך אלע ביי מיר ערשט אנדינגען. איך בין, ווי איהר ווייסט, גבריאל, דער מלאך פון תחית-המתים. צו די, וועלכע האבען אלעס שוין אבגעפטערט און זענען גאט-זיי-דאנקען שוין געשטארבען, קום איך, און זיי נעם איך און מאך זיי ווידער לעבעדיג. איהר מוזט מיר אליין מודה זיין, אז דאס שפיצעל, וואס איך טהו אב, איז פון אייערע ביידענס צוזאמען דאס גרעסערע. פון נאטור-

בין איך אַ בעשעפעניש , וועלכעס האָט אַ הנאה דערפון , ווען יענער קרענקט זיך"...

דער באַציאַן האָט אויפגעריסען זיין לאַנגען שנאָבעל און האָט זיך פערוואונדערט ; דער מלאך־המות האָט אויסגעגלאָצט זיינע טויזענד אויגען און האָט געשטוינט .

און גבריאל האָט ווייטער גערעדט : יעצט, ווען איך האָב אַזאַ גוטע געלעגענהייט, וויל איך אייך אויפמערקזאַם מאַכען אויף אַ געוואַלדיגען טעות, וועלכער איז זעהר פערברייט . געוועהנטליך מיינען אַלע, אַז תחית־המתים איז אַ זאַך, וועלכע וועט אין אַ געוויסע צייט מיט איין מאָל געשעהען, אַזוי אַז אין אַ בעשטימטען טאָג וועלען אַלע טויטע גלייכצייטיג אויפשטעהען און וועלען אַרויס פון די קברים ; דאָס נאַטירליך איז אַ טעות . תחית־המתים געשעהט נישט מיט אַ מאָל, נור איינציגוויי, און נישט אין אַ געוויסער בעשטימטער צייט, נור טאָג־טעגליך, און נישט ערשט אין דער צוקונפט, נור פון אייביג אָן איז עס געשעהען און עס געשעהט איצטער יעדען טאָג און וועט אַזוי געשעהען אויך אין דער צוקונפט טאָג־טעגליך . יעדען טאָג ווערען דורך מיר אַ געוויסע צאָהל פון די מתים אויפגעוועקט און זיי ווערען ווידער לעבעדיג — און נור די פאָרם ענדערט זיך . די מאַשין איז אַ מין ראָד, וועלכעס דרעהט זיך אָהן אויפהער : איינער פון די לעבעדיגע שטאַרבט , און איינער פון די טויטע שטעהט־אויף . עס איז דאָס געזעץ פון דעם אייביגען אויסטויש...

דער באַציאַן האָט פונאַנדער געשפּאַרט זיין שנאָבעל און זיך געשטעלט אויף איין פוס פאַר פערוואונדערונג ; דער מלאך המות האָט ווייט אויפגעריסען אַלע זיינע אויגען און האָט געשטוינט און געשטוינט .

— יענע וועלט איז אַ גרויסע, אונענדליך גרויסע וועלט, און אין איהר ליגען די טויטע, רוהיג און צופריעדען, געניסענדיג די גרויסע אונענדליכע רוה . די רוה איז דער תכלית פון אַלע תכליתים . וויסען מוזט איהר אָבער , אַז די טויטע האָבען ליעב

דעם טויט מיט זייער גאַנצער נשמה, זיי זענען צוגעבונדען צו איהם מיט דעם גאַנצען האַרצען, און נישט פערבייטען וועלען זיי איהם פאַר קיין שום אוצרות פון ביידע וועלטען — איהר קענט דאָך מסתם איין עהנליכע ערשיינונג ביי די לעבעדיגע, און ווי די דאָזיגע לעבעדיגע האָבען ליעב דאָס לעבען?... נור איין זאַך איז פערהאַנען ביי די טויטע, וועלכע פערביטערט זיי אַ ביסעל דעם טויט: די אייביגע מורא פאַר תחית־המתים — איהר קענט דאָך מסתם איין עהנליכע ערשיינונג ביי די לעבעדיגע, און ווי די דאָזיגע לעבעדיגע שרעקען זיך תמיד פאַר'ן טויט?... ווען נישט די דאָזיגע מורא דאָרט ביי די טויטע, און ווען נור זיי וואָלטען ביי זיך וויסען, אַז זיי קענען אייביג טויט זיין און וועלען קיינמאָל מעהר נישט דאַרפען אויפשטעהן, וואָלטען זיי זיין גליקליך ביז גאָר. די זעלבע ראָלע, וועלכע דער מלאך־המות שפּיעלט ביי די לעבעדיגע, שפּיעלט איך ביי די טויטע, דער מלאך־המות געהט! דער תחית־המתים=מלאך געהט! קלאָגען דאָ די טויטע און פלאַטערן מיט אַלע זייערע שס"ה גידים. די מוטער אויף יענער וועלט היט=אָב איהר קינד ווי איין אויג אין קאָפּ, אַז עס זאָל נור נישט לעבעדיג ווערען, און דער מאַן, וועלכער האָט ליעב זיין ווייב, היט זי אָב ווי איין אוצר, אום דער פאָדים פון איהר טויט זאָל זיך נור נישט איבער רייסען. זעלבסטפערשטענדליך זענען אויך דאָרט פאַרהאַן פילאָזאָפען, וועלכע בעמיהען זיך דורך פערשידענע חקירות צו פערזיסען אַ ביסעל דאָס לעבען און דאָס לעבעדיג=ווערען, אום עס זאָל נישט פאָרקומען איינעם אַזוי שרעקליך, און אַזוי זענען אויך פאַרהאַן פערשידענע לצים און וואויהלע יונגען, וועלכע שטרענגען זיך אָן דורך לצנות און דורך גלייכווערטלעך, אָבצולאַכען פונם לעבעדיג=ווערען, כדי דעם עולם אַ ביסעל צוצוגעוואויהנען צו דעם שרעקליכען געדאַנקען. אָבער דאָס אַלעס נאַטירליך העלפט נישט אינם טאָג פון צאָרן — דער טאָג ווען דאָס לעבעדיג=ווערען קומט=אָן.

... און פיעלע פון די ערשיינונגען און געשעהענישען און

מעשות, וועלכע איהר זעהט און געפינט אָפט ביי די לעבעדיגע וואָס לעבען דאָ אויף דער ערד, זעהט און געפינט איהר אויך דאָרט ביי די טויטע אויף יענער וועלט. אין דעם שוים פונ׳ם טויט ליעגען זיך די טויטע, רוהיג און צופריעדען, גענינעסענדיג אלדעם גוטס, פלוצלינג: דאָס אומגליק איז פאַרטיג: הינד שפיעלען זיך, דער תחית-המתים-מלאך איז דאָ אין דער שטאָדט! עפּעס האָט זיך איינער אַ טויטער געריהרט דאָרט פון זיין אָרט און האָט בעוועגט מיט אַ האַנד אָדער אַ פוס. אַלע קרובים און בעקאַנטע האַלטען אין איין ברעכען זיך די הענד: אוי, איין אומגליק איז געשעהען! אוי, ער געהט לעבעדיג ווערען! אוי, נור איין שפּריי איז נאָך צווישען איהם און דעם לעבען! און דאָ אַרבייטען זיי מעשים און ווענדען-אָן כל המיני מיטלען, אום דעם טויטען צו דערהאַלטען ביים טויט, און ברענגען אַראָב דאָקטוירים און אָבּ-שפּרעכער און געבען רפואות און קמיעות און זאַלבען און סגולות, און עס מאַכט זיך אָפט, אַז עס גילט זיי טאַקי אָב דעם טויטען אָבצוראַטעווען און איהם צוריק אַוועקצולעגען טויט. טיילמאָל אָבער איז דער גזר דין שוין אַ פאַרטיגער, און עס העלפט דאַן קיין שום מיטעל נישט מעהר: דער טויטער שטעהט-אויף און ווערט לעבעדיג. ביים לעבעדיג-ווערען קומען די קלאָג-פרויען און די מליצה-שרייבער און האַלטען איהם דעם הספד: אוי, דו אומדערבאַרעמדיגעם לעבען! אוי, דו לעבען, דער רוצח! ווי האָסט דו איבערגעריסען ווי אַ וועבער דעם פאָדים פונ׳ם טויט? ווי איז אויפגעשטיגען דער שניידער און האָט געשניטען און האָט נישט געהאַט קיין דערבאַרמען? — דער נוסח מוז אייך אודאי בעקאַנט זיין!

... זעלבסטפערשטענדליך זענען אויך דאָרט די רייכע ביז צו אַ געוויסער מאָס אין אַ בעסערע לאַגע ווי די אָרעמע. די רייכע האָבען וועניגסטענס די מיטלען אין דער האַנד, זיך אויסצוהיטען, ווי ווייט מעגליך, פון לעבען און פון די אַלע צרות און פורעניות, וועלכע ברענגען צום לעבען: זיי היטען זיך ראשית פאַר איין

ערוואַרמונג — ביי די לעבעדיגע רופט מען די דאָזיגע קראַנקהייט „ערקעלטונג” — זיי זיצען כסדר אין די צפון-לענדער, פאָהרען אין די היצען אַוועק אין אַ זעלכע ערטער ווי סיביר אָדער לאַפּלאַנד, האַלטען זיך דאָקטוירים און פּראָפעסאָרען און פאָהרען ביי יעדער קלייניגקייט אַוועק אין די קאַלט-בעדער, אָדער זיי ערלויבען זיך אָפּט מיט דעם לוקסוס פון פאַסטען אַ טאָג לאַנג, פערקעהרט פון די אָרעמע, וואָס זיי נעבּיך האָבען די פליכט יעדען טאָג אָהן איין אויסנאַהם צו מוזען זיך זאַט אָנעסען — איהר ווייסט דאָך מן הסתם דאָס אַלעס.

... נאַטירליך איז דאָס אַלעס נור דאַן, ווען די יאָהרען זענען שנים כסדרן, נאָרמאַלע יאָהרען. עס מאַכט זיך אָבער אויך יאָהרען, וועלכע זענען נישט נאָרמאַל, און דאַן ווערען לעבעדיג נישט נור איינצעלנע נפשות, נישט יחידים, נור גאַנצע שטעדט און קהלות קעהרען זיך אום צום לעבען. עס מאַכט זיך למשל, אַז עס הייבט אָן אומצוגעהן אַ תחית-המתים-מגפה, רחמנא-ליצלן אַ מין תחית-המתים-כאָלערא אָדער אַ תחית-המתים-דזשומאַ, און דאַן קומט פאָר, אַז צעהנדליגגער מתים חאַפּען זיך אויף צו תחית-המתים מיט אַמאָל יעדען טאָג, און אין עטליכע טעג אַרום ווערען רחמנא ליצלן אויסגעלעבט גאַנצע מחנות ביז אויף איינעם. נאַטירליך אַרבייט דאַן די פּאָליציי און די סאַניטערע געזעלשאַפט פון דער פריה ביז אין דער נאַכט מיט זייער גאַנצער קראַפט, אום דאָס אומגליק ווי ווייט מעגליך אָבצוהאַלטען: זיי לאָזען מיסט אָנפיהרען אין יעדע ווינקעלע, זיי לאָזען אויסשמירען די רינשטאָקען מיט פערשידענעם שמוץ אָדער זיי לאָזען מיט אַבזיכט ענטשטעהן גאַנצע קולטורעס מיט באַצילען, כדי דאָס לעבען נישט אויפקומען צו לאָזען.

... אָדער עס מאַכט זיך אַמאָל צווישען די טויטע אויך עפּעס אַ פערברעכער, למשל אַ רוצח, וועלכער האָט אַ מענשען מיט אַבזיכט לעבעדיג געמאַכט, דאָ קומען די ריכטער צו געהן און פעראורטיילען איהם צום לעבען. נאַטירליך זוכט זיך דער

פערברעכער אדוואקאטען פאר די פערשידענע אינסטאנציעס, וועלכע בעמיהען זיך פאר'ן געריכט דעם שולדיגען ווי וויים מעגליך צו פערטיידיגען, אזוי אז אנשטאט לעבען זאל מען איהם פערגרינגערן די שטראף אויף אייביג פערשיקט זיין, דאדורך וואס מען וועט איהם פערשיקען אויף טויט-לענגליך אין איינעם פון די ווארעמע לענדער; צום גרעסטען טייל אבער גילט זיי נישט אב, און דער פערברעכער ווערט פעראורטיילט צום לעבען. נאטירליך האבען שוין פיעל פון די נייע געארבייט מעשים אום אין אזא פרייען לאנד, ווי דער טויט, אבצושאפען געגענצליך די לעבענס-שטראף, וועלכע איז, ווי זיי זאגען, נור איין איבערגעבליבענער רעכט פון א בארבארישער צייט, אבער ווי עס הערט זיך איז אלעס געבליבען ביים אלטען.

... אדער פונקט אזוי ווי ביי די לעבעדיגע, וואס איינער נעמט זיך אמאל אליין דאס לעבען, מאכט זיך ביי די טויטע, אז איינער נעמט זיך אליין דעם טויט און צערייסט מיט דער אייגענער האנד דעם פאדים פון זיין שטארבען. אמאל מאכט עס זיך, וויל עס ווערט איינעם איבערדריסיג דער טויט, און אמאל — וויל דער טויט האט פאר צופיעל לייריג-געהען פערלוירען דעם ווערט אין זיינע אויגען. למשל טרעפט עס זיך, אז א בחור מיט א מעדעל שפיעלען א ליבע, און די עלטערען אדער די קרובים דערלאזען נישט, חאפען זיך די ביידע יונגע לייט אויף, נעהמען א רעוואלווער, לאדען איהם אן מיט לעבענס-הויך און שיסען זיך דעם לעבענס-הויך אריין גלייך אין די מיילער, און אין א מינוט ארום לעבען זיי שוין ביידע...

דער באציאן האט פערביסען דעם אויפגעריסענעם שנאבעל און האט זיך פערטראכט, און דער מלאך-המות האט די טויזענד אויגען האלב צוגעדריקט און האט זיך טיעף פערקלערט.

און גבריאל איז געשטאנען און האט איראניש געשמייכעלט.

דאָס לעבען, זאָגט איהר, איז ליעב און זיס און ליכטיג? — האָט דער אַלטער צו אונז גערעדט — דער טויט, זאָגט איהר, איז שרעקליך און ביטער און פינסטער? ווער ווייס! ווען די טויטע וואָלטען קענען רעדען, וואָלטען זיי אונז זאָגען אפשר דעם היפך...

און איך האָב מיט אַמאָל אָנגעהויבען צו פערשטעהען.

רֶב מֵאִיר בַּעַל־נֵס פּוּשְׁקֶע .

(ערצעהלונג) .

זאָקען פֿרעג איך טראָגען יאָהרען־לאַנג פֿון רחל־לאָה'ס אַרבייט . דאָס גאַנצע געסיל פֿלעגט קויפען זיינע זאָקען ביי רחל־לאָה'ן . דאָס האָט זיך גערעכענט פֿאַר אַ שטיקעל מצוה : אַ אידינע , איין אַלטע , אַ כשרה פֿרומע אידינע , און דאַצו איין אַלמנה . דער מאַן איז געווען אַ גרויסער בן־תורה , אַ ירא־שמים און אָנגעזעהען זעהר און זעהר . איין אַנדער שטיקעל פּרנסה האָט די אַלמנה נישט געהאַט . זאָקען איז געווען די לעצטע פּראָבע וואָס זי האָט געמאַכט אַ שטיקעל ברויט צו פֿערדינען .

זינט דער מאַן איז געשטאָרבען ביז היינט האָט זי שוין געמאַכט אַ רעכט ביסעל פּראָבען ; אָנגעהויבען האָט זי גרויס , און געענדיגט קליין . באַלד ווי דער מאַן איז געשטאָרבען און זיין שטאַרבען האָט אַ רושם אָנגעמאַכט , האָט קהל צונויפֿגענומען פֿאַר איהרעטוועגען אַ ביסעל געלד און האָט איהר געקויפֿט אַ וואָגען שטיינקויהלען , זי זאָל דערמיט האַנדלען . די ערשטע צייט האָט יעדער זיך געהאַלטען פֿאַר אַ שטיקעל פֿליכט , צו קויפֿען שטיינקויהלען דוקא ביי דער „אַלמנה” , און זי האָט דאַפֿון גע־האַט אַ שטיקעל ברויט . זי אָבער האָט געוואַרט נישט נור אויף אַ שטיקעל ברויט , נאָר אויך אויף אַ צייט , אַז זי זאָל האָבען אָנגעקליבען עטליכע רובל , כדי צו האָבען אויף הוצאות קיין ארץ ישראל . נאַטירליך איז דאַפֿון נאָר נישט געוואָרען . מיט דער צייט האָט דער עולם געהאַט פֿערגעסען זיין פֿליכט און די אַלמנ'ה פּרנסה און די אַלמנה אין גאַנצען . דער ווינטער איז

געווען א לייכטער, און דער עולם ווי ווייט ער האט נאר געקענט, האט ער זיך אוועקגענארט פון שטיינקויהלען. אזוי איז געקומען א מאל א שענער פריהמארגען, און די אלמנה האט פלוצלינג געזעהען, אז זי האט נישט קיין שטיינקויהלען און נישט קיין געלד. דא האט זי צונויפגענומען דאס לעצטע ביסעל כחות און האט געמאכט א נייע פראבע — א שטאפעל נידריגער פון דער ערשטער. זי האט זיך געשאפט א ביסעל לאטעריע־לאזען, ברוינשווייגער און זאקסישע, און האט זי פאנאנדער געטיילט צווישען בעקאנטע. אנפאנגס איז אויך דאס געווען א געשעפט, אבער נישט אויף לאנג. לאטעריע־לאזען קויפען איז נישט קיין פליכט, און די צייטען זענען שלעכטע געווען. ביים סוף האט זי קאסע געמאכט און האט געזעהען, אז עס איז נישט דא נישט קיין סחורה, נישט קיין געלד. דא האט זי צוזאמענגעקראצט די לעצטע פאר רובל און איז אראב נאך א שטאפעל נידריגער. זי האט איינגעקויפט עטליכע פונט טהע און צוקער, און האט די דאזיגע לעבענסמיטעל אנגעהויבען אריינטראגען אין די רייכע הייזער. צוויי דריי מאל האט מען גענומען ביי איהר, און דאן האט מען אויפגעהערט. די דאזיגע אלמנה האט אויפגעהערט צו זיין א „נייעס". אזוי איז זי אראב נאך א שטאפעל נידריגער. איהר פנים האט איהר געפלאמט פאר בושה, זי האט געזיפצט, אבער באין ברירה האט זי זיך געקויפט א טונדעל הערינג און איז דאמיט געגאנגען אין די הייזער. די ערשטע טעג האט זי זיך געשעמט, זיך אויף די גאס צו ווייזען מיט דעם טונדעל אין דער האנד, אבער ביסלעכווייז האט זי איינגעזעהען, אז קיינער קוקט גאר נישט אויף איהר און די זון שיינט ווייטער ווי אלעמאל. אזוי האט זי איינגעקויפט און פערקויפט, א מאל נאך א מאל — ביז זי האט זיך ארומגעזעהען ביים סוף, אז זי האט קיין געלד נישט מעהר אויף איינצוקויפען א נייע טונדעל. דא ערשט איז זי אנגעקומען ביז צו דער לעצטער מדרגה: זי האט פאר די לעצטע עטליכע גילדען זיך איינגעקויפט א ביסעל שטריק־וואל און האט אנגעהויבען אר־

בײטען זאַקען. דאָס געסעל האָט געפּלעגט איהר אָבצוקויפען די זאַקען — און אויך מײנע זאַקען זענען יאָהרענלאַנג געװען פון רחל-לאָה׳ס אַרבײט. אָבער דאָס גליק בעשטעהט נישט אײביג. אָט זענען צוגעקומען אין דער שטאָדט נײע אַלמנות, נײע בכבוד׳ע פרויען, און דער עולם האָט זיך געפונען געװיטיגט נײע מצות און חסדים טובים מיט נײע נויטבעדערפטיגע צו טהון. אויך די זאַקען װעלכע איך טראָג אַצונד, זענען נישט מעהר רחל-לאָה׳ס אַרבײט. ביסלעכװײז האָט מען פערגעסען אָהן איהר, און קײנער האָט נישט מעהר איהר נאָמען דערמאָנט. רחל-לאָה איז אַראָב פון דער סצענע. מען זעהט זי נישט מעהר אין גאַס, און קײנער װײסט נישט מעהר פון איהר פאַרהאַן-זײן. האָט זי עטליכע קאָ-פעקעס אויף װאָל קויפען, קויפט זי און מאַכט אַ פּאָר זאָקען און טראָגט זײ אַרײן צו דעם אָדער צו יענעם, און טײלמאָלס, װען ס׳איז גראָד קײן אַנדערע נישט געקומען פאַר איהר, װערען איהר אַזאַ פּאָר זאָקען אָבגעקויפט. על פּי רוב הונגערט זי, און אָפט טײלט איהר דער הונגער אוים גרויסע צרות — און קײנער װײסט נישט דאַפון. װײסט עמיצער, װיפיעל חיות עס בלאָנזשען אַרום אין דעם װאַלד און זוכען אַ ביסען? װיפיעל פיש עס שװי-מען אין װאַסער און זוכען עפּעס צו פרעסען? װעמען געהט אַ זעלכעס אָן? רחל-לאָה איז פערשװאונדען געװאָרען און קײנער האָט מעהר זי נישט געזעהען. אפשר איז זי גאָר געשטאָרבען און קײנער װײסט עס נישט.

נאַטירליך איז רחל-לאָה נישט געװען געשטאָרבען. בײ אײן אָרימען שנײדער אין דער פאָרשטאָדט האָט זי זיך געהאַט אײנגעדונגען פאַר עטליכע קאָפּעקעס אויף אַ שלאָף-שטעל. דאָרט האָט זי געאַרבײט אַ זאָק, װען זי האָט געהאַט אויף װאָל קויפען, און דאָרט האָט זי געהונגערט, װען זי האָט נישט געהאַט. טײלמאָלס האָט דער שנײדער אויף איהר רחמנות געהאַט און האָט איהר דערלאַנגט עפּעס צו עסען, װען זי האָט קײן אַרבײט נישט געהאַט; טײלמאָלס אָבער האָט ער נישט געהאַט קײן רחמנות,

און זי האָט זיך געלעגט אָהן עסען. טײַלמאָלם האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַז ווען אַ מענש איז הונגריג און לעגט זיך שלאָפען, פערגעסט ער דעם הונגער און שלאָפט אײַן; טײַלמאָלמאָלם אָבער האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַז ווען אַ מענש לעגט זיך הונגריג שלאָפען, לאָזט איהם דער הונגער נישט ענטשלאָפען ווערען, און ווערט ער אַ ביסעל ענטשלאָפען, וועקט איהם דער הונגער אָפט איבער, אָבער פון געוואָהנהײַט און באין ברירה האָט זי זיך געהאַלטען בײַ דעם ערשטען נוסח. סוף סוף האַלט זי דאָך די אויגען פערמאַכט און איהר דאַכט זיך, אַז זי שלאָפט. אמת, די קישקעס וואָרטשען גאַנץ הויך און לאָזען איהר נישט קײַן רוה — אָבער דאָס מוז אַוודאי זײַן פון עלטער-שוועכע.

און טײַלמאָלם, ווען זי פלעגט גראָד האָבען עפּעס אַרבײַט און פלעגט בעצאָהלען דעם שנײַדער פאַר די דירה און קויפען פאַר זיך אַ ברויטיל און אַ טעפּעל קאַרטאָפעל, פלעגט זי נאָך אַלץ טראַכטען וועגען איהר אַלטען פּלאַן: אַז גאָט וועט איהר העלפען און זי וועט האָבען אַ ביסעל אויף הוצאות, וועט זי אַרויספאָהרען קײַן ארץ-ישראל. טײַלמאָלם האָט זי געפלעגט פון איהרע עטליכענע געצעהלטע גראָשענס אויך אויף צדקה אַראָב-צוגעבען — אַרײַנגעוואָרפען אַ קאָפּעקע אין די פושקע פון ר׳ מאיר בעל-נס. בײַ דער טהיר נעבען דער מזוזה איז געהאַנגען אַ קלײַן בלעכערן פושקעלע מיט אַ שפּאַלט אויבען, און אָנגעשריבען דאַ-רויף מיט געכתיבה׳טע אותיות: „קופּת ר׳ מאיר בעל-הנס“, און אין דעם דאָזיגען שפּאַלט האָט זי געפלעגט אַרײַנוואַרפען אַ מאָל אַ קאָפּעקע. אָבער לאַנג שוין האָט זי דאָרט נישט אַרײַנגעוואָרפען. לאַנג שוין, ווי איהר מוח בעשעפטיגט זיך מיט דער חקירה וועגען דעם שלאָף, אַז דער שלאָף קען אַ מאָל דעם הונגער אײַנשטילען ווען דער מענש ווערט ענטשלאָפען.

און זי געהט צו די שכנים און צו די וועלכע וואויהנען אין די נעכסטע הײַזער און בעט אַ גמילות חסד.

און זי אַרבײַט נײַע זאַקען און זי קויפט זיך ברויט.

און דאַן געהען ווידער אַוועק גאַנצע טעג, און זי אַרבײַט נישט קײַן נײַע זאַקען און קויפט זיך נישט קײַן ברויט.

און געפינען געפינט זי, אַז זי טראַכט עפּעס צו פיל וועגען דער פושקע, וואָס הענגט אויף דער וואַנד. וואָס זי טראַכט ווייסט זי נישט, נור אַז זי כאַפּט זיך אויף פּלוצלינג בײַם טראַכטען, געפינט זי, אַז זי האָט געטראַכט וועגען דער פושקע, איין אומבעשטימט, טונקעל געפיהל פּילט אוים איהר הארץ, איין אומרוהיגקײַט און אַ שרעק און אַ מאָדנע הארץ-קלאַפּען פאַלט אָן אויף איהר — און וואָס זי טראַכט, ווייסט זי נישט.

אָבער געלויבט איז גאָט! איינע פון די שכנות האָט איהר געליהען עטליכע קאָפּעקעס, און רחל-לאה האָט זיך געקויפט אַ קנויל בוימוואָל און האָט ווידער געאַרבײַט אַ פּאָר זאָקען. די אומרוהיגקײַט און דער שרעק און דאָס מאָדנע הארץ-קלאַפּען האָבען ווידער אויפגעהערט.

נאָך עטליכע טעג איז אָבער שוין ווידער געווען אַלעס בײַם אַלטען. די פושקע בעשעפטיגט איהר מוח — און זי ווייסט פּלוצלינג, וואָס זי טראַכט. די געדאַנקען האָבען אָנגעהויבען זיך קלאָר צו מאַכען.

די פושקע איז אַ פושקע פון ר׳ מאיר בעל-נס. ר׳ מאיר בעל-נס איז געווען אַ גרויסער הײליגער און פירכטערליכער מאַן. אין דער ערשטער שורה שטעהט גאָט ברוך-הוא אַליין; נאָך איהם שטעהט משה-רבנו; נאָך איהם קומט אברהם און יצחק און יעקב; נאָך זיי — די נביאים און אויך די נביאה׳טעס, די נשים צדקניות, מרים און דבורה; באַלד הינטער זיי קומט ר׳ מאיר בעל-נס. נײן, פאַר ר׳ מאיר בעל-נס קומט נאָך אליהו הנביא. אָבער אויך ר׳ מאיר בעל-נס האָט אַ גרויסע ווייסע באָרד. און אין דער פושקע ליגען אַ סך, אַ סך קאָפּעקעס. פאַר איין קאָפּעקע קען אַ מענש קויפען אַ זעמעל אָדער עטליכע קאַרטאָפלעס. קאַרטאָפלעס זענען אַ זעהר גוטע זאַך. דער הונגער איז אַ זעהר מאוס׳ע זאַך. אָבער ר׳ מאיר איז אַ גרויסער, פירכטערליכער מאַן.

ער ווײסט אלדינג און זעהט אלדינג. ווי וואוידהל איז איהר, אז זי האט קײן שום מאוסע געדאנקען נישט געהאט! אבער פארט פיהלט זי, אז איהר בלוט איז איהר פלוצלינג געקומען אין פנים ארײן, זי ווײסט נישט, פאר וואס און פאר ווען. זי נעמט דעם לײלאך איבערן קאפ און הילט זיך טיעף אײן אין איהם און פרובט אײנצושלאפען.

און טײלמאלם, אז דער הונגער זעצט איהר צו בײ נאכט צו שטארק, פאלט איהר אײן א נײ מיטעל. זי ווײסט, אז ערב יום כפור נאך דער סעודה מפסקת איז מען זיך נוהג צו טרינקען זיעבען שלוק וואסער. דאס, טראכט זי זיך, איז א ודאי א סגולה א זעלכע, נישט צו ווערען הונגריג בשעת דעם תענית. און דא שטעהט זי אויף פון איהר געלעגער און נעמט זיך זיעבען שלוק וואסער — און איהר דאכט זיך דאן, און זי גלויבט דארין, אז דער הונגער האט באמת אויפגעהערט.

טײלמאלם טהוט זי דאס זעלבע אויך בײ טאג, און טײלמאלם עטליכע מאל אין טאג, און דאן יעדע שעה, און דאן אײנמאל נאך דעם אנדערען מאל כסדר.

און ר' מאיר בעל=נס פושקע הענגט גראד ענטקעגען איהר און זי זעהט זי שטענדיג. און נישט זי — חלילה! — נור איהר מוח איז עס, וועלכער טראכט: די פושקע איז פול מיט קאפעקעס, און פאר אײן קאפעקע קען א מענש קויפען א זעמעל. די פושקע הענגט נעבען דער מזוזה און א רויטער זיגעל=לאק אויף צווײ דינע שפאגאטלעך האלט זי פערשלאסען.

זי פערמאכט די אויגען און דרעהט זיך אב צו אײן אנדערע זײט.

אבער די געשטאלט פון די פושקע יאגט זי נאך אויך דארט אהין. מעשה שטן! זי ענטלויפט פאר איהר, און יענע יאגט זי נאך. זי בעהאלט זיך פאר איהר, און יענע טאנצט איהר אלץ פאר די אויגען. אומעטום, אין יעדען ווינקעלע, וואו זי זאל זיך נישט קעהרען, הענגט איהר אלץ די פושקע פאר די

אויגען. מן הסתם, רבונו של עולם, מן הסתם קומט דאָך איהר דאָס פֿאַר איהרע גרויסע זינד, מן הסתם מוז זי אויך דעם נסיון אויסשטעהן! — אָבער דער עיקר איז דאָך, אַז זי אַליין ווייסט גאָר נישט, פֿאַר וואָס און פאַר ווען דאָס אַלעס איז און וואָס די פושקע וויל פון איהר האָבען.

אין די לעצטע אַכט טעג האָט די פושקע נישט אויפגעהערט איהר געהירען צו בעשעפֿטיגען.

די פושקע איז אַ קליינע ווינציגע כלי, אַ ווייס שטיקעל בלעך איז זי און דאָס דעקעל פון איהר איז אַזוי דין, אַז מיט אַ קליין מעסעריל קען אַ מענש עס אַוועקבייגען. און פאַר איין קאָפּיקע קען אַ מענש אַ גאַנצע זעמעל קריגען —

און פלוצלינג האָט זי געוואוסט און פֿערשטאַנען קלאָר פאַר וואָס און פאַר ווען דאָס אַלעס איז און וואָס די פושקע וויל פון איהר האָבען. איהר איז פינסטערע געוואָרען פאַר די אויגען, איהרע געדאַנקען האָבען זיך צומישט און איהר גאַנץ ביסעל בלוט איז איהר געשטיגען אין קאָפּ אַריין. פלוצלינג האָט זי געפיהלט ווי איהרע שלייפען פון ביידע זייטען האָבען אָנגעהויבען צו העמערען.

די גרויסער הייליגער גאָט! וואָס איז דאָ געשעהען מיט איהר? ווי ווייט ש״ין איז אַ אידישע טאָכטער געקומען? ווי קען אַ מענש נאָך קענען ווייטער לעבען? — און זי האָט געפיהלט ווי די טרעהרען קייקלען זיך איהר איבער די באַקען.

— פֿאַר וואָ סוויינט איהר? האָט דער שניידערה געפרעגט.

זי האָט נישט געענטפערט, און דער שניידער האָט איהר דערלאַנגט אַ שטיק ב רויט.

עטליכע טעג האָט די פושקע אויפגעהערט זי צו קוועלען, אָבער דאַן האָט זי אָנגעהויבען מיט טאָפּעלער קראַפט — און די קישקעס האָבען דערוויַיל געברומט און געוואָרטשעט, אַזש צום הערען, און דער הונגער האָט געבויערט ווי מיט איין עגבער.

אײנמאָל ביי טאָג האָט זי געהערט אַ נייעס, אַז אין דעם

קאַנטאָר פון „לאַנדוי עט קאָמפּ.” האָבען זיך אַרײַנגעבראָכען גנבים און האָבען אויפגעריסען די אײַזערנע קאַסע און האָבען געכאַפּט עטליכע טויזענד רובל – און זי האָט זיך פּלוצלינג געגעבען אַ כאַפּ און האָט אָנגעהויבען שווערען בײַ איהר לעבען און בײַ איהר מאַנ׳ס נשמה און בײַ גאָט, אַז זי איז נישט מיטגעווען צווישען די גנבים! – אַלע, וואָס האָבען געהערט, האָבען זיך צולאַכט. –

און אָוונד׳ס פון דעמזעלביגען טאָג, ווי זי איז אַלײן געבליבען אין דער שטוב, איז זי אויפגעשטאַנען און איז צוגעגאַנגען ביז אַהין וואו די פּושקע הענגט. וואָס עס האָט זיך געטהון דאַן מיט איהר, ווײסט זי נישט, נור מערקווירדיג, אַז געדענקען געדענקט זי דוקא טויזענד פערשידענע אײנצעלנע קלײניגקײטען, וואָס אײן אַנדער מאָל זענען זײ איהר גאָר נישט געקומען אין קאָפּ אַרײַן און זי האָט זײ קײנמאָל גאָר נישט בעמערקט. אָט למשל איז זי פּלוצלינג געוואָהר געוואָרען, אַז צווישען די בײדע פענסטער הענגט אַ שפּיגעל אין דער ברײט אויף דער וואַנד; עס איז איהר געווען אויפפאַלענדיג, אַז פון באַלקען הענגט אַראָב אַ פיער־רעהריגער מעשענער הענג־לײַכטער, בעפּוצט מיט רויטע און געלע שטיקלעך גלאַנץ־פּאַפּיער, מיט שוואַרצע פּינטעלעך פון פליעגען שמוץ. אויף איין בעט איז געלעגען אַ העל־בלויע – יאָ, אַ העל־בלויע – אָבגעבלאַקירטע קאָלדרע, און אויף דעם צווײטען בעט איז גאָר נישט געלעגען. די שטוב איז פיערקאַנטיג. די שטוב האָט פיער ווענט – יאָ, פיער. און צווישען די דאָזיגע פיער ווענט, דאַכט זיך איהר, איז עפּעס געגאַנגען אַ אידענע. זי האָט געהאַלטען אַ מעסער אין דער האַנד און איז דאַמיט צוגעקומען ביז צו דער פּושקע. זי האָט אַרײַנגעשטעקט דאָס מעסער צווישען דעם צודעקעל פון דער פּושקע און צווישען די פּושקע, און דאָס צודעקעל האָט זיך אַוועקגעבויגען. צווײ דרײַ דינע פינגער האָבען זיך אַרײַנגעשטופּט מיט גרויס מיה אין די פּושקע אַרײַן און האָבען פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט

עֶפּעֶם — דאַכט זיךְ, אַ מטבעֶ. אָבער נישט זי, נישט זי! חס וחלילה! נישט זי! ביי גאָט און ביי איהר לעֶבעֶן און ביי איהר מאַנ׳ס נשמה און ביי איהר חלק לעולם הבא קען זי דאַרויף שוועֶרעֶן: נישט זי, נישט זי, נאָר עֶפּעֶם איין אַנדערעֶ, אַ פרעֶמדעֶ פרוי האָט דאָס אַלעֶס געֶטהון.

און די דאָזיגעֶ אַנדעֶרעֶ, פרעֶמדעֶ פרוי איז געֶוועֶן הונגריג, זעֶהר זעֶהר הונגריג.

און איהר דאַכט זיך, אַז די דאָזיגעֶ פרוי איז געֶגאַנגעֶן — צועֶרשט האָט זי אויפגעֶהויבעֶן דעֶם רעֶכטעֶן און דאַן דעֶם לינקעֶן פוס — אָט אַזוי: איינס, צוויי — אָבער נישט זי, נישט זי! — און איז אַרוים פון שטוב און איז אַריין אין דעֶם נעֶכסטעֶן שפּייז־קרעֶמיל און האָט זיך געֶקויפט אַ זעֶמעֶלעֶ פאַר אַ קאָפּעֶקעֶ — אַ גרויסעֶ זעֶמעֶל קאָסט צוויי קאָפּעֶקעֶס.

דאַן האָט די זעֶלבּיגעֶ פרוי געֶוואַשעֶן זיך די העֶנד און האָט זיי אָבגעֶווישט מיט דעֶם לייַלעֶך און האָט געֶזאָגט: „שאו ידיכם קדש״, און האָט געֶנומעֶן אין די האַנד אַריין די זעֶמעֶל —

און פלוצלינג ווייסט זי און געֶדעֶנקט און פעֶרשטעֶהט, ווער עֶס איז געֶוועֶן די דאָזיגעֶ פרוי, וועֶלכעֶ האָט דאָס אַלעֶס געֶטהון.

און זי וואַרפט זיך אויפ׳ן בעֶט אַנגעֶטהונעֶרהייט און האַלט די זעֶמעֶל פעֶסט מיט ביידעֶ העֶנד.

מעֶן טאָר נישט מפסיק זיין! מעֶן טאָר נישט מפסיק זיין!

און אין שטוב געֶהט אַריין ר׳ מאיר בעל־נס מיט דער לאַנגער ווייסער באָרד, און אין דער האַנד האַלט ער אַ גליהעֶדיגעֶ אייזעֶרנעֶ רוט. און אין שטוב געֶהט אַריין איהר מאַן עליו־השלום, אַנגעֶטהון אין תכריכים און אין טלית. און אין שטוב געֶהט אַריין דער מלאך־המות מיט די טויזעֶנד אויגעֶן. און אין שטוב געֶהט אַריין דער שניידער — — —

מעֶן טאָר נישט מפסיק זיין, מעֶן טאָר נישט מפסיק זיין.
ס׳איז צווישעֶן נטילת ידים און דער המוציא...

און זי האלט די זעמעל מיט ביידע הענד ארומגענומען און דריקט זי מיט איהר גאנצען כח און פאהרט קיין ארץ-ישראל! דער וועג איז אזוי וויט. וואס מעהר זי פאהרט, ווערט ארץ-ישראל אלץ וויטער, זי איז שוין זעהר וויט פון דארטען, זי איז שוין זעהר וויט...

און איהרע געדאנקען האבען זיך צומישט, און זי וויסט גאר נישט מעהר, וואס עס טהוט זיך.

אין דער פריה האט מען זי געפונען אויף איהר געלעגער, און אין דער האנד די זעמעל, צו וועלכער איהרע ליפען האבען זיך נישט געהאט צוגעריהרט.

דאס ערשטעווארט, וואס זי האט געהערט, איז געוועזען: „גנבטע, ארויס פון מיין שטוב! ארויס בזו הרגע!"

ווי איך האָב זיך אַליין אַ „פּאָגראָם" געמאַכט.

איין עפּיזאָד פון'ם יאָהר 1881.

שלעכט זענען יענע צייטען געוועזען — דערצעהלט אונז זלמן דער מלמד — און דער מענש, וועלכער האָט געלעבט אין זיי, וועט זיי קיינמאָל נישט פערגעסען. מען ווערט גרייזגרוי און מען פערגעסט אַ זאָלכע זאַכען נישט מעהר; מען ווערט אַלט ווי מתושלח און עס מעקען זיך אַ זאָלכע סצענעס נישט מעהר אָב פון פאַר די אויגען. אַ זאָלכע צייטען — פאַרשטעהט זיך — איז גאָר אונמעגליך, אַז זיי זאָלען זיך אַמאָל נאָך אומקעהרען; די וועלט — פאַרשטעהט זיך — האָט זיך געביטען, און דאָס וואָס איז געוועזען, וועט מעהר שוין נישט זיין. אפשר דאָרט ערגיץ עפּיס אין אַ ווייטער מדינה, הינטער די הרי חושך; אפשר צווישען די ווילדע מענשען ערגיץ עפּיס אין אַ מדבר קאָן זיך נאָך אַ זאָלכעס טרעפען, און דעמאָלט וועלען אַלע גרויסע גאַזעטען מאַכען אַ געוואַלד, אַז די וועלט וועט זיך שאָקלען, און די לעזער וועלען לעזען און וועלען נישט גלויבען, און די אַלטע ווייבער וועלען זיצען מיט דעם זאָק אין דער האַנד און וועלען דערציילען איינע דער אַנדערער יענע וואונדערליכע „אויסגעטראַכטע" מעשות — אָבער נישט ביי אונז און אין אונזער צייט! דעריבער, איהר יונגע לייט, וועלכע איהר האָט דאָס נישט מיט אייערע אויגען געזעהען, איהר קאָנט עס גאָר נישט גלויבען; אָבער איך, איך האָב עס געזעהען און געפיהלט און דורכגעלעבט און נישט איין מינוט נאָך זענען יענע סצענעס פאַרשוואונדען מיר פאַר מיינע

אויגען . עס זענען דאָך שוין מעהר ווי צוואָנציג יאָהר אַוועק זייט דענסטמאָל ביז היינט — און פאָרט, אַזוי באַלד ווי איך זיץ אַליין פאַר נאַכט אין די טונקעל־שעה און פאַרמאַך די אויגען און לעג אַרויף מיין האַנד אויף זיי, דאָ זעה איך באַלד ווידער פאַר מיר אַלעס , אַלעס . . .

אין „חדר" בין איך געזעסען דענסמאָל ביי דער אַרבייט , ווי געוועהנליך — איהר קענט דאָך מיין חדר ? עטליכע ספרים , אַ טיש און צוויי בעטען , אַ באַנק און דריי שטוהלען , אַ מעשענער הענגעל־לייכטער מיט פינף רעהרען . אויפ'ן קאָמין שטעהען צוויי דריי טעלער און צוויי דריי טעפּ , ביים קאָמין שטעהט דאָס וויגעל פאַר'ן קינד , אויף נעגעל אָן דער וואַנד הענגען טלית און תפלין און די עטליכע בגדים , וועלכע מיר האָבען — דאָס איז דער גאַנצער חדר .

פּלוצלינג הערט זיך פון וויי‍טען אַ וואונדערליך געריוש , בעהאַלטען און פערשטיקט און ווי אַ וויי‍ט וואַסער דורך עפּיס דורך . אפשר איז די וויי‍סעל פּלוצלינג געשטיגען , און דאָס וואַסער רוישט און פּליי‍צט און גיסט זיך . אָבער מיין געסיל , וואו איך וואהן , איז וויי‍ט פון דער וויי‍סעל ! דאָס געריוש ווערט שטאַרקער , ווערט נאָהנטער — און פּלוצלינג הערט זיך אויך אַ געפּייף , אַ געשריי , אַ געטומעל .

„מען הרג'עט יודען !" — הער איך זאָגען , און איך וויים נישט פון וועמען . איך האָב קיינעם נישט געזעהען , און האָב נאָר געהערט .

אַ מין שווערער וואָלקען פאַרדעקט אויף אַ מינוט דעם ליכטיגען טאָג , און נאָך דעם וואָלקען — אַ שטויב , און נאָך דעם שטויב — אַ שניי . אָבער וואונדערליך ! דער טאָג איז דאָך אַ קלאָרער געוועזען און געשנייט האָט דענסמאָל גאָר נישט . פּלוצלינג קומען פון דער דזיקאַ גאַס אַ סך פעדערן צו פליהען און לאָזען זיך אַראָב אויף דער וואָלינסקאַ גאַס , דאָרט וואו איך וואהן , און באַלד ווערט אַ גאַנצער באַרג פון פעדערן אויף דער ערד .

„די יודען שחט מען אוים! אויף גרזיבאָווסקאַ און גרזיבאָוו און טוואַרדאַ האָט מען שוין אַלע אויסגעשחט'ען, אַז ס'איז קיין איינציגער נישט לעבען געבליבען!" – איך ווייס נישט, ווער עס האָט גערעדט. איך האָב קיין מענשען נישט געזעהען און נאָר אַ קול האָב איך געהערט.

ביי דער „נייע וועלט" האָט עס זיך אָנגעהויבען, ביי דער קאַטוילישער קירכע, און פון דאָרט האָט עס פאַרפלייצט אַלע יודישע גאַסען, רעכטס און לינקס. פון איין זייט הערט מען די פינסטערע בשורות פון מאַריאַנסקאַ און באַגנאַ און שליסקאַ און די גאַסען אַרום, און פון דער צווייטער זייט קומען די קולות פון קאַרמעליצקאַ און דזיעלנאַ און נאָוואָליפקי און די אַנדערע נאָהענטע גאַסען. דאָס בלוט אין די אָדערן הייבט אָן געריננען צו ווערען.

פלוצלינג הער איך, אַז מיר דאָ, אויף אונזערע גאַסען אַרום, האָבען זיך נישט וואָס צו שרעקען. די יודען אויף אונזערע גאַסען האָבען זיך צוזאַמענגענומען, מיט שטעקענס און מיט אייזענס אין האַנד, און זענען בערייט מלחמה צו האַלטען און די רוצחים נישט אַריינצולאָזען.

אָבער דאָס איז פאַלש געווען, פון עק גענשאַ הערט מען דעם שרעקליכען גע'רעש: מען ברעכט די שויבען און די פענ־סטער, מען צעשמעטערט די מעבעל, מען צעטראָגט די קראָמען.

איך פאַרגנב'ע זיך אויף איין רגע אַרוים פאַר די טיר און קוק.

זעקס אָדער אַכט ווילד אויסזעהעדיגע יונגען בעלאַגערן די קראָם פון נפתלי לפידות און האַקען מיט העק אויף די טירען. באַלד פליהען פון דאָרט אַרוים גאַנצע שטיקער זיידענס, אַטלאַס און סאַמעט. איינע, אַ פאַרשכור'טע פרוי, וועלכע קאָן זיך קוים אויף די פיס האַלטען, הייבט אויף פון דער ערד פאַרשידענע קליידער־זאַכען און טהוט זיך אָן איין קלייד איבער דעם צווייטען.

ענטקעגען ביי ראובן מאַרגאַלין וואַרפט מען אַראָב דורך דעם פענסטער פון צווייטען שטאָק אַ פאָרטעפיאַן. דער פאָרטעפיאַן

צעבראכט זיך אין שטיקער. שטיקער פאלען אויף די פיס פון צוויי יונגען, וועלכע שטעהען אונטען. באלד פליהט פון אויבען אראב אויך א שפיגעל אין א גאלדענער ראמקע, און באלד דארויף — קארטינעס מיט עהל געמאלט.

ביי מרדכי דעם שענקער האבען זיי געעפענט די קראנעס פון די פעסער, און דער בראנפען גיסט זיך אין שטראמען אויפ'ן גאס ארוים. דער עולם איז ווילד און משוגע און ווי די חיות רעות. מענער און פרויען שעפען מיט די הוילע הענד דעם בראנפען.

פאר'ן בית-מדרש'ל אין ר' אפרים חסיד'ס הויף שטעהט דער שמש, אין טלית און תפלין אנגעטהאן, און בארעט זיך מיט דעם ווילדען עולם און וויל זיי נישט אריין לאזען אין דעם מקום קדוש. א מינוט שפעטער שטעהט ער שוין נישט מעהר, נאר ער ליגט אויף דער ערד איין אויסגעצויגענער. באלד דארויף פליהען צעריסענע שטיקער ספרי-תורות ארוים אויפ'ן גאס.

וואס איז דאס אזאלכעס? — אוים דעם פירטען שטאק דורך דעם פענסטער ביים עק גאס פאלט אראב א קינד א קליינס אויף דער ערד און בלייבט ליגען. אפנים דאס קינד איז נישט געוועזען גענוג פארזיכטיג און איז געקראכען אויף דעם פענסטער און איז אראבגעפאלען.

אויף יענער זייט גאס רינגלען ארום א גראמאדע ווילדע יונגען א צוועלף-יעהריג יודיש מיידעל. דאס מיידעל שרייט געוואלד — דאס בלוט ווערט מיר פארקיהלט אין אלע אברים. אזוי א געוואלד-שרייען האב איך צום ערשטען מאל אין מיין לעבען געהערט.

און פלוצלינג זעהט זיך א שטראל פון פייער. א קראם שטעהט אין פלאמען.

און איך לויף און איך אייל און איך קום צוריק אין מיין חדר אריין. אבער יענע סצענעס, וועלכע איך האב געזעהען,

יאָגען מיר נאָך; וואו איך שטעה, שטעהען אויך זיי פאַר מיינע אויגען. איין מינוט שפּעטער שטעה איך שוין ווידער אויף דער גאַס. די אומרוהיגקייט לאָזט מיך נישט איינזיצען אין מיין שטוב.

הערען הער איך, אַז מאָרגען פריה הייבט זיך אָן דאָס אומגליק אויך ביי אונז אין אונזער גאַס.

און אייביג, ווען איך זאָל לעבען — יענע נאַכט וועל איך נישט מעהר פאַרגעסען! זעהט איהר, קינדערלעך, די דאָזיגע ווייסע האָר אויף מיין קאָפּ, וועלכע איהר זעהט, זענען דענסמאָל נאָך נישט ווייס געוועזען, נאָר שוואַרץ, אָבער אין יענער נאַכט זענען זיי מיר פּלוצלינג בלייך געוואָרען און איך אַליין בין געוואָרען איין אַלטער מאַן.

איך האָב „על חטא“, איך האָב „ודוי“ געזאָגט — אָבער מעשה שטן; איך האָב אָפּשר צעהן מאָל אָנגעהויבען און אַלץ נישט געקאָנטשעט. אַפּנים מיינע געדאַנקען זענען מיר דענסמאָל נישט גאָר אין גאַנצען קלאָר געוועזען. איך געדענק נאָר איינס: איך בין געזעסען אויף דער באַנק און האָב געטראַכט און געטראַכט; איך האָב זיך געפרעגט איינמאָל און צוויימאָל און הונדערטמאָל: רבונו של עולם! פאַר וואָס קומט דאָס אונז אַזאַלכעס? — פּלוצלינג פאַלט מיר איין, אַז זיי זאָגען: ווייל מיר זענען אַזאַלכע, וועלכע זויגען אוים ביי אַלעמען דאָס בלוט. אָבער דאָס איז דאָך נישט אמת, גלויבט מיר אויף נאמנות אַז דאָס איז נישט אמת! ווען איך וואָלט וויסען, וואו זיי געפינען זיך, וואָלט איך אַהין צו זיי און וואָלט רעדען מיט זיי — סוף זענען עס דאָך מענשען און האָבען אַ געהירן אין קאָפּ — און וואָלט זיי זאָגען און וואָלט זיי אויסווייזען, אַז איך, זלמן דער מלמד, זויג כלל וכלל נישט אוים ביי זיי דאָס בלוט. מישטיינס געזאָגט, זלמן, די יניקה אין גאַנצען, וועלכע דו האָסט!

איך שטרעק אוים די האַנד און נעם מיר מיין טלית און תפלין. אַ טלית קאָן קיינמאָל נישט שאַדטען, אַז אַ יוד זאָל איהם

האָבען אַלע מאָל גרייט; ווער ווייסט וואָס קאָן זיין מאָרגען און אויב ער וועט איהם ניט ברויכען צום לעצטען מאָל און אויף אייביג.

איך געה צו צו מיין ווייב און צום קינד אין וויגעל און הייס זיי זאָגען „ודוי". מיין הייסען איז אָבער געוועזען אין גאַנצען איבעריג. מיין ווייב אַ פּנים האָט נישט געוואַרט ביז איך וועל איהר הייסען זאָגען „ודוי", און האָט אַליין שוין געזאָגט די גאַנצע נאַכט און איז נאָך יעצט נישט פאַרטיג געוועזען; און דאָס קינד — איך האָב פאַרגעסען געהאַט, אַז עס קאָן נאָך גאָר נישט רעדען.

און איך נעם אַלע טייערע זאַכען, וועלכע מיר פאַרמאָגען, און געה זיי בעהאַלטען אין דעם קעלער ביי אונז. אַז די נישטגוטע וועלען קומען, מיט אונז זייערע שטוקעס צו טרייבען, טאָ וועניגסטענס זאָלען זיי נישט טרייבען זייערע שטוקעס מיט דעם, וואָס איז אונז טייער און הייליג. איך נעם דאָס קינד און דעם טלית-זאַק און די חומשים און דעם „אור זרוע", וועלכען איך האָב פון דעם זיידען עליו-השלום, און דעם הדס פון דער הבדלה, וועלכען איך האָב ירושה פון שווער עליו-השלום, און דעם איינציגען זילבערנעם לעפעל, וועלכען איך האָב דרשה-געשאַנק פון דעם פעטער, דעם גביר, זאָל לעבען, און מיין ווייב רוף איך מיר, און זיי אַלע וויל איך בעהאַלטען אונטען אין קעלער. וועניגסטענס זאָל קיין סכנה נישט זיין מיט נפשות.

דאַן קוק איך מיך אום. די ערשטע שטראַהלען פון דעם פרישען טאָג בעוויזען זיך אין פענסטער. דאָס טישעל און די באַנק און די בעטען און די איבעריגע זאַכען שטעהען שטיל יעדעס אויף זיין פלאַץ, און ווייסען נאָר נישט וואָס וועט געשעהען מיט זיי אַ שעה, צוויי, דריי שעה שפעטער.

פלוצלינג, ווי איך קוק אַזוי אויף זיי, געהט מיר אַ וואונדערליכע געדאַנק דורך דעם קאָפּ. נאָר גאָט אַליין האָט מיר דעם דאָזיגען געדאַנקען איינגעגעבען!

און איך שטרעק אויס מיין האַנד צו די שויבען פון מיין

פֿענסטער און צעבראָך זיי אין שטיקער און די קישענס און די דעקען נעם איך פֿון די בעטען און צערייס זיי און וואַרף אַרויס די פֿעדערן אין גאַס אַריין, און דעם טיש נעם איך און די שטוה= לען און די באַנק און צעהאַק זיי און וואַרף אַרויס די שטיקער אין גאַס אַריין, און די עטליכע טעלער נעם איך און די טעפּ און צעבראָך זיי און וואַרף אַרויס די שאַרבענעס אין גאַס אַריין.
בקיצור, איך האָב אַליין געמאַכט דעם „פּאָגראָם" ביי מיר אין מיין שטוב.

און ווען די חברה וועט שפּעטער פֿאַרביי פֿאַר דעם הויז און וועט זעהען די פֿעדערן אויפ'ן גאַס און די צובראָכענע שטיקער און די שאַרבענעס, וועט זי מיינען, אַז דער עולם איז ביי מיר שוין איינמאָל געווען, און וועט נישט מעהר אַריין אין הויז אינעווייניג צו מיר. אַ גוי מעג מען אָבנאַרען!

נאָר אַזוי האָב איך מיר געראַטעוועט מיין נפש און דאָס נפש פֿון ווייב און קינד און די חומשים און די תפלין.

איך וויים: איהר, יונגע לייט, וועלכע איהר האָט דאָס אַלץ נישט מיט אייערע אויגען געזעהען, איהר וועט עס נישט גלויבען. אָבער איך, וועלכער איך האָב עס געזעהען, מיר פֿאַרשווינדען יענע סצענעס נישט פֿאַר די אויגען ביז צום היינ= טיגען טאָג. ווען איך זיץ אַליין אַ י י ן מינוט לאַנג פֿאַר נאַכט אין דער טונקעל=שעה און האַלט פֿאַרמאַכט מיינע אויגען און לייג אַרויף אויף זיי מיין האַנד, זעה איך אַלעס, אַלעס נאָך יעצט . . .

גֶעגֶעסֶען.

אַ מעשה.

אַ מעשׂה פֿון דרײַ, וואָס האָבען געגעסען.

ניט אין אַנ'אײַנפֿאַכען געוועהנליכען טאָג האָבען זײַ געגעסען, נאָר אין יום־כפּור; ניט בעהאַלטענערהײַט, וואו קײַנער זעהט ניט, נאָר עפֿענטליך, אין דער גרויסער שוהל, פֿאַר דעם גאַנצען עולם; און ניט עפּעס פּראָסטע גאַסענמענשען זענען עס געוועזען, וואָס קײַנער ·קען זײַ ניט און קײַנער ווײַס זײַ ניט, נאָר די גרעסטע חשובים, די אָנגעזעהענסטע, די גרעסטע לײַט פֿון שטאָדט: דער רב און די בײדע דיָנים — און פֿאָרט זענען זײַ געבליבען אויך ווײַטער, נאָך דער מעשה פֿונ'ם עסען, די גרעסטע חשובים פֿון דער שטאָדט, און גאַנץ קהל האָט אויף זײַ געקוקט, ווי מען קוקט אויף הײַליגע...

עפּעס אַ מערקווירדיגע מעשׂה!

איך בין געוועזען דענצמאָל נאָך אַ קלײַן קינד און האָב ניט רעכט פֿערשטאַנען, וואָס עס טהוט זיך; אָבער געפֿיהלט האָב איך פֿאָרט שוין, אַז דאָ ווערט עפּעס אַ גרויסע זאַך געטהון.

יאָ, עס זענען דענצמאָל געווען ביטערע, פֿינסטערע טעג, ווי קײַנמאָל נישט צופֿאָר און קײַנמאָל נישט דערנאָך. אַנ'אומ־גליק איז געווען פֿון הימעל געקומען — צום ערשטען מאָל איז עס געקומען — און גערופֿען האָט מען עס מיט דעם נאָמען: חאָלערא!...

פֿון ווײַטע לענדער, פֿון אַזיע, איז זי געקומען צו פֿאָהרען, צו אונז, צו אונזער קלײַן שטעדטיל איז זי דערגאַנגען. אין דער

גאַס האָט זי געאַרבייט אומדערבאַרעמליך און אין די הייזער האָט זי געשטיקט אָהן איין אויפהער. שטיל האָט זי זיך גע־שלעפּט דורך די נעכט און אומגעזעהען דעם העלען ליכטיגען טאָג. ווער קען צעהלען די טויטע וועלכע זענען געפאַלען יענע טעג? ווער קען זיי אָנרופען ביי די נעמען און ווער ווייס דעם חשבון פון די פרישע בערגלעך, פון די נייע קברים?...

איבערהויפּט האָט די מגפה מעשים געאַרבייט אין דער ידישער גאַס. ווי די פליגען זענען דאָרט געפאַלען, יונג און אַלט, קליין און גרויס. עס איז נישט געווען קיין הויז, וואו דאָרטען זאָל נישט זיין חאָטש עטליכע טויטע.

אויבען אין דעם דאך־שטיבעל, איבער די וואוינונג פון מיינע עלטערן, זענען געפאַלען אין איין טאָג ניין נפשות; אונטען אין דער קעלער־שטוב אונטער אונז, איז געשטאָרבען אַ מאַמע מיט פיער קינדערלעך, און אין דעם הויז אַ קעגען האָבען מיר געהערט די גאַנצע נאַכט נאָר אַ קרעכצען און אין דער פריה האָבען מיר זיך דערוואוסט, אַז עס איז דאָרט קיין איינציגער מענש נישט געבליבען לעבען...

און די מתעסקים זענען אָבגעשטאַנען און די מקברים זענען מיעד געוואָרען און האָבען נישט מעהר געקענט די אַרבייט ביי־קומען. ווי זאַמד זענען די טויטע געלעגען אויף דער ערד, אַ גוף נעבען אַ גוף, און קיינעם האָט עס נישט מעהר געאַרט. וואָס האָט דענצמאָל שוין אַ מענש אויסגעמאַכט? ווער האָט דענצ־מאָל גאָר געקוקט דאַרויף?

און אַזוי איז אַוועק דער זומער, אַלע מאָל ווייטער, און דערנאָך זענען געקומען די הייליגע טעג, און נאָך זיי דער היי־ליגסטער טאָג פון אַלע, דער יום־כפור.

און דאָס איז דער טאָג, וועלכען איך וועל שוין קיינמאָל פערגעסען אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבען, און ווען איך זאָל אפילו אַזוי אַלט ווערען ווי מתושלח!

אָט איז דער כל־נדרי...

פֿאַר'ן עמוד בײַם אָרון־קודש שטעהט דאָס מאָל נישט דער חזן מיט צוויי חשוב'ע בעלי־בתים, ווי דער מנהג איז פֿון קדמונים, נאָר עס שטעהט דער רב מיט זיינע ביידע דיינים. אַרום און אַרום ברענען די ליכט, און ברענענדיג קנאַקען די פֿלאַמען פּאַמעליך. דער עולם שטעהט צו די וואַנד צו, אײַנגעהילט אין די טליתים און אין די ווײַסע קיטלען, מיט ווײַסע יאַרמאָלקעס און ווײַסע גאַרטלען, אויף די ווענד פֿליסען די שאָטענס אַהין און אַהער און שאָקלען זיך אָהן אײַן אויפֿהער, און פֿיעל שטעהען און קוקען אָן די שאָטענס אויף די ווענד. זענען עס אָפּשר די שאָטענס פֿון די טויטע, וועלכע זענען היינט, וועלכע זענען נעכטען, וועלכע זענען אייערנעכטען געשטאָרבען? שאָקלען זיי זיך דאָ אויף די ווענד? קענען זיי נישט אײַנרוהען אין זייערע קברים און זענען דאָ אַהער געקומען?...

שטיל! דעם רב'ס קול הערט זיך איצט, און דערנאָך דאָס קול פֿון די דיינים — און דערנאָך ציטערט עס ווי אַ קרעכץ דורך דעם גאַנצען עולם.

און נאָך דעם קרעכץ הערען זיך ווערטער. אָה! מען זאָגט: „על דעת המקום ועל דעת הקהל — מיט גאָט'ס דעה און מיט קהל'ס דעה זענען מיר מתיר צו דאַווענען איצט מיט אַלע בעלי־עבירה'ס צוזאַמען!"

און איך האָרך און האָרך. צו וואָס רעדט דאָס דער רב אַזעלכע רייד? וואו זענען דאָס היינט פֿאַרהאַנען בעלי־עבירה'ניקעס? צו וואָס דערמאָנט ער גאָר היינט אַזאַ וואָרט? האָט ער נישט מורא פֿאַר דעם שטן היינט אַזעלכעס צו דערמאַנען, היינט, אין אַזאַ צײַט, אין אַזאַ ביטערער, אומגליקליכער, פֿינסטערער צײַט?...

און אַ מורא, אַ פֿינסטערע, ווילדע מורא פֿאַלט אָן אויף מיר פּלוצלונג, און איך מיין, אַז די זעלביגע מורא פֿאַלט אָן בזה הרגע אויף אַלעמען, וואָס זענען דאָ אין שוהל, אויף אַלט און יונג...

און פּלוצלונג דערזעה איך ווי דער רב געהט אַרויף אויף דעם באַלעמער .

וועט ער היינט זאָגען אַ דרשה ? וויל ער דעם עולם טרייסטען און שטאַרקען ?...

אָבער איך הער, אַז ער זאָגט נישט קיין דרשה . עפּעס נייעס איז עס, אַ נייער מנהג, וועלכער איז פריהער גאָה נישט בעקאַנט געווען : ער שטעהט און איז מזכיר-נשמות אַלע טויטע, וועלכע זענען געשטאָרבען אין דער לעצטער צייט, אין די לעצטע טעג . אַך, גרויסער גאָט ! ווי לאַנג איז די מאָס פּונ'ם דאָזיגען צעטעל, ווי גרויס איז די צאָהל פון די נעמען וועלכע ער דערמאָנט איצט ! די מינוטען שווינדען, אַ מינוט נאָך אַ מינוט, און דער רב האַלט אַלץ נאָך נישט ביים סוף . וועט גאָר קיינמאָל נישט אויפהערען די לאַנגע רשימה ? וועט שוין דאָס אייביג, אייביג דויערען ?...

און פּלוצלונג פאַלט מיר איין, אַז דער רב וואָלט טויזענד מאָל גלייכער טהון, ווען ער זאָל אויסרעכענען די לעבעדיגע, וועלכע לעבען נאָך — דען זיי זענען דאָך שוין אַזוי ווינציג, אַזוי קנאַפּ, אַז אין אַ פּאָר מינוט קען מען פערטיג זיין מיט זייער אויסרעכענען, ווערהרענד די רשימה פון די געשטאָרבענע איז אַזוי לאַנג, אַז זי נעמט קיינמאָל נישט קיין סוף .

און יענעם אָווענד וועל איך קיינמאָל נישט פערגעסען, און דאָס דאַזיגען דענצמאָל וועל איך אייביג געדענקען ! אַך, עס איז דאָך גאָר קיין דאַווענען נישט געווען, נאָר אַ קרעכץ, אַ גרויסער לאַנגער קרעכץ, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסען פון דער טיעפעניש פון האַרץ . אום צו שטייגען ביז צו די וואָלקענס און דורכצולעכערען די הימלען ! נאָך קיינמאָל נישט האָבען יודען געדאַווענט מיט אַ מעהר צעבראָכען און צוריסען האַרץ, נאָך קיינמאָל נישט האָבען געברענט הייסערע טרעהרען אין מענשען'ס אויגען...

אין יענער נאַכט האָט קיינער מעהר פערלאָזט די שוהל

נאָך דעם דאַווענען האָט מען געזאָגט שירי־היחוד, און נאָך די שירי־היחוד האָט מען זיך גענומען צו תהלים־זאָגען, און נאָך דעם תהלים צו די משניות׳ער, און נאָכדעם משניות־לערנען האָט מען זיך גענומען צו די אַנדערע הייליגע ספרים.

איך שטעה ביי נאַכט אין שוהל און איך פיהל, ווי עס לאָזט זיך אַראָב אויף מיר עפּעס ווי חמאַרעס, און אַ טומאַן לעגט זיך מיר אויף די אויגען און מאַכט זיך בעטויבט. עס רוישט אין מיר עפּעס און איך ווייס נישט וואָס.

„וּמַלְאָכִים יֵחָפֵזוּן, חִיל וּרְעָדָה יֹאחֵזוּן – און מלאָכים פלאַטע־רען, און שרעק און ציטערען האַפּט אַלע אָן״. פּלוצלינג מיין איך, אַז איך זעה זיי אַלעמען דורך די חמאַרעס און דורך דעם טומאַן, און די מלאָכים שטייגען אַרויף און אַראָב, אַרויף און אַראָב...

און צווישען זיי דערזעה איך פּלוצלונג אויף דעם פינסטע־רען, דעם שוואַרצען מלאך. מיט די אויגען אָהן אַ צאָהל, פון קאָפּ ביז צו די פיס איז ער פול מיט אויגען – אָך, די אויגען, די אויגען...

אין יענער נאַכט האָט קיינער נישט פערלאָזט די שוהל – און פאָרט האָבען אין דער פריה עטליכע געפעהלט אַרוים פון דעם און נישט מעהר אויפגעשטאַנען, זיי זענען געשטאָרבען אין דער מנין. צוויי זענען דערצמאָל ביי נאַכט פלוצלינג אַניעדער־געפאַלען אין שוהל, צווישען דעם גאַנצען עולם, נאָך איינגעהילט אין די טליתים מיט די קיטלען, אַזוי אַז זיי האָט שוין כמעט גאָר נישט געפעהלט אום אַריבער צו פאָהרען פונ׳ם לעבען אין דעם טויט אַריין...

און אוים דער יודישער גאַס קומען אָן נאַכריכטען אין שוהל אַריין, – נאַכריכטען ווי נאָך קיינמאָל נישט צופאָר און קיינמאָל נישט דערנאָך. אָבער אין דער שוהל הערט קיינער נישט און פרעגט קיינער נישט און קיינער איז נישט נייגיריג, יעדער איינציגער האָט מורא צו הערען, יעדער איינציגער

האָט מורא צו וויסען וואָס עס טהוט זיך ביי איהם אין דער היים...

און יענע נאַכט וועל איך קיינמאָל נישט פערגעסען, און ווען איך זאָל אפילו גרייז־גרוי ווערען און ווען איך זאָל לעבען אפילו אַזוי לאַנג ווי מתושלח! און פּאָרט אָבער איז טויזענד מאָל פירכטערליכער געוועזען דער טאָג דאַרויף, דער יום־כפור...

פירכטערליך איז געוועזען דער דאָזיגער טאָג, און פירכ־טערליך אַלעס, וואָס איך האָב געזעהען און וואָס איך האָב געהערט אין יענעם טאָג.

און נאָך היינט, ווען איך פערמאַך אויף איין מינוט מיינע אויגען, זעה איך פּאַת מיר יענע סצענע, וואָס איך האָב דענצ־מאָל געזעהען, און אָפטמאָלס מיין איך, אַז איך שטעה נאָך יעצט אין דער שוהל דאָרט צווישען עולם...

אָט איז יום־כפור נאָכמיטאָג.

אויף דעם באַלעמער אין שוהל שטעהט דער רב מיט זיין הויך געשטאַלט, און זיין קאָפּ האַלט ער האַלב פערריסען.

ליגט אַ בעהאַלטענע כשוף אין דעם פנים פון דעם דאָזיגען מענשען? איז עפּעס אַ בעזונדערע מאַכט אין זיין גע־שטאַלט פאַרהאַנען, וועלכער ציהט־צו צו זיך יעדעם אויג?

אין דעם ווינקעל שטעהט דאָס יונגעלע — איך אַליין בין עס — און זיינע אויגען זענען צו יענעם מענשען ווי צוגעקלעפּט און ער קען זיי פון איהם נישט אַראָבנעהמען...

אמת, אַזאַ הדרת פּנים, אַזאַ שענקייט, אַזאַ ליכטיגע געט־ליכע געשטאַלט האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזעהען! דער רב איז דאָך אַלט, איין אַלטער גרייז־גרויער מאַן, אפשר אַכציג אָדער עטליכע אַכציג יאָהר אַלט, און פּאָרט איז זיין געשטאַלט אַזוי פּראַכטפאָל און אַזוי גלייך און הויך, אַז ער גרייכט אַריבער איבער יעדען אין גאַנצען עולם. זיין באָרד איז ווייס, ווי זילבער ווייס, און נאָר די געדיכטע האָר פון'ם קאָפּ זיינען וויסער, ווי דער געפּאַלענער שניי ווייס. אויך זיין פּנים איז ווייס, אַזוי אַז

מען קען עס קוים אָבשיידען פֿון זיין ווייסען קיטעל, און וויים זענען דאָס מאָל אויך די ליפּען, און נאָר די אויגען, די גרויסע ברענענדיגע אויגען, זענען שוואַרץ, ווי אַ סאַמעט שוואַרץ, און זיי לייכטען און גלאַנצען, גאָר נישט ווי די אויגען פֿון איין אַלטען מאַן.

פֿון מיין פֿריהערסטער קינדהייט אָן בין איך געוואוינט געוואָרען דעם דאָזיגען מענשען צו עהרען און צו אַכטען, און נאָך אַ קינד זייענדיג האָב איך געוואוסט, אַז דאָס איז אַ הייליגער געטליכער מאַן, אַ גאון עולם, וואָס אַלעס וואַרט אויף זיינס אַ וואָרט און וואָס רבנים מופלגים פֿון דער גאַנצער וועלט קוקען איהם אין מויל אַריין. איך האָב אויך געוואוסט פֿון תמיד אָן, אַז דאָס איז אַ גדול אַ מקיל, אַ גאון, וואָס זוכט צו אַלדינג רק אַ היתר, און דאָס אַלע רבנים בייגען זיך פֿאַר איהם און זיין וואָרט און זיין פּסק איז פֿאַר די גאַנצע וועלט תורת משה.

און אויך היינט זעה איך נאָך פֿאַר מיר די גאַנצע ערהאַרבענע, פֿירכטערליכע סצענע, פּונקט ווי איך האָב זי געזעהען אין יענעם טאָג בשעת איך בין געשטאַנען צווישען עולם אין דער שוהל!

אויף דעם באַלעמער שטעהט דער רב און זיינע ברענענדיגע שוואַרצע אויגען לייכטען און גלאַנצען אַרוים פֿון דעם ווייסען בלאַסען פּנים, וואָס איז איינגערינגעלט אין די ווייסע האָר מיט דער ווייסער באָרד. — מוסף איז שוין לאַנג אָבגעדאַווענט, און דער עולם שטעהט און שווייגט און וואַרט אויף דעם, וואָס דער געטליכער מאַן וועט רעדען. קיינער וואַגט זיך נישט אַפילו דעם אָטהעם הערענדיג צו ציהען.

און דער רב רעדט...

זיין שוואַך, נידריג קול ווערט וואָס אַ מאָל שטאַרקער, וואָס אַ מאָל העכער, ביז עס ווערט הויך און שטאַרק, ווי איך האָב עס נישט געהערט נאָך קיינמאָל נישט ביי איהם. ער שטעהט און רעדט פֿון די קדושה פֿון אַ יום־טוב און פֿון די כונה,

וואָס דער נותן־התורה האָט דאָביי געהאַט ; ער רעדט פֿון לעבען און שטאַרבען און פֿון די לעבעדיגע און טויטע. איבערהויפּט האָט ער לאַנג גערעדט פֿון די טויטע, און פֿון די גרויסע מגפה, וואָס איז אַריינגעקראָכען ווי אַ רייסענדיגער שטראָם, פּלוצלינג, שרעקליך, פֿירכטערליך, און זי רויבט און זאָגט נישט גענוג, עסט און ווערט נישט זאַט, טרינקט און שטילט נישט איהר דאָרשט — ווי לאַנג, ווי לאַנג זשע נאָך?

זיינע בלייכע באַקען רויטלען זיך ביסלעכווייז, זיינע בלויע ליפּען פֿאַרבען זיך וואָס אַמאָל רויטליכער, און פּלוצלינג הער איך ווי ער זאָגט — : „ובשעה שאדם רואה יסורין באין עליו — און זעהט דער מענש, עס קומען אויף איהם יסורים, דאָ איז ער מחויב בודק צו זיין און מפשפּש צו זיין אין זיינע מעשים" — און נישט נאָר בנוגע צו די מעשים צווישען זיך און גאָט, נאָר אַפילו בנוגע צו די מעשים צווישען זיך און זיין אייגענען נפש ; און נישט נאָר בנוגע צו די מעשים צווישען זיך און זיין נפש, א/א אַפילו בנוגע צו די מעשים צווישען זיך און זיין אייגענעם גוף, צווישען זיך און זיין אייגען פֿלייש, צווישען זיך און זיין טעגליך לעבען . . .

איך בין דענצמאָל געוועזען נאָך אַ קינד גאָר — אָבער איך געדענק, דאָס ווי איך האָב דערהערט די דאָזיגע ווערטער, איז מיר פּלוצלינג געוואָרען קאַלט און וואַרם. איך האָב פּלוצלינג פֿערשטאַנען, איך האָב פּלוצלינג געפֿיהלט וואָס ער רעדט . . .

און ער שטעהט נאָך אַלץ און רעדט. ער רעדט פֿון די ריינליכקייט, וואָס דערהאַלט דעם מענשענס לעבען, און פֿון די שמוציגקייט, וואָס ברייגנט אַוועק דעם מענשען פֿון דער וועלט ; ער רעדט פֿון הונגער און דאָרשט, און אַז הונגער און דאָרשט זענען די שלעכטע מלאכים, וועלכע ברייגנען אַוועק דעם מענשען פֿון דער וועלט, בשעת עס קומט אַ מגפה בכדי צו טעטען און אומצוברייגנען, אומצוברייגנען און אויסצוראָטען . . .

און דאַן הער איך ווי ער זאָגט : „אין דער הייליגער גמרא

שטעהט: „וָחַי בָּהֶם ולא שֶׁיָּמוּת בָּהֶם, איז דער טייטש: לעבען זאָל מען דורך זיי, דורך די מצות, אָבער נישט שטאַרבען דורך זיי!" און ווידער זאָגען די הייליגע חכמים: „משום עֵת לַעֲשׂוֹת הֵפֵרוּ תּוֹרָתֶךָ, אַמאָל מאַכט זיך אַ צייט, אַז עס איז פראַסט אַ מצוה אַ זאַך פון דער תורה מבטל צו זיין!" — טייל־מאָלם איז פאַרהאַנען אַז אַ מענש מעג צושטערען תורה כולה, אבי דאַדורך צו דערהאַלטען אַ גאַנצע וועלט מיט לעבען!..."

איך שטעה און אַלע מיינע ביינער פלאַטערן אין מיר. — וואָס וויל דער רב דען האָבען? וואו אַהין ציעלען זיינע ווער־טער? וועלכען פונקט שטרעבט ער צו דערגרייכען?...

און פלוצלינג הער איך אַ געוויין, און מיר ווערט אַזוי וואַרם און אַזוי וויידְ בייַ דער נשמה. פאַר וואָס זשע וויינט ער? — פאַר וואָס זשע וויינט ער?...

און ווי איך שטעה דאָרט אין ווינקעלע, ציטערדיג און פלאַטערדיג, הייב איך אָן אַליין צו וויינען און די טרערען גיסען זיך.

און נאָך היינט, ווען איך פערמאַך די אויגען אויף איין מינוט, זעה איך איהם נאָך שטעהענדיג דאָרט אויבען אויפ'ן באַלעמער. איך זעה אויך ווי ער שטרעקט אוים די האַנד און ווינקט צו די דַיָּנִים, און אויך ביידע דַיָּנִים זעה איך ווי זיי געהען צו איהם אַרויף אויף דעם באַלעמער.

און אַלע דריי שטעהען זיי דאָרט אויף דעם באַלעמער, דער רב, דער העכסטער פון אַלע, און ביידע דינים, די ניעדעריגערע פון איהם, איינער פון זיין רעכטער און איינער פון זיין לינקער זייט.

וואָס עפעס רוימט זיי איין דער רב איצט אין זייערע אויהרען? פאַר וואָס עפעס איז זייער פנים געוואָרען פלוצלינג בלייך ווי קרייד?

און פלוצלינג הער איך ווערטער און פערשטעה זיי נישט. די ווערטער גרייכען בלויז ביז צו די אויהרען, און אין האַרץ

אַריין דערלאַנגען זיי נישט. און פּאָרט זענען די ווערטער אַזוי קלאָר און אַזוי דייטליך פון אַלע דריי מיילער אַרויסגעקומען!

און ווי אַ רייסענדיגער קרעכץ צוקט עס דורך דעם גאַנצען עולם, פון דעם באַלעמער ביז צו די פיער ווינקעלעך — און נאָך דעם קרעכץ הערען זיך ווערטער:

„על דעת המקום ועל דעת הקהל — מיט גאָט'ס דעה און מיט קהל'ס דעה זענען מיר מתיר צו עסען און צו טרינקען היינט!" —

אַ פירכטערליך שטילקייט, אַ טויט-שטילקייט הערשט אין דער גאַנצער שוהל. עס ריהרט זיך קיינער נישט. עס ציהט קיינער נישט קיין אָטהעם.

אים ווינקעל פון דער שוהל שטעה איך נאָך אויף מיין אָרט און איך הער דייטליך, ווי מיין האַרץ קלאַפּט אין מיר: איינס, איינס און צוויי — און פּלוצלינג פאַלט אויף מיר אַן אַ פינסטערע, פירכטערליכע מורא.

אויף די ווענד שווימען די שאָטענס אַהין און אַהער — און איך זעה צווישען די שאָטענס די טויטע, וואָס זענען נעכטען און די וואָס זענען איינערנעכטען און די וואָס זענען פאָר-איינער-נעכטען געשטאָרבען: אַ גרויסע שרעקליכע מחנה, אַ גרויסע שרעקליכע עדה...

און פּלוצלינג פערשטעה איך קלאָהר און דייטליך וואָס דער רב פערלאַנגט דאָ פון אונז. דער רב פערלאַנגט פון אונז, אַז מיר זאָלען עסען היינט; דער רב פערלאַנגט, אַז יודען זאָלען עסען אום יום-כפור און זאָלען נישט פאַסטען — וועגען דער מגפה... וועגען דער מגפה... וועגען דער מגפה...

און איך שטעה און הייב פּלוצלינג אָן הויך און שטאַרק צו וויינען.

און וואונדערליך איז עס! נישט איך אַליין שטעה דאָ אין דער שוהל און וויין, נאָר פּיעלע פּיעלע שטעהן און וויינען הויך און שטאַרק. אויך די דריי דאָרט אויף דעם באַלעמער שטעהען

און ווייגען, און דער העכסטער פון זיי שטעהט און וויינט ווי א קליין קינד.

און ווי א קליין קינד בעט ער זיך, און זיינע ווערטער זעגען אזוי ווייך. טיילמאלם נאר קומען די טרעהרען און שטיקען איהם די ווערטער אין האלז. — „עסען! געהט עסען! די צייט איז אזעלכע! עס מאכט זיך א מאל א צייט, אז עס איז פראסט א מצוה א זאך פון דער תורה מבטל צו זיין! לעבען זאל מען דורך זיי, דורך די מצות, אבער נישט שטארבען דורך זיי!"

אבער אין דער שוהל ריהרט זיך נישט קיינער פונ'ם ארט.

און ער שטעהט נאך אלץ און בעט זיך. ער זאגט, ער נעהמט אויף זיך די גרויסע עבירה פון עסען אום יום־כפור; זיי אבער וועלען אלע ריין זיין פאר גאט, אהן איין עבירה, אהן א זינד.

אבער אין דער שוהל ריהרט זיך נישט קיינער פונ'ם ארט.

און פלוצלינג ענדערט זיך זיין קול. ער בעט זיך נישט מעהר, נאר ער בעפעהלט: „איך בין מתיר! איך! איך! איך!"— ווי פיילען פליהען די ווערטער, ווי דונערם שלאגען זיי איין.

און דער עולם הערט — עס ריהרט זיך אבער קיינער נישט פונ'ם ארט.

און דא הייבט ער ווידער אן מיט זיין ערשטען קול, ער בעט זיך און וויינט ווי א קליין קינד: „וואס האט איהר זיך אלע געבונטעוועט געגען מיר? פאר וואס ווילט איהר דוקא טרייבען מיך ביז צום דעם נויטווענדיגסטען? איז אייך דען ווייניג, וואס איך האב שוין אלעם הייגט איבערגעליטען פון דערפריה ביז יעצט?"...

אויך די דיינים העלפען איהם אונטער און בעטען זיך ביי דעם עולם.

און פלוצלינג איז דאס פנים פון דעם געטליכען טאן נאך בלייכער געווארען ווי פריהער. טיעף זינקט זיין קאפ אראב אויף

זײַן ברוסט אַ מינוט לאַנג — און אַ קרעכץ, אַ טיעפער, האַרץ־צו־רײַסענדער קרעכץ הערט זיך פון אײַן עק שוהל ביז צום אַנדערן עק, און נאָכדעם קרעכץ הערט זיך ווי אַ מורמלען: „גאָט'ס ווילען איז עס", זאָגט ער מיט אַ טרוקענער שטימע, און עס האָט אַ פּנים, ווי ער וואָלט רעדען צו זיך גאָר אַלײַן — „צוויי און אַכציג יאָהר בין איך אַלט און בין קײַנמאָל נאָך נישט דערצו געבראַכט געוואָרען, אויף אַ דין עובר צו זײַן בידיעה. אָבער אויך דאָס איז אַ דין, אַ מצוה איז עס, אַ תורה איז עס. ווי עס ווײַזט זיך אויס, איז עס גאָט'ס ווילען אַזוי, איך זאָל נישט שטאַרבען פריהער, ביז איך וועל נישט אויך אַ זעלבעס מקיים זײַן!"

און שטיל איז געווען אַ מינוט לאַנג, שטיל ווי אויף אַ בית־עלמין.

און פּלוצלינג הערט זיך די שטימע פון'ם רב ווי ער רופט: „שמש!"

און דער שמש געהט אַרויף, און דער רב רוימט איהם אײַן עפּעס אין אויער. דערנאָך איבערערעדט ער שטילערהייט עפּעס אויך מיט די דײַנים, די דינים שאָקלען איהם צו מיט די קעפּ, ווי זיי וואָלטען איהם מסכים זײַן צו עפּעס. דערווײַל איז דער שמש צוריקגעקומען פון'ם רב'ס וואוינונג אין'ם הויף און האָט מיטגעבראַכט אַ פלעשעל ווײַן און גלעזלעך מיט אַ פּאָר שטיקלעך לעקעך.

און ווען איך זאָל גרײַז־גרוי אַלט ווערען, און ווען איך זאָל לעבען אַזוי לאַנג ווי מתושלח — יענעם טאָג און יענע ערהאַבענע סצענע וועל איך קײַנמאָל נישט פערגעסען מעהר. נאָך איצט, ווען איך פערמאַך מײַנע אויגען אַ מינוט לאַנג, זעה איך זיי נאָך פאַר מיר: די דרײַ, וואָס האָבען געגעסען. דרײַ גרויסע, הייליגע מענער שטעהען אויף דעם באַלעמער אין שוהל און עסען אום יום־כפּור פאַר דעם גאַנצען עולם...

אַך, העלדען זענען זיי געווען... ווער קען וויסען, ווי שווער עס איז געווען די מלחמה אין דער טיעפעניש פון זייער

האַרץ? ווער קען וויסען וואָס זיי האָבען דענסטמאָל איבערגעליטען און איבערגעטראָגען?...

„איהר האָט עס דוקא פֿון מיר געוואָלט — און איך האָב עס געטהון", זאָגט דער רב יעצט און זיין שטימע איז קלאָר און פֿעסט און ציטערט נישט מעהר ביים רעדען — גאָט'ס נאָמען זאָל זיין געבענשט!"

און פֿיעלע פֿונ'ם עולם עסען איצט, עסען און וויינען...

און גאַנצע טייבען ליכט ברעכען זיך אַרויס פֿון די דאָזיגע ערּאינערונגען און גיעסען און פֿלייצען און ציהען זיך אַהער ביז צו דעם טישעל און ביז אויף דעם פּאַפּיער, אויף וועלכען איך שרייב די דאָזיגע מעשה...

* *

*

נאָך דריי קען איך, וואָס האָבען דענסטמאָל געגעסען.

אין דער זעלביגער שעה, וואָס מיין אויג האָט געזעהן אין שוהל יענע גרויסע און ערהאַבענע סצענע, זענען דריי אַנדערע יוּנגע מענשען געזעסען אין אַ הויז פּונקט אַנטקעגען און האָבען אויך געגעסען, די דריי זענען געוועזען די דריי „משכּילים" פֿון שטעדטעל: דער אַקציזניק, דער לעהרער און דער אַפּטייקער. דאָס פֿענסטער ביי זיי איז געווען ווייט אָפֿען, און אויפ'ן טיש איז געשטאַנען דער סאַמאָוואַר, וואַרעניעס און עטליכע גלעזלעך מיט רויט־וויין. די דריי האָבען געשפּיעלט פּרעפֿעראַנס.

אויך דריי, וואָס האָבען געגעסען!

מִצְוָה.

ערצעהלונג.

... וואָס איז אַ זאָלכעס מִצְוָה? וואָס טהוט זיך אָב אין דער נשמה פון אַ יוד בשעת ער טהוט אַ מצוה? איך מיין, בשעת ער איז מקיים אַ זאַך מיט מסירת נפש און טהוט אַ מצוה אַפילו ווען זי איז קעגען זיינע אייגענע אינטערעסען און קעגען זיין גוף און קעגען אייגען ווייב און קינד? — טהוט ער עס, ווייל זיין נשמה איז אַ הויכע, איין עדלע, אַ זאָלכע וואָס קען זיך אָבזאָגען פון אַלדינג, אָדער טהוט ער עס, אַדרבא, ווייל די דאָזיגע נשמה איז רויה און אויסגעטרוקענט און פיהלט גאָר נישט און עס אַרט איהר גאָר נישט וואָס זי זאָגט זיך אָב פון עפּעס? ...

נאָך אַ קינד זייענדיג, האָבען די דאָזיגע פראַגען שטאַרק בעשעפטיגט מיין יונגען מוח.

מיר זעהן אָפט אַ יוד וואָס איז פון נאַטור אַ דימענט, אַ ווייך הערץ, אַ גרויסער בעל רחמנות, אַ מענש וואָס קען נישט אַ פליעג אויף דער וואַנד דערצירנען — אָבער אָט האָט איהם גאָט אַ מצוה צוגעשיקט, און ער איז פּלוצלינג ווי איבערגעביטען: זיין מאַמע העבט איהם נישט אָן צו אַרען און ער פערשטעהט נישט מעהר זיין אייגענע טאָכטער, זיין טאַטע איז פאַר איהם נישט פאַרהאַנען און ער וויל נישט מעהר וויסען פון זיין אייגענעם זוהן, זיין אייגען ווייב געהט איהם נישט אָן און ער פיהלט נישט מעהר מיט דעם הונגריגען און דעם דורשטיגען. ווייסט אַ לאָקאָ־מאָטיו, בשעת דעם לויפען, וואָס עס הייסט אַ הינדערניש אויף דעם וועג? אז אַ מענש ליעגט אויף די רעלסען און זי שטורמט

איבער איהם פארביי און צערייסט איהם און צעברעקעלט איהם?

א מצוה!... א מענש וועט ער הרגנ'ען און א מצוה מקיים זיין, זיך זעלבסט וועט ער מקריב זיין, אבי די מצוה איז געטהון.

וואס געהט פאר אין דער דאזיגער נשמה?

איך האב געקענט א גרויסען בעריהמטען רב אין א גרויסער שטאט, איינער וואס איז געוועזען נעבענביי אויך א שטיקעל סוחר. די פריצים האבען געפלעגט איהם צוצושיקען זייער ספירט, און ער האט געפלעגט דעמזעלבען אוועקצוגעבען אנגרא אין די גרויסע געשעפטען. איינמאל, איין ערב פסח, זענען איהם אנגעקומען פראכטען, און די פעסער זענען אריין אין זיין "רשות" שוין נאך ביטול חמץ. דאס פנים פון דעם רב איז בלייך ווי קאלך געווארען אבער נאר אויף איין איינציגע מינוט. דאן איז ער אויפגעשטאנען רוהיג, האט געלאזט אוועקפיהרען די פעסער צו דער ווייסעל, האט געלאזט עפענען די קראנען און די פעסער אויסצאפען אין טייך אריין, איינע נאך דער אנדערער, און ער איז דאביי רוהיג געשטאנען און האט מיט קיין אויג נישט געפינטעלט. אין דער דאזיגער איינער שעה איז דער רב, וועלכער איז געוועזען א שענער נגיד, געווארען א קבצן אויף זיין גאנץ לעבען.

וואס האט זיך אבגעטהון אין דער נשמה פון דעם דאזיגען מענשען אין יענער שעה?

איך האב געקענט איין אנגעזעהענע פרומע יודישע פרוי, וועלכע האט געהאט א בת יחידה א צאצקע, א מעדעל מיט אלע מעלות. דאס מעדעל איז דריי טעג פאר איהר חתונה געשטארבען, און געוועזען איז עס ערב שבת צו ליכט צינדען. די דאזיגע פרוי האט זיך אנגעטהון אין איהרע בגדי שבת, האט זיך אנגעהאנגען די גרויסע שבת'דיגע ברילאנטענע אויהרינג, האט ליכט געצונדען אין די גרויסע זי' בערנע לייכטער, האט נישט קיין פיפס גע-

געבען און האָט געגעסען און געטרונקען לכבוד שבת, ווי תמיד. אַזוי איז געווען דעם גאַנצען טאָג און נאָך מוצאי־שבת, ווי באַלד עס האָבען זיך געוויזען די ערשטע דריי שטערענדליך, אַט דאָ ערשט איז אַרויסגעפּלאַצט איהר גאַנצער וועהטאָג מיט אַ שטורם און אַ מאַכט ווי איך האָב עס עהנליך קיינמאָל נישט אין מיין גאַנצען לעבען געזעהען.

וואָס איז פאָרגעגאַנגען אין דער נשמה פון דערזועלביגער פרוי דעם גאַנצען שבת? וואו איז איהר האַרץ געווען?

אויך לאַנג, לאַנג נאָך די דאָזיגע צייטען האָבען מיך אַלץ נאָך יענע פראַגען געמוטשעט; אויך דאַן, ווען איך בין שוין געווען ווייט פון מיין היים און מיין לאַנד און האָב יודען כמעט גאָר נישט מעהר געזעהען און בין געווען אין גאַנצען איבערגע־געבען מיין שטודיום און מיינע ביכער, — אויך דאַן האָבען מיך אַלץ נאָך יענע פראַגען אָפט געמוטשעט.

איינמאָל ווי איך זיץ מיר אַזוי אין מיין חדר׳ל, פערטראַכט איבער מיינע ביכער און איבער טויזענד וועלט־רעטהענישען — קומט אונזער דינסטמעדעל צו מיר אַריין צו געהען.

דאָס חדר׳ל איז אַ חדר פון אַ סטודענט פון פילאָזאָפיע, אַ „מעבעלירט צימער”, און דאָס דינסטמעדעל — אַ בלאָנדע לאַבע־דיגע דייטשקע, אַ „מעדכען פאַר אַלעס”.

„הער דאָקטאָר! (מיין דינסטמעדעל האָט מיר דעם טיטעל געגעבען פיעל פריהער ווי מיינע פּראָפעסאָרען) — אַ „פּאָלנישער יודע” וואַרט אין קאָרידאָר און פרעגט זיך צו אייך”.

דער „פּאָלנישער יודע” מיט זיין לאַנגער קאַפּאָטע און זיין משונה׳דיג אויסזעהען איז איין אַרט מדינה־מכּה אין אַלע אוני־ווערזיטעטס־שטעדט אין אויסלאַנד, אַז עס קומט דער זומער און די מענשען קומען צו פאָהרען מארבע פנות העולם, בכדי זיך צו בעראָטען מיט די גרויסע פּראָפעסאָרען וועגען פאָהרען אין די וואַרמבעדער.

איידער דאָס מעדעל האָט נאָך צייט געהאַט איהרע ווערטער

צו ענדיגען און איידער איך האב איהר נאך געקענט ענטפערן, איז דער יוד שוין געשטאנען אויף דעה שוועל.

א בלוטיג רויט פנים, פעט און פליישיג, און די געשטאלט איז א מיטעלגרויסע — דאס האב איך אין דער ערשטער מינוט געזעהען, אבער צו מעהר האב איך מיך נישט געקענט צוקוקען, דען דער יוד איז שוין געשטאנען און גערעדט.

אויך דעם רויטען אויסגעפולטען האלז האב איך נאך אום־פעיעט צו בעטראכטען און אויך דעם טונקעל־רויטהען קארק, וועלכער שפראצט פון בלוט. אזא קארק רופט זיך „שטיער־קארק".

„איך וויל, איהר זאלט מיט מיר געהן צום פראפעסאר. אויך צום קאנסול וועט איהר דאך געהן מיט מיר?"

בינו לבינו האב איך געזעהען אז דאס איז א מענש פון א יאהר פופציג, מיט א גערדיכטע פערפלאנטעטע בארד וועלכע האט געמווט זיין א מאל רויט אדער געל. אינטרעסירט האט ער מיך אויך דאמיט, וואס די בארד וואקסט איהם ביז אויבען צו די אויגען. די אויגען זענען קליין און ליעגען אין חלב׳דיגע גריבלעך בעהאלטען הינטער ברייטע ברעמען, און די נאז איז קורץ און ברייט. די ברייטע ברעמען אבער געהען פון איין עק שטערען צום אנדערען. בכלל האט זיך דאס פנים כמעט נישט ארויסגע־זעהען, און איז געווען ווי א קליין פינטעלע אין א ים פון האר. — אינטרעסירט האט מיך אויך דער גרינער וואלענער שאל, וועלכער איז איהם געהאנגען איבער דעם ברייטען קארק, אויבוואהל די היץ אויפ׳ן גאס איז געוועזען נישט צו דערטראגען.

„איך וויל איהר זאלט מיט מיר געהן צום פראפעסאר. אויך צום קאנסול וועט איהר דאך געהן מיט מיר?" — דאס זענען געווען זיינע ערשטע ווערטער, אהן א גוט מארגען אהן א גוט יאהר. אבער גערעדט האט ער אזוי איילעדיג, אזוי געהאפט, אזוי קורץ עטהעמדיג, אז ס׳איז שווער געווען איהם צו פערשטעהן. ווי עס ווייזט זיך אויס, איז דאס געווען א זעהר נערוועזער מענש.

דאָס געשעפט, צו געהן מיט אַ זאָלכע פאַרשוינען צו דעם און צו יענעם, איז מיר נישט נײַ געווען. דאָס דינסטמעדעל איז נאָך געשטאַנען אַ ווײַלע מיט גרויסע נײַגיריגע אויגען און האָט געשמײַכעלט, דאַן איז זי אַרויסגעגאַנגען.

„מען האָט מיר געזאָגט, אַז איהר וועט געהן מיט מיר. אַ ודאי וועט איהר געהן. אַלע זאָגען, אַז איהר וועט געהן. נאָך אין דער היים האָט מען מיר געזאָגט, אַז איהר וועט געהן. פאַר אײַרעטוועגען וועט דער קאָנסול אַלדינג טהון. איהר זענט דאָך דאָס פאַר פיער יאָהר אויך משה-מאָטלין בײַגעשטאַנען?”

איך פרעג, ווער עס איז משה-מאָטיל, און ער ענטפערט: זײַן שוואָגער, אַ שוואָגער פון דער שוועסטער'ס צד. איך ציעה מיט דער פּלײַצע. נײן, דאַכט זיך אַזאַ יוד, וואָס הײסט אַזוי, איז בײַ מיר גאָר נישט געווען.

— פערשטעהט איהר — רעדט ער ווײַטער האַסטיג, און די ווערטער, דאַכט זיך, שטופען זיך און יעדעס וויל פריהער אַרויס — איך עס נישט קײן פלײש אין אויסלאַנד, פערשטעהט איהר, איך עס נישט קײן פלײש! כלל וכלל עס איך נישט קײן פלײש! וואו איז דאָ וואַסער צום וואַשען? ברויט עס איך! נאָר הערינג עס איך! ציבעלעס עס איך אויך! וואו איז דאָ וואַסער, האָב איך געפרעגט? —

דאָס געשעפט, אַז אַ פרעמדער זאָל אַרײַנגעהן צו מיר און זאָל רעדען ווי בעפעהלעדיג און זאָל זיך בײַ מיר אײַנקוואַרטירען ווי אַ בן-בית, איז מיר נישט נײַ געווען. דער יוד האָט אָנגעהויבען אַרויסצונעהמען פון דער הינטער-קעשענע פון זײַן קאַפּאָטע אַ פּעקעל אין אַ טאַשענטוך, און איך האָב איהם אָנגעוויזען וואו וואַסער שטעהט. ווי עס ווײַזט זיך אָבער אויס, האָט ער באַלד הוזר געווען פון דעם וואָס ער האָט געוואָלט.

— צײַט לאַנג האָב איך נישט! מיר מוזען געהן! נעכטיגען וועל איך דאָ בײַ אײַך! אָט דאָ אויף דער קושעטקע! — דאָס אַלעס האָט ער גערעדט אין אײן אָטהעם, קורץ, האַסטיג און חאַפּעדיג.

אין די ערשטע מינוטען האב איך געהאט חשק, דעם דאזיגען פארשוין משלח צו זיין; איך האט אבער שוין געוואוסט פון ערפאהרונג, אז א זאלכע מענשען לאזען זיך נישט פון וועמען עס איז משלח זיין, בעזונדערס נאך ווי ער האט אנגעהויבען מיט גרוים אימפעט און אויף גיך צו דערצעהלען פון זיין קראנקהייט און פון דער סכנה אין וועלכער ער איז, און ווי מען האט איהם געשיקט דא אהער צום פראפעסאר, און פון אומגליק וואס ער האט געהאט אונטערוועגנס מיט דעם פאספארט, אזוי אז איך מוז איהם ראטעווען און מיט איהם געהן צום קאנסול כדי דעם פאספארט צו פראָלאנגירען — דא האב איך פערמאכט מיינע ביכער, אוועקגעלעגט די כתבים אין א זייט און בין אויפגעשטאנען.

נאך א האלבע שעה געהען מיר שוין איבער דעם „אויסערען שטאטגראבען” און איבער די „קייזער־ווילהעלם־שטראסע” — און דער יוד האלט אין איין רעדען.

מיר זענען ביים פראפעסאר און ביים קאנסול — און דאס מויל האט זיך איהם נאך נישט פערמאכט.

מיר זענען אקעגען אוועגד שוין ווידער ביי מיר אין דער היים — און ער רעדט נאך אלץ אין איין אימפעט.

אבער וואס איך וואלט אנפאנגס קיינמאל נישט געגלויבט, דאס איז געשעהען: דער דאזיגער מאן, אין דער צייט וואס איך בין געווען בעשעפטיגט מיט איהם און מיט זיינע עסקים, האט מיך איינציגווייז געלאזט פערגעסען ווי עקעלדיג ער איז מיר געווען אנפאנגס מיט זיין אויסזעהען און מיט זיין רעדען און האט אויפגעהערט מיר זיין לעסטיג. פון מינוט צו מינוט איז ער מיר געווארען אלץ מעהר מקורב. אקעגען אוועגד, ווי מיר זענען געווען ביי מיר ווידער אין דער היים, בין איך שוין געוועזן צו־געוואוינט צו איהם.

און איך זיץ מיר ווידער פאר מיין שרייבטיש איבער מיינע ביכער און כתבים, און איהם לאז איך זיצען הינטער מיר און רעדען און דאס שטערט מיר גאר נישט מעהר. טיילמאלס אבער

איך וואָס ער רעדט; טײלמאָלס אָבער הער איך אַפילו נישט. ער פלוידערט און פלוידערט און איך זיץ און טהו מיר מײַן אַרבײט.

פלוצלינג הער איך עטליכע ווערטער: „אַברהם גדליה איז זיך אַוועק געפאָהרען”. ווי עס ווײַזט זיך אויס, האָבען זיך די דאָזיגע ווערטער הערויס געשאָטען, גלאַט אַזוי, פון זײַן מויל. נישט אָנגעהערענדיג זיך מיט דעם וואָס ער האָט גערעדט פריהער. אין לויף פון רעדען האָב איך מיך מישער געוועזען, אַז אַברהם גדליה איז זײַן עלטסטער זוהן. — „איז זיך אַוועק געפאָהרען קײַן אַמעריקאַ. מען זאָגט, ער איז זעהר רײַך געוואָרען. צוריק דאָס אײַגענע, פאַר וואָס נישט? זאָל ער! האָט איהר נישט קײַן שוועבעלע בײַ זיך, אַ פאַפּיראָס אָנצוצינדען? ער האָט אַ ודאי זײַנע ק״ן אֶלף קערבליך! איך נעהם זי חלילה בײַ איהם נישט אַוועק! חלילה, חלילה! האָט איהר נישט קײַן שוועבעלע? ער איז אַ טפש! פאַר וואָס בעהאַלט ער זיך פאַר מיר? טהוט אַזוי אַ זוהן, אײַן עלטסטער זוהן, זײַן אַלטען קראַנקען טאַטען? און נאָך דאַצו ווײַסט ער דאָך, אַז נאָך דער שרפה בײַ אונז בין איך זעהר אַראָבגעקומען! אין מײַן קראָם וועט איהר נישט געפינען קײַן הונדערט שטיקלעך סחורה. אים פינפצעהנטען נאָוועמבער האָב איך אַ וועכסעל צו צאָהלען: דרײַהונדערט מיט זעכצעהן רובעל. האָט איהר נישט נאָך אַ שוועבעלע? אַ חכם להרע איז ער פון תמיד אָן געוועזען; ער האָט פון תמיד אָן ליעב געהאַט נאָר זײַן אײַגענע נפש און זײַן אײַגענע בײַכעל. דער פאַפּיראָס איז פײַכט, ער ברענט נישט מעהר”.

איך האָב איהם פאָרגעלעגט מײַן טעשיל מיט פאַפּיראָסען.

— איז מיר געבליבען אַזוי גרויס ווי משה זלמן. אָבער ער איז נאָך גאָר אַ יונגעל. חוץ מזה זיצט ער נאָך אויפ׳ן שווער׳ס קעסט. גם לאָזט איהם זײַן ווײַב נישט זײַן אַ צו גרויסער געבער. און פאָרט, ווען נישט ער, וואָלט איך הײַנט נישט געהאַט אין מײַן קרעמיל אַפילו קײַן אײנציג שטיקעל סחורה! מיט זײַן שווער

האָב איך אַ דין־תּורה. האָט איהר נישט אַ גלאָז וואַסער צום טרינקען? איך בין דורשטיג. דער פּראָפעסאָר האָט מיר אָנגעזאָגט, נישט צו טרינקען קיין נישט געקאָכטע וואַסער. יאָ, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגען? מיט זיין שווער האָב איך אַ דין־תּורה. אַדרבא זאָגט איהר, איהר זענט דאָך אַ קלוגער, ווער פון אונז ביידען איז גערעכט?"

ווער פון ביידען ס'איז גערעכט, האָב איך איהם נישט געקענט זאָגען, דען ער האָט פּלוצלינג איבערגעהאַקט זיינע רייד.

און אַזוי זיצט ער און רעדט און רעדט אָהן אַיין אויפהער און איך זיץ געבוקט איבער מיינע פּאַפּירען און הער כּמעט קיין איינציג וואָרט נישט. איך העב אָן מינוטען־ווייז צו פערגעסען, אַז עמיצער איז דאָ ביי מיר אין שטוב. פּלוצלינג פּליהען מיר פאַרביי פאַר די אויערען עטליכע נייע ווערטער:

„בנוגע צו מנחם־מענדלען זאָג איך נאָך אַמאָל, וואָס איך האָב שוין געזאָגט מאה פּעמים ואחת: איך בין אין דער גאַנצער מעשה נישט שולדיג. ער איז מיר אַלעמאָל ליבער געווען פאַר זיין עלטסטען ברודער און אויך פאַר דעם יונגסטען. אַזאַ מענש, אַ דימענט, געפינט מען נישט צווישען טויזענדער. אָבער וואָס האָב איך געקענט טהון? ס'איז דאָך וועגען אַ מצוה!..."

איך האָב אָנגעהויבען האָרכען. „ס'איז דאָך אַ בפירוש'ער דין. האָב איך איהם געוואָלט לאָזען עובר זיין אויף אַ דין? אַז ער האָט פון זעלבסט זיך נישט גענומען צו דער זאַך. האָב איך מיך געמוזט צו דערזעלבער נעהמען! איך בין דאָך ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר אַ טאַטע! דאַרויף זענען מיר דאָך יודען! דערפאַר איז עס דאָך אַ מצוה! אָבער ער איז געווען אַ טפּש! אַ שוטה איז ער געווען! אַ שוטה, זאָג איך אייך, אַ שוטה! איך זאָג אַ שוטה, קענט איהר מיר גלויבען! און באמת גערעדט, איז דאָ אַ גרויסע נפקא־מינה דאָס ווייב אָדער יענץ ווייב?"

איך האָב דעם קאָפּ צו איהם אומגעקעהרט. די זאַך האָט אָנגעהויבען מיך צו אינטערעסירען.

„און יעצט וואו געפינט זיך דער דאָזיגער זוהן אײַרער?" האָב איך איהם געפרעגט, נאָר אום וואָס צו פרעגען און איהם נישט צו לאָזען שפּרינגען פון דעם געגענשטאַנד צו איין אנדערען.

„וואו?! אַדרבא, איך פרעג אײַך וואו? איהר ווייסט עפּעס? און ווי איהר ווייסט נישט, אַזוי ווייס איך נישט! דאָס איז עס דאָך, וואָס ס'לאָזט מיך נישט שלאָפען גאַנצע נעכט! — אַוועק, פערשוואונדען און נישט דאָ איז ער! אָבער איך בין נישט שולדיג. איך בין דאָך אַ יוד. ס'איז דאָך אַ מצוה־זאַך געווען! — אָבער ער איז אַ שוטה געווען! — און פאָרט, ווען איך ליעג בײַ נאַכט אַליין און קלעהר אַרײַן דאַרין, קען איך נישט מעהר ענטשלאָפען ווערען..."

האָט זיך עס מיר נאָר געדאַכט, אַז די שטימע פון דעם דאָזיגען רויהען מענשען האָט געציטערט בײַם רעדען? איז עס מעגליך, אַז אויך אונטער דעם דאָזיגען רויהער שאָל איז פאַרהאַנען אַ האַרץ, און דאָס דאָזיגע האַרץ ציטערט און קרימט זיך און ציהט זיך ווען ס'טהוט איהם וועה?...

„ס'איז אַ מענש געווען, ווי מען געפינט נישט זײַנסגלײַכען צווישען טויזענדער און צעהנטויזענדער" — האָט ער ווײַטער גערעדט. „בײַ אונז אין בית־מדרש האָט מען איהם אפילו גערופען „מענדיל דײַטש", אָבער וואָס איז שײַך צו זאָגען? הלואי זאָלען אַלע יודען זײַן אַזאָלכע כשר'ע יודען ווי ער. ער האָט נור אַ ביסעל מקפּיד געווען אויף די ריינקײַט פון זײַנע מלבושים און האָט געקענט גוט פּויליש רעדען. ער האָט פאַר דעם גאַנצען שטעדטיל די בריעף געשריבען. ווער ס'האָט בעדאַרפט אַ בריעף צו אַ סוחר אָדער אַ בריעף צו אַ כלה האָט געמוזט אָנקומען צו איהם. אַ מושלם איז ער געווען. זײַן כתב־יד איז אַפילו געווען נישט אַזוי שטאַרק שען, אָבער אַלע האָבען געזאָגט, אַז דאָס וואָס ער שרײַבט אָן איז ווי... וואָס זאָל איך אײַך זאָגען? ווי פּערעל! גם אַז ער האָט גערעדט, האָבען זיך פּערעל געגאָסען פון

זײַן מויל. און אַ האַרץ האָט דאָס געהאַט — אַזאַ גאָלדען האַרץ איז גאָר אויף דער וועלט נישט פֿאַרהאַנען. כל זמן ער האָט געהאַט אַ רובל אין קעשענע, האָט גענומען ווער עס האָט נור געוואָלט געהמען. אַלע האָבען אידם ליעב געהאַט. ווי אַ בן־מלך האָט ער אויסגעזעהען, ממש ווי אַ בן־מלך...״

און איך זיץ און הער זײַן געפּלוידער און ווי עס שיט זיך פֿון אידם ווי אַ גאָס־רעגען — און פֿערטראַכט זיך אַ ביסעל. אַ שענער יונגער מענש האָט עס געמוזט זײַן. שען, רײַן און ציכטיג אָנגעטהון, און זיס און ליעבליך צו יעדען מענשען. ווי עס ווײַזט זיך אויס, גאָר אַביסעל פֿערהאַפט אין די „ביכלעך״. און אײַנער אַלײַן אין גאַנצען שטעדטיל, און קײַנער ווײַסט נישט, וואָס געהט פֿאָר אין זײַן נשמה. אַ בלומעל אין אַ וויסטע מדבר, וועלכעס שפּראָסט און בליהט און וואַקסט און ווערט פֿערוועלקט, און קײַנער ווײַסט נישט פֿון זײַן בליהען אַזוי ווי קײַנער ווײַסט נישט פֿון זײַן פֿערוועלקט־ווערען... פּלוצלינג האָב איך געפֿיהלט, אַז עס ווערט מיר וואַרם, און אַ משונה׳דיג רחמנות האָט מיך אָנגענומען צו אַ מענשען, וועלכען איך קען גאָר נישט.

„און זײַן ווײַב שרה־מלכה״, הער איך מײַן יוד ווײַטער רעדען — „האָב איך דען חלילה עפּעס צו אידהר? אַלע גוים, וועלכע זענען אַרײַנגעקומען צו זיי אין קראָם אַרײַן, האָבען פּראָסט קײַן אויג פֿון אידהר נישט אַראָבגענומען. נישט אַראָבגענומען — טאָ נישט אַראָבגענומען. וואָס אַרט מיך דאָס? אָבער דער עיקר איז, וואָס זיי, דאָס פּאָר־פֿאָלק, האָבען צווישען זיך געלעבט בשלום ובשלוה. יאָ, איך וויל נישט לײַקענען. בשלום ובשלוה האָבען זיי געלעבט! שלום־בית האָבען זיי געהאַט! איך זאָג שלום־בית, איז שלום־בית. דאָס איז אמת: אַ גרויסער שטאַרקער שלום בית! דאָס גראָד וויל איך נישט לײַקענען. שלום בית האָבען זיי געהאַט... וואו איז דאָ מזרח?״

דאָס וואָרט „שלום־בית״ האָט מיר מאָדנע בעריהרט. אַ בטרונגע האָט אין מײַן האַרץ געציטערט.

איך זיץ און רייכער מיר מיין פּאַפּיראָס, און ווען די געהערטע ווערטער וועלכע האָבען זיך ווי אַ שטראָם געגאָסען, האָבען זיך אַ ביסעל גלייך געלעגט אין מיין מוח, האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט אַ מערקווירדיג בילד, אַ בילד וועלכעס קען דאָס האַרץ דערוואַרמען און די נשמה דערהייבען: — אַ גוטער האַרציגער יונגער מאַן מיט אַ האַרציגע שענע פרוי. אַלע וועלכע זעהען די פרוי, מוזען שטעהן בלייבען און זי אַנגלאָצען מיט אויפגעריסענע מייל'ער. און דאָס פּאָר־פאָלק האָט זיך ליעב געהאַט מיט איין אמת'ע ריינע ליעבע. דאָס רופען דאָך אָן אַ זאָלכע מענשען „שלום־בית", אַ „גרויסען, שטאַרקען שלום־בית". און ליכטיג און ציכטיג איז אומעטום אין הויז, עס שמעקט מיט שטילקייט און צופריעדענקייט אויס יעדען ווינקעלע; קליינע מלאָכים'לעך פליהען אומגעזעהענערהייט אַרום אין יעדען קאָנט. וואָס פעהלט אַזאַ הויז צו זיין גליק?...

„ס'איז דאָך אָבער אַ מצוה!" הער איך פּלוצלינג די רויהיגע שטימע פון מיין יוד. די שטימע גיט אַ פאָהר ווי אַ שטורמווינד איבער יונגע בלימעלעך, און מיר שטעלען זיך באַלד פאָר אין דער פאַנטאַזיע אַלע מיני אומדערבאַרעמדיגע אינסטרומענטען וואָס די אינקוויזיציע האָט אויסגעקלעהרט — „ס'איז דאָך אַ בפירוש'ער דין. אַדרבא, זאָגט איהר אַליין. מיר האָבען דאָך אויך געוואַרט דאָס גאַנצע עלפטע יאָהר. מיר האָבען געמיינט, אפשר וועט זי אין דעם יאָהר עפּעס אַ קינד האָבען..."

איך האָב געפיהלט אַ שטאָך אין האַרצען. איך האָב געוואוסט, אַז דער שטורם קומט אָן און די קאַטאַסטראָפע וועט באַלד אויסברעכען, נאָר געוואוסט האָב איך נאָך נישט אויף קלאָר, ווי און וואָס וועט זי זיין.

„אַדרבא", הער איך איהם ריידען, און דאָס מאָל, דאַכט זיך, זענען די ווערטער נישט מעהר אַזוי גיך און שטורמיש און מיט אימפּעט אַרויס פון זיין מויל — „זייט מוחל און קוקט אַליין נאָך מסכת כתובות, דף... דף... האָט איהר נישט דאָ אין

אײַערע שאַפֿעס אַ ש"ס? יאָ: דף מ"ז איז עס. אויך אין פּרק „הבא על יבמתו", דף ס"א; דאָס געדענק איך קלאָר, אַז עס איז דף ס"א. קוקט נאָך אויך דעם טור, הלכות אישות... אַ שאָד אַז ס'איז נישט פֿאַרהאַן בײַ אײַך קײַן טור..."

„פֿאַרהאַנען", האָב איך געענטפֿערט כּמעט קעגען דעם אײגענעם ווילען.

און שוין איז ער געשטאַנען פֿאַר די ספֿרים און האָט אַרויסגעשלעפּט דעם טור. יאָ, הלכות אישות איז עס, יאָ יאָ, הלכות אישות..." און רעדענדיג האָט ער געמישט דערווײַל אינם ספֿר — „יאָ יאָ... דאָ איז עס: סימן קנ"ד... זעהט אַלײן..." פּלוצלינג אָבער האָט דעם ספֿר אַוועק געלעגט. „נײן", שרײַט ער, בעסער נאָר נאָכצוקוקען אין רמב"ם אַלײן", און שוין זוכט ער זיך דעם רמב"ם צווישען די ספרים אויפ'ן וואַנד — „אָט דאָ איז ער! קוקט אַלײן. דאָ איז עס, פּרק ט"ו. זעהט אַלײן ווי ער זאָגט בפּירוש: נשׂא אשה ושהתה עמו עשר שנים ולא ילדה, האָט ער גענומען אַ ווײַב און האָט געוואוינט מיט איהר צעהן יאָהר און זי האָט קײַן קינדער נישט געהאַט, הרי זה יוציא ויתּן כּתובּה, זאָל ער זיא מוציא זײַן, דאָס הײסט גט'ען, און איהר געבען אַ כתובה, או ישׂא אשה הראויה לילד, אָדער ער זאָל חתונה האָבען מיט אײנער וועלכע קען האָבען קינדער. ואם — איהר זעהט? — ואם לא רצה להוציא, אַז ער וויל זי נישט גט'ען, כּופין אותו ומכּין אותו בּשוט עד שיוציא, נײט מען איהם און מען שלאָגט איהם מיט אַ רוט ביז ער וויל געבען אַ גט. איהר הערט ווערטער? כּופין אותו ומכּין אותו בּשוט עד שיוציא, מען נײט איהם און שלאָגט איהם מיט אַ רוט ביז ער וויל געבען אַ גט... אַזוי שטעהט בּפירוש" — אַ מין זיפֿץ, אײַן עדות, אַז יעצט איז איהם לײַכטער געוואָרען, האָט זיך געהערט פֿון איהם. און פּלוצלינג: „וואו איז דאָ מזרח האָב איך גע־פֿרעגט?"

ער האָט זיך די הענד געוואַשען און האָט זיך אַוועק גע־

שטעלט ביים וואַנד צו מזרח־זייט מנחה דאַווענען, און איך בין געבליבען פערחלומט אויף מיין אָרט זיצען, רייבערענדיג אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס.

טיפע שאָטענס האָבען זיך צולאָזען איבערן שטוב. די שאָטענס האָבען געפלאַטערט איבער די וועגד און מיין האַרץ האָט מאָדנע מיטגעפלאַטערט. די טונקעלע שאָטענס און די איינ־צעלנע פערבלאָנזשעטע טענער פון דעם יוד וועלכער דאַווענט האָבען מיין האַרץ מאָדנע שווער געמאַכט. די טונקעלהייט ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרק, און מיין האַרץ קרומט זיך אונטער יענעם שרעקליכען געדאַנקען וועלכען איך האָב שוין נישט איינ־מאָל און נישט צוויימאָל געטראַכט: וואָס איז טייטש אַ מצוה? וואָס געהט פאָר אין דער נשמה פונ׳ם יודען, בשעת ער טהוט זי? טהוט ער זי ווייל ער פיהלט צופיעל? אָדער טהוט ער זי, אדרבא, ווייל ער פיהלט שוין גאָר נישט מעהר? אָט לעבט זיך אַ פּאָר־פאָלק ווי די צוויי טויבען, בשלום ובשלוה, פּלוצלינג שטרעקט זיך אַ האַנד אויס, וועלכער מאַכט חרוב אַ טאָפּעל־לעבען און פערגיעסט דאָס אומשולדיגסטע ריינסטע בלוט. ווער ערלויבט אַ מענשען אַזאַ רציחה צו בעגעהען?... עס קלעבט בלוט אָן זייער האַנד און זיי שפּירען׳ס נישט. זיי מאַכען חרוב משפחות און ווייסען נישט, זיי הרג׳ענען מאַן און ווייב און פער־שטעהען נישט. ווער גיט די דאָזיגע מענשען דעם כח צו נייטען און צו שלאָגען מיט ריטער דעם מאַן, וועלכער האָט ליעב זיין ווייב, ביז ער גיט איהר אַ גט קעגען זיין ווילען?...

„אַ שוטה איז ער געווען״ — די דאָזיגע ווערטער האָבען מיך פּלוצלינג אַרויסגעריסען פון מיינע חלומות; איך האָב גאָר נישט בעמערקט געהאַט, אַז מיין יוד האָט שוין געענדיגט זיין דאַווענען און זיצט שוין ווידער נעבען מיר און רעדט. — „אַ שוטה זאָג איך אייך. אַ גוטע נשמה אפילו, נאָר אַ שוטה. אדרבא, זאָגט איהר אליין: ער האָט עטליכע מאָל זיך געפּרובט מיר צו בעווייזען, אַז ס׳איז פאַרהאַן צווישען די פּוסקים אויך אַ זעלבע, וועלכע

זענען מֵקִיל. אַט לְמשל דער „הגהות מַיימוניות", אויף דעם אַיי־
געגעם דף. אַ שאָד וואס עס איז שוין אַ ביסעל פינסטערליך און
איהר קענט נישט זעהען. אַט דאָ איז עס. איהר הערט? —:
וְהִנֵה לֹא חִילֵק בֵּין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל לְחוּץ לָאָרֶץ, ער האט נישט קיין
חילוק געמאַכט צווישען ארץ ישראל און חוץ לארץ"; ניין נישט
דאָ. אַט איז עס: וכתב עוד דאֵין כופין להוציא אפילו בארץ
ישראל, און זאָגט נאָך, אז מען נייט נישט צו גט'ען אפילו אין
ארץ ישראל אליין, מֵהָא דְגָרְסִינָן פון דעם וואס מען איז גורס,
מיום שחרב בית המקדש דין הוא, זייט ס'איז חרוב דער בית
מקדש וואלט זיין רעכט, שנגזור על עצמנו, מיר זאלען אויף זיך
גוזר זיין, שלא לישא אשה ושלא להוליד בנים, נישט חתונה
צו האָבען און נישט קיין קינדער צו האבען, אלא שאין גוזרין
על הצבור, נאָר מען איז נישט גוזר אויף אַ צבור, אלא אם כֵּן
רוב הצבור יכולין לעמוד בה, אזוי לאנג ווי דער רוב צבור קען
דאַרויף נישט בעשטעהען, הילכך לכל הפחות אין כופין להוציא
אפילו בארץ ישראל, דאריבער וועניגסטענס נייט מען נישט צו
גט'ען אפילו אין ארץ ישראל אליין. אזוי ווייט ברענגט דער
אביאסף. אבער..."

שטיל זיץ איך נאָך און טרויריג, ווי איך בין געזעסען,
און פאר מיינע אויגען שטעלט זיך פאר די געשטאלט פון דעם
יונגען מענשען, וועלכער, ווי עס ווייזט זיך ארויס, האט נאך
געפרובט אין זיינע צרות צו בארען זיך און צו זוכען הילף ביי די
דאזיגע פוסקים, וועלכע זענען עטוואס מֵקִיל. — מיין הארץ איז
אין מיר מיט יעדער מינוט אלץ מעהר און מעהר פערקלעמט
געווארען.

מיין יוד, ווי ער האט געזאגט דאס וואָרט „אבער", איז
פלוצלינג ווידער אהין געלאָפען צו דער שאפע און האט געבראַכט
אַ נייעם ספר.

„אבער", הער איך איהם — „דער טור, קנ"ד, זאגט בפירוש —
איהר זעהט? —: כָּתַב אֲדוֹן אָבִי הרא"ש ז"ל, מיין טאטע, דער

ראַ״ש זכרונו לברכה, שרייבט: יש אומרים שבחוץ לארץ אין כופין להוציא אחר יו״ד שנים, אַ טייל זאָגען אַז אין חוץ לארץ נייט מען נישט צו גט'ען נאָך צעהן יאָהר ולא מסתבר להורות כן — איהר הערט עפּעס ווערטער? — דער טור זאָגט בפירוש, ולא מסתבר להורות כן, ס'איז נישט רעכט אַזוי צו פּסקנ'ען. — נו, וואָס וועט איהר יעצט זאָגען?״

ער האָט אַ זיפץ געגעבען ווי אַ מענש, וועלכען ס'איז אַראָב אַ שווער״ער שטיין פונ'ם הארצען. ווער ווייס? אפשר איז אויך אויף דעם הארץ געלעגען אַ שטיין, און אַז ער האָט געפונען עפּעס אַ סמך ביי אַ מחמיר האָט ער אָפּגעקעטהעמט און האָט זיך לייכטער געפיהלט.

„און איהר ווייסט דאָך״, האָט ער יעצט געזאָגט ווידער גיך און נערוועז — כל המוסיף נפש אחת בישראל כאלו בנה עולם, ווער ס'איז מוסיף איין נפש מעהר צו די יודען, איז ווי ער וואָלט אויפגעבויען אַ וועלט. און ווי גרויס די חומרא איז, זעהען מיר אויך דאַפון: הוא אומר, הפילה בתוך עשר, כדי שישהה עמה, אַז ער טענה'ט, זי האָט כפיל געוועזען אין די צעהן יאָהר, כדי ער זאָל קענען בלייבען וואוינען מיט איהר, משביעה שבועת היסת שהפילה, גיט מען איהר אַ שבועת היסת, אַז זי האָט באמת'דיג געמפּיל'ט. די זאַך איז אַ זעהר הארבע, אַ הארבע עבירה... קען איך דאָ נישט קריגען יודיש ברויט און הערינג?״

אין דער מינוט האָט דער מענש ביי מיר אויסגעוויזען ווי אַ רוצח, וועלכער, בשעת ער הרג'ט אַ מענשען, שטעהט ער און קנאַקט רוהיג ניסלעך.

„נו וואָס״, האָב איך פלוצלינג אויסגערופען און האָב מיך אויפגעחאַפּט פון מיין בענקיל — „האָט אייער זוהן באמת זיין יונג שעהן ווייב אַ גט געגעבען און זי געפּטר'ט ביי זיין גאַנץ ליעבשאַפט?״

„אויב ער האָט איהר אַ גט געגעבען?״ — האָט ער געענטפערט — אלא ווי דען מיינט איהר? דאַרויף איז ער דאָך אַ יוד!

אָבער אַ שוטה, זאָג איך אײַך, איז ער פאָרט געװען, אַ שוטה זאָג איך אײַך, אַ שוטה מופלג. אָנפאַנגס האָט ער נישט געװאָלט. איך האָב יעדען טאָג מיט איהם איבער גערעדט און האָב איהם קײן רוה נישט געלאָזען. מיר זענען דאָך יודען. ס'איז דאָך אַ מצוה. און ער האָט מיך אַלץ מַדְחֶה געװען פון טאָג צו טאָג. ס'איז נאָך צײַט, האָט ער יעדעם מאָל געזאָגט, ס'איז נאָך צײַט דאַפון צו רעדען. אֶפשר װעט הַשֵׁם יתברך געבען און זי װעט טראָגען װערען. און איך — װאָס טהוט דען אַלץ נישט אַ מאַמע פאַר זײַן קינד? איך האָב געװאַרט. װאָס זאָל איך אײַך דאָ לאַנג ברײַען? איך האָב געװאַרט דאָס גאַנצע עלפטע יאָהר. און ער... ער, װאָס זאָל איך אײַך דאָ דערצעהלען אַלע נאַרישקײַטען, װאָס ער האָט געפּרובט אַקעגען מיר?... צום סוף האָב איך מיר גענומען צו הילף אויך אונזער שטאָדט־רב. אונזער שטאָדט־רב איז אַפילו נישט קײן גדול, איך האָב פײַנד צו זאָגען, אָבער אַ יוד אַ צדיק, אַ טהור איז ער. טאָג און נאַכט האָבען מיר בײדע געאַרבײַט מיט איהם. די װעלט איז נישט הֶפְקֵר. און בפירוש שטעהט דאָך: כופין אותו ומכין אותו בַשוט עד שיוציא, מען נײַט איהם און שלאָגט איהם מיט אַ רוט, ביז ער גיט גט. אָבער רעדט אײַך נישט אײַן, אַז ס'איז לײַכט אָנגעקומען. דאַרויף איז ער דאָך אַ שוטה, אײַן עקשן. נאָר צום סוף איז ער מרוצה געװאָרען..."

מײַן האַרץ האָט זיך אין מיר אַ װאָרף געטהון.

„דער רב האָט געשיקט, רופען זי. אָבער דאָס איז עס דאָך, װאָס איך טענה, אַז ער איז אַ שוטה געװען! דער שוטה, װי עס װײַזט זיך אויס, האָט איהר פריהער קײן װאָרט נישט געזאָגט פון דער גאַנצער מעשה. ער האָט נישט געװאָלט זי מצער זײַן, און דאַריבער האָט ער נישט געזאָגט — אַזוי האָב איך פון זײַן אײגען מויל געהערט. איז זי געקומען צו געהן, כלל וכלל נישט װיסענדיג װאָס עס װעט דאָ געשעהען. דאָ... איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, אַז זי איז תמיד געװעזען אַ געזונדע, הלואי

זאָל איך שוין זײַן אַזוי געזונד ווי זי איז געווען. אָבער אײַן אשה איז פּאָרט נאָר אײַן אשה, צופּיעל קלוג איז זי בודאי קײַנמאָל נישט געווען. ווי ער האָט איהר דערלאַנגט דעם גט, איז זי אין חלשות געפאַלען... און ער..."

פלוצלינג איז ער שטיל געבליבען. – מיר דאַכט זיך אַז זײַן שטימע האָט זיך בײַ איהם פּלוצלינג איבערגעביטען.

„קען איך אפשר דאָ קריגען יודיש ברויט מיט אַ הערינג?"

און באַלד דאַרויף:

„זי האָט לאַנג געקרענקט, צום סוף זענען געקומען די עלטערן און האָבען זי צוגענומען. און ער... ער האָט געהאַט אַ „מיחוש" און איז וואָכענלאַנג אויף די לופט נישט אַרויסגעקומען, פּלוצלינג האָט ער זיך אויפגעהויבען און איז אַוועק, און האָט מיט קײַנעם זיך נישט געזעהען פאַר'ן אַוועק־פאָהרען. מען זאָגט, ער איז אַוועק קײַן לאָנדאָן, אָבער קײַנער ווײַסט נישט קלאָר... ווער איז איהם דען שולדיג, אַז ער איז געוועזען אַ שוטה?"

און דאַן פלוצלינג: „ס'איז עפּעס ווײַט פון דאַנען קײַן לאָנדאָן?"

דאָס מאָל האָב איך קלאָר דערקענט, אַז זײַן שטימע האָט בײַ איהם געציטערט.

אין שטוב איז די פינסטערניש אַלץ מעהר און מעהר גע־קראָכען אויף די ווענד, ביז עס איז גאָר אין גאַנצען פינסטער געוואָרען. איך בין געזעסען און האָב געפיהלט, ווי ס'וואָלט מיר קערפּערליך עפּעס וועה טהון. דאָס בילד פון אַ יונגען מענשען און אַ יונגע פרוי, וועלכע איך האָב קײַנמאָל נישט געזעהען, האָט זיך מיר געשטעלט פאַר די אויגען. מינוטענווײַז האָב איך גע־מײַנט, אַז נישט אין דער פאַנטאַזיע זעה איך זי, נאָר אויף די וואָהר.

דאָס דינסטמעדעל האָט אַרײַנגעטראָגען די לאָמפּ און עס איז אין שטוב ליכטיג געוואָרען.

אין מײַן האַרץ אָבער איז קײַן ליכט נישט געווען.

דער יוד איז געזעסען ביים טיש און האט געגעסען זיין ברויט און געקייעט זיין הערינג און האט אויסגעזעהען ווי איינער, וואס דאס גאנצע געהט איהם גאר נישט מעהר אן — איך האב נישט געקענט איהם קוקען מעהר אין פנים אריין.

איך ביי נאכט האב איך נישט געקענט רוהען און האב נאר געקלערט און געקלערט.

און איך נאכדעם ווי דער יוד איז שוין אוועק פון מיר, האב איך נישט אויפגעהערט צו קלערען.

װעגען אײן אײנציג פּינטעלע.

א מעשה.

װאָס אַ פּינטעלע קען אַלעס אָנמאַכען אין לעבען! אַ רבּי׳ן האָב איך געהאַט, ר׳ משה ברוך דער בעל מְדַקְדֵק. אָנגעהויבען האָט ער מיט אַ פּינטעלע — און געענדיגט אין סיביריען. און פּאָרט איז דאָס געװען אײנער פון די אָרנטליכסטע, בעסטע, פײַנסטע מענשען פון דער װעלט.

מײנט איהר דאָך אַודאי: עפּעס אַ פּאָליטישער פערברעכער. פאַר אַ פּאָליטישען פערברעכען איז דאָך נישט שייך צו זאָגען; עס קען אַמאָל אויך אײַן אָרנטליכסטער, בעסטער, פײַנסטער מענש אַרײַנפאַלען אין די דאָזיגע מעשות. זאָג איך אײַך: נײַן, עס העבט זיך אַפילו נישט אָן! אַ מלמד איז עס געװען, װאָס עס איז איהם נישט געלעגען קײַן „הוריות" אין קאָפּ. זײַן זיבענטע דאגה איז עס, אויב די װעלט פיהרט זיך אַזוי אָדער אַזוי. ער האָט זיך געהאַט זײַן װעלטיל, און דאָס דאָזיגע װעלטיל איז בעשטאַנען אין דקדוק. אַ שְׁוָא נַע מיט אַ שוא נַח מיט אַ דָגֵש, דאָס איז געװען אַלעס װאָס האָט בעשעפטיגט זײַנע גאַנצע געהירען. און אָט טאַקי דער דאָזיגער דקדוק איז עס, װעלכער האָט איהם צום סוף געבראַכט קײַן סיביריען. אַ קלײַן פּינטעלע איז עס געװען, אַ דגש הײַסט עס; און נאָך דאַצו װאָס פאַר אַ דגש! נישט אַ מאָל אַ ריכטיגער, נאָר אײַנער װאָס האָט זיך געמאַכט על פּי טעות, און אַפילו נישט קײַן מענש האָט איהם געהאַט געמאַכט...

װער עס האָט מײַן רבּי׳ן דעם מדקדק, נישט געזעהען, האָט, אַזוי לאַנג װי ער לעבט, נישט געזעהען, װאָס עס הײַסט אַ מדקדק,

עַל פִּי דקדוק האָט ער געפלעגט עסען און עַל פי דקדוק האָט ער געפלעגט טרינקען, עַל פי דקדוק — זיין ווייב, די רבּי׳צען, דורך צו קלאַפּען און על פי דקדוק — צו געהען שלאָפען; דער דקדוק האָט איהם אויסגעפילט זיינע מוחות ביי טאָג און זיינע חלומות ביי נאַכט. איינמאָל אין חלום האָט ער געזעהען אַ דָגֵשׁ, רייטענדיג אויף איין עזעל, און אין מויל האַלטענדיג דעם שופר של משיח. און אויך דאָס אויסזעהען פון מיין רבּי׳ן איז געווען ווי אַ שטיק דקדוק: דער קאָפּ איבער די צוויי אַרוים געקרומטע פּלייצעס האָט אויסגעזעהען ווי אַ חולֶ״ם איבער איין עַיִ״ן, די וואָנסע אונטער די נאָז — ווי אַ פַּתַ״ח אונטער אַ וָ״ו, די נאָז מיט די אויגען — ווי אַ סגו״ל אונטער׳ן שטערען; די נאָז איז געווען געקרומט ווי אַ זַיִ״ן, די צוויי נאָזלעכער פון אונטען — ווי אַ צֵירֶ״ה, די באָרד מיט די דריי שפּיצען, איינער לענגער פאַר׳ן אַנדערען, האָט אויסגעזעהען ווי אַ שורֶ״ק, און ער אַליין, ר׳ משה ברוך, איז געווען אַ קליין, רונדיג מענשעלע, און האָט מען איהם געזעהען פון ווייטען געהענדיג, האָט זיך איינעם געקענט דוכטען, אַז אַ דָגֵשׁ קייקעלט זיך איבער דער ערד.

און אַ בּעזער איז ר׳ משה ברוך געווען; אַ גוטעת מענש אַפילו פון נאַטור, נאָר אַ כַּעְסָן. האָט אַ חדר־יונגעל אַרוים גערעדט אַ וואָרט, נישט אַזוי ריכטיג עַל פּי דקדוק, האָט ער איהם געקענט מְכַבֵּד זיין, אַז יענער זאָל שוין געדענקען כל יָמָיו; האָט אַ פליעג עפּעס אַ נקודה אָנגעמאַכט אויף אַ סֵפֶר, גראָד אין איין אות אַריין, האָט ר׳ משה ברוך געקענט זיין כַּעַס אויסלאָזען נישט נאָר צו אַלע פליעגען, נאָר אַפילו צו דער קאַץ און צו אַלע אין דעם שטוב; האָט איינער למשל צו איהם געזאָגט „שַבָּת נַחְ־מוּ״ שטאָט „שַׁבַּת נַ־חֲמוּ״, האָט ר׳ משה ברוך געקענט איהם טרייבען פון דער שטוב אַרוים. אַפילו זיין ווייב, די רבּי׳צען האָט זיך נישט געוואַגט צו איהם צוצונעהען, ביז זי האָט נישט גוט זיך מֵכין געווען. אַ מאָל ביי מיטאָג האָט זי זיך אַרויסגערעדט אַ וואָרט, אַז איהר מוהמע שפּרינצע עָלֶיו הַשָּׁלוֹם האָט געטהון

אַזוי און אַזוי, און האָט פֿערגעסען אַז עס קומט צו זאָגען „עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם" — דאָ איז ער אויפֿגעשטאַנען, האָט איהר דער־לאַנגט אַ שטופּ אַז זי איז נעבאַך געפֿאַלען, האָט געהאַפּט די שיסעל מיט די קאַרטאָפֿלעס און האָט זי אַ שלײַדער געגעבען אויף דער ערד, האָט אַלע כלים פֿונ׳ם טיש אויף פּיצלעך צובראָכען און האָט אָנגעמאַכט אין שטוּב אַ רעכט פֿײַנעם פּאָגראָם. אויך מיט זײַן ערשט ווײַב, בשעת זי איז אַ מאָל געלעגען אין קימפּעט, האָט זיך איהם געטראָפֿען אַ מעשה נורא: זי איז נעבאַך געלעגען אין קַדַחַת, וועלכעס האָט געברענט אין איהר ווי אַ העלישׁ פֿײַ־ער, און מיט אַ שוואַכער שטימע האָט זי איהם גערופֿען: „משה־ברוך!" — און דאָ האָט ער אַ געשרײַ געגעבען: „אַרוּ, ה! ווײַסט דו דען נאָך אַלץ נישט, אַז עס קומט צו זאָגען משה־ברוך, דעם ב"ת אָהן אַ דגש?"... און זי האָט זיך נעבאַך אַזוי שטאַרק דער־שראָקען, אַז צום אָווענד איז זי געשטאָרבען...

און אָט דער מענש, וועלכער איז געווען אײַגענטליך גוט און פֿײַן און רעכטשאַפֿען, האָט נעבאַך אַ סוף אײַנגענומען, ווי איך ווינש עס נישט דעם ערגסטען. ער איז איבער אַ פּינטעלע פֿערשיקט געוואָרען קײַן סיבּיריען.

געוועזען איז עס תּמוז־צײַט. די היץ אויפֿ׳ן גאַס איז גע־גאַנגען פֿון מינוט צו מינוט וואָס שטאַרקער, און נאָר מינוטען־ווײַז האָט אַרײַנגעבלאָזען עפּעס אַ ווינטעלע דורך דעם אָפֿענעם פֿענ־סטער. מיר אַלע, די תּלמידים, זענען געזעסען אַרום דעם טיש און האָבען געלערענט. אַ הוהן האָט זיך אַרום געדרעהט איבער די שטוּב און האָט געקוואָקעט. אויבענאָן בײַם טיש איז געזעסען ר׳ משה ברוך, און זײַנע בײדע אויגען האָבען געלויכטען ווי צוויי דְגוּשים. די קאַפּאָטע האָט ער געהאַט אַראָב געוואָרפֿען פֿון זיך, און ער איז געזעסען אין די ווײַסע ברײַטע אַרבּעל פֿונ׳ם העמד, פֿון וועלכע עס האָבען אַרויסגעקוקט די בעהאָרטע הענט. גע־האַלטען האָבען מיר אין ספר „בראשית" בײַ דער פּרשה „תּולדות"; דען מיר האָבען נישט געפֿלעגט צו לערנען סדרות לויט די וואָך,

באָר כסדר האָבען מיר געלערנט דעם גאַנצען חומש. נאָך דעם לערנען האָט ער אונז געהייסען, מיר זאָלען יעדער אין דער היים די פרשה דורך געהען און יעדעס וואָרט בעזונדער לויט דקדוק פונאַנדער נעהמען, פון וואָט פאַר אַ „בנין", פון וואָס פאַר אַ „זמן" עס איז וכדומה.

צו מאָרגענס האָט יעדער פון אונזער זיין לעקציע מיטגע־בראַכט בכתב. זלמן פושקע איז געווען דער ערשטער, וואָס איז פערהערט געוואָרען, און איז אַרויס בשלום. דער צווייטער איז געווען מענדיל קוואָקע, און אויך ביי איהם איז אַלעס אַריבער בשלום. דער דריטער איז געווען פייטיל קאָלטען. ר' משה־ברוך האָט איבערגעלייענט זיין לעקציע אין דער הויך, גאַנץ בנעימות'־דיג, וואָס מלעיל — מלעיל און וואָס מלרע — מלרע, און האָט אָנגעקוואָלען ליינענדיג. פלוצלינג איז זיין פנים פינסטער געוואָרען און זיין שטימע האָט זיך איבערגעביטען:

— „הברכה (הברכה) אחת היא לך, אבי" — האָט ר' משה־ברוך אָראָבגעלייענט פונ'ם פאַפּיער און זיין שטימע האָט מבשר געוועזען נישט גוטעס — האָסט דו דאָס געשריבען פייטיל?

פייטיל איז געשטאַנען און געציטערט. קוים צום הערען האָט ער געענטפערט עפּעס אַ מין וואָרט, וואָס האָט געזאָלט הייסען: יאָ.

— און וואָס בעטייט דער דגש אינ'ם וואָרט „הברכה"? האָט ר' משה־ברוך ווייטער געדונערט.

דאָס מאָל האָט דאָס יונגעל גאָר נישט געענטפערט און נאָר זיין גאַנצער גוף האָט געציטערט.

— ענטפערן וועסטו, פייטיל! איז דער ה"א פונ'ם וואָרט „הברכה" אַ ה"א הידיעה אָדער אַ ה"א השאלה? — וועסטו אויפ־מאַכען דיין פיסק? וועסטו ענטפערן?

— אַ ה"א השאלה! האָט דאָס קינד געענטפערט און די ווערטער האָבען איהם געשטיקט אינ'ם האַלז.

— ווי אַזוי זשע קומט אַריין אַ דגש אין דעם בי״ת פון „הברכה״? האָט ר׳ משה־ברוך געשריגען.

פײַטיל האָט אַ מינוט לאַנג נישט געענטפערט. פּלוצלינג אָבער האָט ער אַ געשריי געגעבען, ווי איינער וואָס האָט זיך פּלוצלינג עטוואָס דערמאָנט: — אין דעם בי״ת איז דאָך גאָר קיין דגש נישט פאַרהאַן!... אַזוי זאָל דער טאַטע און די מאַמע לעבען! איך האָב דאָס דאָזיגע פינטעלע נישט געמאַכט...

די ווערטער האָבען געקלונגען, ווי ווען ער זאָל זאָגען: איך האָב דאָס דאָזיגע בלוט נישט פערגאָסען...

— געמאַכט און נאָך לייקענען דאַצו? — האָט ר׳ משה ברוך געשריגען אויף זיין העכסטען קול און די אויגען זענען איהם אונטערגעלאָפען מיט בלוט.

די ווערטער האָבען געקלונגען מיט דעם ניגון פון פסוק: גערצחת און נאָך נאָך ירשה׳נען דאַצו?

דאָס אומגליקליכע קינד איז געשטאַנען ווי פערשטיינערט, און נאָר די ציינער האָבען איהם געקלאַפּערט.

— נאַ, דאָ האָסטו אַ פינטעלע, דו ממזר בן הנדה! האָט דער מדקדק זיך אויסגערופען און האָט דעם יונגעל דערלאַנגט אַ פּאַטש איבער׳ן קאָפּ — נאָר איין איינציגען פּאַטש.

דאָס קינד איז אַנידער געפאַלען אויף דער ערד און איז געבליבען ליעגען נעבען טיש, דעם רעכטען פוס אויסגעצויגען.

עטליכע מינוט האָט מען געוואַרט. ווי מען האָט געזעהען, אַז דער בחור שטעהט נישט אויף, האָט מען אָנגעהויבען איהם טאָרגען ביי דער האַנד אַהין און אַהער. פּלוצלינג האָט אימיצער דערקענט, אַז דאָס קינד ליעגט אין חלשות. אַ בהלה, אַ געפילדער, אַ גע׳רעש איז געוואָרען. אַ גרויס געוואַלט האָט זיך געהערט אין דער גאַנצער שטוב.

און דער געוואַלט האָט זיך באַלד געהערט אין גאַנצען הויז און פון דאָרט איז ער געקומען אין גאַס אַריין און האָט זיך פערשפּרייט ביז אינם מאַרק־פּלאַץ.

אינ׳ם װײַסען הױז פֿונ׳ם אַפּטײקער זענען גראָד געזעסען הינטען אין דער װײַנשטוב דער לעהרער און דער סליעדאָװאַטעל און דער דאָקטאָר און דער אַפּטײקער און האָבען געשפּיעלט אַ טור װינט. דער סל׳עדאָװאַטעל שפּיעלענדיג מיט זײַן פּאַרטניאָר דעם לעהרער, האָט גראָד געהאַט אָנגעזאָגט אַ קלײַנעם שלעם בעז קאָזערי און איז געבליבען בעז דװאָך — פּלוצלינג האָבען זיי געהערט דעם געװאַלט, און זענען אַלע אַרױס אױפֿ׳ן גאַס. דער דאָקטאָר איז צוגעלאָפען ביז ר׳ משה־ברוך׳ס חדר, איז אַרײַן און האָט אָנגעהױבען זיך מתעסק זײַן מיט דעם קינד. דאָס אומגליק, האָבען אַלע געזאָגט, איז געװען, װאָס קײן בלוט האָט זיך נישט געװיזען; װען עס װײַזט זיך בלוט, װאָלט אפשר גאָר נישט אַזױ שלעכט זײַן. מען האָט דאָס קינד אַװעק געטראָגען אַהײם צו זײַנע עלטערן.

אקעגען אָװענד איז דאָס גאַנצע שטעדטיל געװען אױפֿגעריהרט. פֿײַטיל איז געשטאָרבען און דאָס גאַנצע שטעטיל האָט געדערט פֿונ׳ם רוצח.

און בשעת ר׳ משה־ברוך איז אַ טאָג דאַרױף געזעסען פֿערשפּאַרט אין דער הײם, אַז קײן מענש זאָל איהם נישט זעהען, און האָט אַרומגעגראָבעלט אין די פּאַפּירען פֿון די פֿערשידענע לעקציעס און האָט געמאַכט די ענטדעקונג אַז דאָס פּינטעלע אין דעם װאָרט „הברכה״ איז באמת טאַקי נישט געװען אַ פּינטעלע װאָס אַ מענש האָט עס געמאַכט, נאָר אַ פֿליעג האָט עס דאָרט פֿליהענדיג אַרײַנגעװאָרפען אין די הױהלע בי״ת אַרײַן, — דאָ זענען פּלוצלינג צו איהם אַרײַנגעקומען עטליכע זשאַנדאַרמען מיט סאָלדאַטען און מיט אַ מין פּריסטאַװ און האָבען איהם צוגענומען און אַװעק געפֿיהרט.

ביי דער „דיעלאָ״ אים „אָקרושנאָי סוד״ איז געשטאַנען אױך אײַן אַדװאָקאַט מצד ר׳ משה־ברוך און האָט געטענה׳ט מיט שױם אױף די ליפּען, אַז דער בעשולדיגטער האָט די מעשה געטהון בשוגג. דאָס אַלעס האָט אָבער נישט גע=

האָלפּען . זעכּס יאָהר קאַטאָרגע האָט ער פאָרט געקריגען .
איך אַליין האָב איהם געזעהען פיהרען : אַ האַלבער קאָפּ אָבגעגאָלט און אין אַ מאָדנע מאַנטעל אַריינגעטהון .
און זאָגען זאָגט מען, אַז ער איז נעבאַך געשטאָרבען, דאָרט ערגיץ ווייט אין סיביריען, באַלד אין ערשטען יאָהר .
וואָס אַ פינטעלע קען אַלעס אָנמאַכען אין לעבען .

עֶר אִיז נִפְטַר גֶעוואָרֶען .

ערצעהלונג .

איך געדענק אַ זומערטאָג אַלס קינד . פֿריש און ליעבליך איז געוועֶן דער טאָג און דער זומער איז געשוואומען דורך די בלויע לופֿט אַרײַן אין מײַן האַרץ . . .

און געצויגען האָט עס מיך אַרויס , אַרויס , אין דעם גרינען וואַלד אַרײַן . מײַן מאַמע אָבער האָט געזאָגט שטרענג און פֿעסט : „אין דעם חֵדֶר , יוסי׳ל , אין דעם חֵדֶר אַרײַן !"

איך האָב די אויגען אויפֿגעהויבען און האָב אָנגעקוקט מײַן מאַמע . איך האָב געזעהען , אַז דאָ איז גאָר נישט וואָס צו מאַכען , איהר פּנים איז געוועֶן ערענסט און איהר בליק שטרענג . זי האָט זיך אויפֿגעהויבען פֿון דעם שפּיגעל-טישעל , וואו זי האָט זיך צו-רעכטגעמאַכט איהר האָר-שײַטעל , און האָט מיר דערלאַנגט מײַן בײגעל מיט פּוטער , בעלעגט מיט ווײַסע און געלע שטיקעלעך אײ , און האָק שטרענג און קורץ איבערחזרט : „אין חֵדֶר , אין חֵדֶר אַרײַן !"

און איך בין געגאַנגען . . .

שמעקענדיג און זיס איז געוועֶן די לופֿט , און דער זומער איז אַרומגעשוואומען אומעטום . דאָ , אויף דעם אײגענעם אָרט , וואו דורך די לופֿט פֿלאַטערען יעצט אַרום די ווײַסע ברעקעלעך שנײ , זענען פֿעגעלעך אַרומגעפֿלאַטערט און האָבען געטשוויטשערט און געטרעלט .

„אין חֵדֶר אַרײַן !" — האָבען מיר נאָך אַלץ געקלונגען אין די אויהרען די ווערטער פֿון מײַן מאַמען . איך האָב אַ זיפֿץ געטהון און בין געגאַנגען .

און ווי איך בין איבער׳ן בריקעל אַריבער געקומען, האָבען מײַנע אויגען דערזעהען די גרינע בײַמער פון דעם וואַלד, וואָס זעהט זיך אַרוים באַלד הינטער דעם שטעדטיל. אַך, ווי האָבען די בוימער געװאונקען צו מיר! אַך, ווי האָבען זיי מיך גערופען!

זאָל איך? זאָל איך ניט?...

מײַן יונג קעפּיל האָט אָנגעהויבען צו קלערען און צו פילאָ־זאָפירען. געוואוסט האָב איך עפּעס די מעשה פון דעם יצר טוב מיט דעם יצר הרע; אָבער געדאַכט האָט זיך מיר אַלץ אַז דער יצר טוב טאַקי איז עס װעלכער שלעפּט מיך אין וואַלד אַרײַן.

*נאָך פאַרבײַ געהענדיג פאַר דער שולגאַס, האָב איך גע־וואָלט זיך דאָרט אַרײַן דרעהען און פון דאָרט אין דעם חדר אַרײַן. איך ווייס אָבער נאָך ביז הײַנט ניט ווי די מעשה איז אײַגענטליך געשעהען: פּלוצלינג האָב איך דערזעהען אַז איך געה גאָר דורך די זאַמדגאַס, ווײַטער ווײַטער, פונקט אַהין צו דעם וואַלד. אַ פּאָר מינוט שפּעטער בין איך שוין געוועזען דאָרטען.

און דער וואַלד האָט גערוישט איבער מײַן קאָפּ אין דער הויך און אַרום מיר איז געווען טונקעל און שטיל. עפּעס ווי סודות האָבען געשטעקט אין דער לופט — און איך האָב געהאָרכט און געהאָרכט. ביסלעכווײַז האָט זיך דאָ און דאָרט בעוויזען אַ שײַנדיל פון אַ לאַכעדיגער זון, און באַלד ווידער, אַז איך בין געגאַנגען אַ ביסעל ווײַטער, איז שוין ווידער געווען טונקעל און שטיל. טויזענד מיקען און קלײַנע פליגעלעך זענען מיר אַרומגע־שוואומען האַרט פאַר די אויגען און האָבען געשושקעט און האָבען זיך געסוד׳עט — און איך בין מיר אַלץ געגאַנגען ווײַטער און ווײַטער.

ווי אין אַ טויטען האָב איך געהאַט אינ׳ם חדר פערגעסען.

אַלע וועגען און אַלע קרומע און גלײַכע שטעגעלעך זענען מיר גוט בעקאַנט געווען נאָך פונ׳ם פאַריעהריגען ל״ג־בעומר, און

איך בין מיר געגאַנגען אַלץ ווייטער. איך האָב מיר אויסגעטהון מיין קאַפּאָטקעלע און מיין וועסטעל, און האָב זיי גענומען אויפ'ן אָרעם, און האָב אָנגעהויבען לויפען האַלב נאַקעט און באָרפיס. אין אַ גרינעם ווינקעל האָט זיך מיר ענטדעקט פּלוצלינג אַ גאַנצער אוצר מיט שוואָמען, און איך האָב מיך אַראָבגעבויגען, זיי אויפצוהעבען. פּלוצלינג האָב איך געהערט אַ געזאַנג אין וואַלד און האָב מיך אומגעדרעהט — איך האָב געמוזט לאַכען ווי איך האָב מיך אַרומגעזעהען, אַז איך אַליין בין דער זינגער און האָב עס אַליין נישט געוואוסט. און ווידער האָט זיך מיר בעוויזען אין אַ גרינעם ווינקעל אַ גאַנצער אוצר מיט שוואַרצע יאַגאָדעס, און איך האָב מיך געבוקט, זיי אויפצוהעבען. פּלוצלינג האָב איך אין וואַלד געהערט אַ פּייפען, אַזוי שען און אַזוי זיס, און דאָס איז שוין נישט געווען איך אַליין; דען ווי איך האָב אויפגעהויבען די אויגען, האָב איך געזעהען פאַר מיר פאַרבייַלויפען אַ קליין שייגעצעל מיט אַ גרויסע לאַנגע בייטש. נישט ווייט פון איהם האָב איך געזעהען אַ געלע קוה מיט אַ גלעקעל אָנגעהאָנגען אויף אַ רויט בענדעל. אַ ביסעל ווייטער איז געזעסען אַ מעדעלע און האָט זיך געפלאָכטען אַ קרענצעלע. דערנאָך ווידער, אַ פּאָר שריט ווייטער, איז שוין ווידער אַלעס געווען טונקעל און שטיל און גרין. אומעטום הויכע גרינע בוימער, אומעטום גרינער נידריגער סכך. איבער די הויכע צווייגען הערט זיך טייַלמאָלס דאָס קריישען פון אַ קראָה. אַ מינוט לאַנג הערט זיך דאָס קריישען, און פּלוצלינג איז עס ווידער שטיל, פירכטערליך שטיל. צווישען די בוימער לויפט אַ וויעוויורקע גיך. פּלוצלינג איז זי ווידער פערשוואונדען, און אַלעס איז שטיל, פירכטערליך שטיל. „ווי פירכטערליך איז דער דאָזיגער אָרט!" שעפּטשען די ליפּען פון אַ קליין יונגעלע, וועלכער דערמאָהנט זיך גראָד אָן די דאָזיגע ווערטער פון אַ פּסוק — און דאָס קליינע יינגעלע לויפט ווייטער און ווייטער.

און נעבען דעם וואַסערעל, וואָס מורמעלט צווישען די געדיכטע בוימער, האָב איך מיך אַוועק געזעצט. איך האָב אויס-

געטהון די שטיוועלעך און האָב אָנגעהויבען וואַשען מײַנע פיס. אין וואַסער האָט אָנגעהויבען אַ פראָש צו מאַכען אָהן אײַן אויפהער „קוואַ, קוואַ“, און איך האָב זיך פערטראַכט און פערטראַכט... רבונו של עולם! וואו בין איך דאָ? וואָס טהוט זיך עס עפּעס מיט מיר? — האַלב ווי אין חלום האָב איך געגעסען מײַן בײגעל מיט איי. אַ דיכטער טומאַן האָט אָנגעהויבען אויפצושטײַגען אויס דעם וואַסער און חמאַרעס האָבען אָנגעהויבען זיך צו לעגען מיר אויף די אויגען. אַרום און אַרום זענען וואָלקענס — און די אויגען זענען מיר אַזוי שווער און די אויהרען זענען מיר אַזוי שווער. ווי אַ שטיק בלײַ האָט אָנגעהויבען מײַן קאָפּ צו זינקען, אַראָב, אַראָב, טיעף ביז אין דעם גראָז אַרײַן...

און ווי איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, איז דער וואַלד געווען נאָך טונקעלער און פינסטערער ווי פריהער. די זון האָט שוין געמוזט זײַן טיעף, טיעף געזונקען. מײַן האַרץ האָט אָנגעהויבען פּלוצלינג שטאַרק אין מיר צו קלאַפּען. איך בין געלאָפען אין אײַן אָטהעם אַהײם, אַהײם.

גרויסע, שווערע טראָפּען שווייס זענען מיר געדאָנגען אויפ'ן שטערען, ווי איך בין אַרויסגעקומען פונ'ם וואַלד. עס איז נאָך גאָר נישט אַזוי שפּעט געוועזען, ווי איך האָב פריהער געמײנט, און פאָרט האָט זיך מײַן האַרץ אין מיר געוואָרפען, ווי בײַ אײנעם וואָס האָט געטהון אַ מעשה רע. אַ קלײניגקײט: דער רבי, דאָס חדר און צום סוף גאָר די מאַמע מיט איהרע ערענסטע און קאַלטע אויגען — אַלעס, אַלעס איז מיר געשטאַנען לעבעדיג פאַר די אויגען. איצט ערשט האָט מיר אָנגעהויבען באַנג צו טהון דאָס נאַרישקײט, וואָס איך האָב געטהון. אַ גאַנצען טאָג נישט געוועזען אין חדר, אַ גאַנצען טאָג זיך אַרומגעדרעדט פּוסט און פּאַסט — און דאָס וועט דאָך מוזען צו דער מאַמען אָנקומען. ווער ווייס, אֶפשר איז עס שוין אָנגעקומען? נישט אַנדערש, עס מוס אַוודאי שוין לאַנג צו איהר אָנגעקומען!...

און ווי איך בין צוריקגעלאָפען איבער די זאַמדגאַס און

פאַר די שולגאַס פאַרביי, האָט זיך מיין קאָפּ געדרעהט מיט מיר און עס האָט מיר געשווינדעלט פאַר די אויגען.

אויך איבער דעם בריקעל בין איך שוין צוריק, און ווייטער נאָך – און אַ תירוץ ווייס איך נאָך אַלץ נישט.

זאָל איך זיי דערצעהלען, ווי זיס און ווי ליעבליך עס איז דרויסען, אין דער פרייער לופט?

און ווייטער, און ווייטער נאָך בין איך געלאָפען. איך בין שוין אָנגעקומען אין דעם שמאָלען געסעל, וואו עס שטעהט אונזער הייזעל.

זאָל איך זיי דערצעהלען, ווי ענג און ווי דושנע עס איז דרינען אין דעם וויסטען חדר?

און ווייטער, און ווייטער נאָך בין איך געלאָפען. איך בין שוין ביי דער שוועל פון אונזער הייזעל. מיין האַרץ קלאַפּט אין מיר שטאַרק און עס שווינדעלט מיר פאַר די אויגען. איך האַלט די האַנד ביי דער קלאַמקע – אַ מינוט שפּעטער בין איך שוין אין שטוב.

מיין טאַטע זיצט אויף דער קושעטקע ביים עק טיש און האַלט דעם „קְדוּשַׁת לֵוִי” אין דער האַנד, און מיין מאַמע זוכט די שליסעלעך...

... פאַר וואָס בין איך נישט ענטלאָפען איידער איך בין דאָ אַריין געקומען? פאַר וואָס בין איך נישט דורך דעם וואַלד דאָרט ווייטער ענטרונען ביז אַזש אַראָב צו די הָרֵי־חֹשֶׁך?...

„וואו ביזט דו געווען דעם גאַנצען טאָג? אין דעם חֵדֶר?!” האָט די מאַמע געלאַסען און מיט אַ שטרענג קול געפרעגט.

מיין קאָפּ האָט מיר געשווינדעלט און מיינע אויגען האָבען זיך אויף אַ מינוט פערמאַכט...

„ער איז נִפְטָר געוואָרען!”, האָט זיך מיר אַרויסגעגליטשט פּלוצלינג פון'ם מויל.

ווען מען זאָגט „ער”, ווייסען שוין אַלע, וועמען מען מיינט. „ער” – דער צדיק פון סמילאָוו.

איך ווייס נאָך ביז אויף דעם היינטיגען טאָג נישט, ווי אַזוי דער דאָזיגער געדאַנק איז געבוירען געוואָרען אין מיר. איך ווייס נאָר, אַז ווי איך בין אַזוי געשטאַנען, ציטערדיג און פלאַטערדיג פאַר מיין מאַמען און מיינע אויהרען האָבען געהערט איהר פראַגע, איז ווי אַ בליץ דורך מיינע געהירען אַדורכגעלאָפען דער דאָזיגער איינפאַל, און אַליין נישט ווייסענדיג וואָס איך רעד, האָבען זיך אויסגעשיטען איבער מיינע ליפען די שטליבע ווערטער: „ער איז נפטר געוואָרען! ...

איך האָב מיך באַלד דערשראָקען פאַר מיר אַליין, פאַר דעם קלאַנג פון מיינע אייגענע ווערטער ווי נאָר ער איז אָנגעקומען צו מיינע אויהרען. אין איין מינוט אַרום האָב איך שוין אַרויסגעפיהלט ווי שרעקליך, ווי פירכטערליך דער ליגענד איז.

שטיל איז פלוצלינג געוואָרען אין דער שטוב, שטיל און הייליגען ווי אויף אַ בית־עלמין. מען האָט דייטליך געקענט הערען דאָס זשומען פון אַ פליעג.

דער טאַטע איז אויפגעשטאַנען און האָט שוין נישט מעהר געהאַלטען דעם „קדושת לוי” אין דער האַנד. די מאַמע האָט זיך אַוועק געזעצט און האָט שוין נישט מעהר געזוכט די שליסעלעך.

נאָך עטליכע יודען זענען געווען ביי אונז אין דער שטוב, און אויך זיי האָבען געשוויגען. איינער נאָר האָט אַ טיעפען זיפץ געגעבען און איז מיט דער האַנד אַריבערגעפאָהרען זיך איבער'ן פנים; ער האָט, דאַכט זיך, פאַמעליך געמורמעלט: „ברוך דיין אמת!”

מיך אָבער האָט קיינער נישט קיין וואָרט מעהר איבערגעפרעגט. די מאַמע האָט זיך גאַר נישט אומגעקוקט אויף מיר. דער טאַטע איז געגאַנגען האַסטיג אַרויף און אַראָב אין דער שטוב. איך אַליין בין געשטאַנען שטיל און שטום ווי מיין שאָטען אויף דער וואַנד.

וואָס וואָלט איך דערנצמאָל נישט אוועק געבען, ווען איך וואָלט נישט געהאַט אַרויסגערעדט יענע שרעקליכע ווערטער! אָדער ווענינגסטענס ווען איך וואָלט געהאַט דעם כח פראַנק און פריי אַרויסצוזאָגען, אַז איך האָב מיר אויסגעטראַכט אַ שרעקליכע ליגענד!

פריה זענען אין יענעם אָווענד אַרויסגעקומען די שטערען, שפּעט האָט מען דערנצמאָל אָנגעצונדען די ליכט ביי אונז אין דער שטוב. מיין מאַמע איז נאָך אַליין געזעסען פאַר דעם פענסטער. מיר דאַכט זיך זי האָט אין דער פינסטער געוויינט.

מען האָט זיך געזעצט צום טיש און געגעסען. מיר דאַכט זיך, עס האָט קיינער אַליין נישט געוואוסט, אַז ער עסט. דער און יענער האָט געפּרובט עפּעס רעדען, די ווערטער האָבען זיך אָבער נישט געקלעפּט איינס צום אַנדערען און אַלע זענען ווידער געבליעבען שטיל און שטום.

„שלום יעקב!" האָט זיך פּלוצלינג מיין מאַמע אָנגערופען, זיך צום טאַטען ווענדענדיג. „שלום יעקב! פאַרטאָגס וועסטו לאָזען איינשפּאַנען און וועסט „אַריבער" פאָהרען".

דער ביסען איז מיר געבליעבען שטעקען אין דער קעהל. איך האָב פערשטאַנען פון וואָס מען רעדט: אַ ר י ב ע ר פאָהרען, הייסט עס, און די לויה נאָך אָנטרעפען...

„געוויס, געוויס!" האָט מיין פאָטער געענטפערט און האָט זיך געגלעט די באָרד און האָט אָנגעקוקט אין איהר עטליכע גרויע האָר.

„עס איז וואונדערליך!" האָט זיך אָנגערופען איינער פון די יודען — שוין אחרון של פסח, וואו מיר זענען „דאָרט" געוועזן, האָט עס מיר נישט געוואָלט געפעלען. עפּעס דער מיחוש אין דעם פוס האָט מיר נישט געפאַלען"...

יעדעס וואָרט איז געווען פאַר מיר אַ שטאָך מיט אַ שפּילקע סאַמע אין מיטען האַרץ. דער קאָפּ האָט זיך מיט מיר גע־דרעהט און אין די אויהרען האָט עס מיר געקלונגען. איך האָב

פלוצלינג מורא געקרוגען , מען זאָל מיך נאָר נישט אָנקוקען — די מאַמע זאָל מיך נאָר נישט אָנקוקען .

„מײַן קינד , עס איז צײַט שלאָפען צו געהען !" האָב איך פלוצלינג געהערט די מאַמע צו מיר רעדענדיג .

עס האָט דאָס מאָל נישט אַזוי האַרט און אַזוי שטרענג געקלונגען ווי אײַן אַנדער מאָל . אַדרבא , זי האָט דאָס מאָל עפּעס אַזוי ווייך און אַזוי מילד צו מיר גערעדט . — אָך , טויזענד מאָל וואָלט שוין בעסער געווען , ווען זי וואָלט גראָד דאָס מאָל זיך בעזערען און שרײַען און שלאָגען מיך !

„עס איז צײַט שלאָפען צו געהען", האָט זי נאָך אַ מאָל געזאָגט . „מאָרגען וועסטו פריה אויפשטעהן . . .

און איך בין געגאַנגען .

וויפיעל מאָל איך האָב אין דעם אָווענד אָנגעהויבען קריאַת־שמע לייענען און האָב אַלץ נישט געענדינט , ווייס איך אַלײן נישט . איך געדענק נאָר , אַז ווי איך האָב מיר דעם לינקען שטיוועל אויסגעטהון , זיטצענדיג אויפ'ן בעט , האָב איך פערגעסען אויסצוטהון אויך דעם רעכטען און בין אַזוי געזעסען , פערטראַכט און פערקלעהרט , מי יודע ווי לאַנג . דרויסען האָט אָנגעהויבען געהען אַ שלאַקס־רעגען , און איך האָב נישט געהערט און נישט געפיהלט . נאָר שפּעטער ערשט , ווי עס האָט אָנ־געהויבען צו דונערן און צו בליצען , אַז דאָס גאַנצע הײַזעל האָט זיך געשאָקעלט , האָב איך מיך אויפגעכאַפּט און האָב מיך געוואָרפען אויפ'ן בעט .

און ווי איך האָב זיך אײַנגעטולעט אין די קישען און די דעק , האָב איך געשפּיערט ווי די בײנער ציטערען אונטער מיר . איך האָב אָנגעהויבען צו פערשעלטען דעם וואַלד און דעם גרינען סכך און דאָס וואַסערעל און אַלעס וואָס האָט מיך פערפיהרט . איך האָב אָנגעהויבען זיך אַלײן צו פערשעלטען און אַ׳עס וואָס איך האָב אין דעם דאָזיגען טאָג געטהון און גערעדט — פלוצלינג איז מיר עפּעס אַרײַן אין דעם זין , אַז די

גאַנצע מעשׂה איז גאָר נישט געשעהען און נאָר געחלומ'ט האָט זיך מיר. א מינוט שפּעטער אָבער האָב איך שוין װידער געשפּירט װי איך גליה און ליעג אין שװייס.

און מאָרגען? מאָרגען פריה װאָס װעט זיין? — נאָך עטליכע שעה, און דער שרעקליכער אמת מוז דאָך אַרױס־קומען! אַלע יודען פון דער גאַנצער שטאָדט, אַלע יודען פון דער גאַנצער מדינה װעלען דאַן װיסען װאָס איך האָב געטהון...

און נישט בלױס דער פּחד פאַר דעם אמת װאָס װעט מאָרגען אַרױסקומען, נאָר נאָך אַ פיערכטערליכער געדאַנקען האָט מיך געקװעלט: דאָס שלעכטע װאָס איך האָב גערעדט אויף „איהם", דאָס װאָס איך האָב געזאָגט אַז „ער" איז שוין אַ נפטר, „ער", װאָס איך אַליין װאָלט דאָך אַװעקגעגעבען אַלע מאָל מיין לעבען, אַז ער זאָל נאָר לעבען אײביג, אײביג... איך האָב דעמצמאָל שוין געװאוסט װאָס עס הײסט: „אַל תּפתּח פּה לשׂטן— דעם שׂטן טהאָר מען נישט מאָלען אויף דער װאַנד", און מיין בלוט האָט אָנגעהױבען אין מיר געגליװערט צו װערען.

און שטאַרק האָב איך אָנגעהױבען צו װיינען.

אַך, אַז איך װאָלט נאָר קענען איצט שטאַרבען! אַז איך װאָלט נאָר נישט דערלעבען מאָרגען פריה אויפצושטעהן!...

און װי איך בין ענטשלאָפען געװאָרען, האָבען מיך שרעקליכע חלומות געקװעלט און געפּייניגט.

אַ גרױסע עדה יודען, טױזענדער און װידער טױזענדער מענשען, זענען נאָכגעגאַנגען נאָך אַ לויה דורך דעם װאַלד, און פאַר דער מטה האָט געטאַנצט דאָס קלײנע שײגעצעל מיט דער גרױסער בײטש. װי איך האָב מיך גוט צוגעקוקט, האָב איך גע־זעהען אַז עס איז נישט דאָס שײגעצעל, נאָר די געלע קוה איז עס מיט דעם גלעקעל, און זי געהט אָנגעטהון אַ קרענצעל בלומען װאָס דאָס קלײנע מעדעלע האָט געפלאָכטען, און אַלע שרײען: אַ הלול השם, אַהלול השם! — און איך שרײ מיט אויפ'ן קול:

„אַ חלול השם, אַ חלול השם!" און מיין מאַמע חאַפּט מיך אָן פאַר די האַנד און שרייט: „הערט יודען! אָט דער בן סורר ומורה האָט איהם געהרגעט! אָך און וועה צו מיר, אַז איך בין דאָס די מאַמע פון אַזאַ זוהן!"... און איך הער דאָס אַלעס און איך לויף אַהין ביז צום וואַסערעל און שפּרינג אין איהם אַריין...

און ווייטער ווייס איך נישט מעהר, אויב איך האָב געחלומ'ט אָדער געוואַכט: די שלעפען האָבען מיר מאָדנע געהעמערט. די צונג איז מיר געוועזען טרוקען אין גומען. דאָס העמד איז געוועזען נאַס אויף מיר פון שוויים, און פאָרט איז מיר הינטען אין רוקען געוועזען מאָדנע קאַלט. באַלד אָבער האָט אָנגעהויבען צו קלינגען אין די אויהרען און דורך אַלע גאַסען און פאַר די אויגען האָבען זיך אָנגעהויבען צו דרעהען גרויסע און קליינע רעדער און פייער־דיגע און פלאַמעדיגע רעדלעך...

* *

*

עטליכע טעג זענען פאַרביי געגאַנגען.

איך ליעג נאָך אַלץ אין דעם אייגענעם בעטעל, אין וועלכען איך האָב זיך געלעגט דענצמאָל אין יענעם אָוועגד. אויף אַ טישעל נעבען מיר ביים בעט זעה איך שטעהן פערשידענע פלעשלעך מיט מעדיצינען, און עפּעס אַ הערר – דאַכט זיך, דער דאָקטאָר ראָזענטהאַל איז עס – שטעהט און האַלט מיין האַנד אין זיינער. מיין מאַמע זיצט אויף מיין בעטעל און קוקט מיך אָן און איהרע אויגען זענען פול מיט טרעהרען.

„איהר מעגט איצט גאָט דאַנקען!" הער איך דעם דאָקטאָר רעדען צו דער מאַמען. „נאָר נאָך אַ קליין רעצעפּטעל וועל איך פערשרייבען... קיין טיפוס איז נישט דאָ מעהר!"...

מיין מאַמע האָט זיך אַראָב געבויגען צו מיר און האָט מיר אַ קוש געגעבען.

איך האָב זי אָנגעקוקט מיט אַ פאַרשענדען בליק. האָבע,

זיי געוואוסט וואָס איך האָב געטהון ? האָט מען מיר שוין מוחל געוועזן ?... מיין מאַמע האָט זיך ווידער אַראָבגעבויגען איבער מיר און האָט ווידער מיך געקושט און געקושט...

„נישט רעדען, נאָר נישט רעדען, מיין קינד!" האָט זי געזאָגט.

אָבער געקלונגען האָט מיר פאָרט נאָך אַלץ אין די־אויהרען:

„ער איז נִפְטָר געוואָרען!"

אינהאלט.

1	דאס קליינע מלאכ׳ל	3—23
2	קידוש לבנה	24—30
3	נאר איין שבת	31—39
4	תתחדש	40—48
5	ליכט	49—54
6	דער גולם	55—87
7	איך אויף זומער וואוינונג	88—96
8	ביי א ספר תורה	97—106
9	דער קינסטלער	107—113
10	ווען די טויטע וואלטען קענען רעדען	114—123
11	רבי מאיר בעל־נס פושקע	124—133
12	ווי איך האב זיך אליין א פאגראם געמאכט	134—140
13	געגעסען	141—153
14	מצוה	154—171
15	וועגען איין איינציג פינטעלע	172—178
16	ער איז נפטר געווארען	179—189